STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 05511

UNDZER YUGNT

Permanent preservation of this book was made possible
by Marvin Bendavid
in memory of
Hagai & Shulamit Bendavid

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

אונדזער יוגנט

גענזאמעלטע ארבעטן פון שיקאגאר ארבעטער
רינג מיטל שול און עלעמענטאַר שול תלמידים
און תלמידים פון שלום עליכם פאָלק שולן,
און באַגריסונגען פון לערער און טוער.

רעדאַקציע:

ב. גראָבאַרד

ארויסגעגעבן פון דער פאַראייניקטער מיטל
שול פון ארבעטער רינג און שלום עליכם
פאָלק אינסטיטוט.

879 לייבאר וואירלד פרעס, 508 ס. קעדזי עוועניו, שיקאגא

אריינפיר

די לעצטע עטלעכע יאר זיינען געווען קאטאסטראפאלע יארן אינ׳ם לעבן פון די יידן אין אייראפע. זיי זיינען געווען נישט נאר יארן פון פיזישער אויסראטונג, נאר אויך פון גייסטיקן חורבן. נישט נאר האט מען דערמארדעט אונדזערע היינטיקע שמעון בר גיוראס, נאר אויך אונדזערע יוחנן בן זכאים. קיין נייע יבנהס זיינען אויך נישט אויפגעשטעלט געווארן. דער בר כוכבא קאמף אין דער יידישער געטא איז געווען דער לעצטער העראאישער ווײ געשריי פון א שטארבנדיקן קולטור צענטער. די דייטשע רוצחים האבן קיין זכר נישט געלאזט פון דעם רייכן, פיל פארביקן לעבן פון יידן אין פוילן.

עס איז געווען אוממעגלעך, אז די רעוואלט געשרייען, און די לעצטע גסיסה קרעכצן זאלן נישט גרייכן אונדז און זיך ארייננרייסן אין אונדזער רואיקן אקאדעמישן געמיט פון דער מיטל שול. מיר דא האבן זיך געראנגלט צווישן יאוש און האפענונג, גלויבן אין אונדזער געמיינשאפטלעכן גורל מיט דער פראגרעסיווער וועלט, און טיפן צווייפל אין דער וואכזאמקייט פון דער וועלטס געוויסן בנוגע יידן. מען האט געקאנט ברענגען פאלן פון מיטהילף און שטיצע מצד דער ניט יידישער וועלט; עס זיינען אבער אויך געווען מער פאלן פון רציחות און מערדערייען פון דער זעלבער נייטראלער גויאישער וועלט. עס איז געווען שווער ענדגילטיק צו באשטימען די אמתע פונדאמענטאלע באציאונג פון דער גויאישער וועלט צו אונדז.

די תלמידים אין דער מיטל שול האבן זיך געראנגלט מיט ביידע מעגלעכקייטן, די לערער זיינען געשטאנען פארווירטע און ניט געווען זיכער וואס אונטערצושטרייכן אלס דעם וויכטיקן פאקטאר אין דער באציאונג פון דער וועלט צו אונדז. און ווי אזוי

דארף מען בכלל אויפנעמען דעם יידישן אומגליק. צי דארף מען עפענען די טירן און פענצטער פון דער שול צו אלע היינטצייטיקע הרת עולמדיקע פאסירונגען, אדער אפהיטן אקאדעמישע אפגעזונדערטקייט און בלויז עפענען א "לופטשיק" צו דער וועלט און קאנט־ראלירן די געשרייען און וויטיקן פון דרויסן כדי נישט צו דערשטיקן דעם ווילן צו לערנען, פארשטיין און שאפן אין די ראמען פון אמעריקאנער לעבנס שטייגער און סביבה. פון איין זייט האט אונדז דער צער און פיין פון אונדזערע ברידער מעבר לים געשטויסן ארויפצולייגן אויף די אקסלען פון אונדזערע לוסטיקע בחורים און מיידלעך דעם גאנצן עול פון יידיש טראגישן גורל; פון דער אנדערער זייט האבן מיר זיך גע־שראקן, אז אזא שווערער עול וועט אינגאנצן דערדריקן די יידישקייט אין זיי, האבן מיר געמאכט אלערליי פשרות. מיר האבן געפילט, אז די קינדער מוזן אויפ־נעמען דעם גאנצן קאנפליקט, וואס דארף באשטימען דעם יידישן קיום פאר דער צוקונפט. אמת, א טיפער באוואוסטזיין וואלט אין זיי געשאפן א שטימונג פון עלנט און איינזאמקייט. זיי וואלטן געזען ווי דער טאג שטארבט אין אונדזער שיקאגער הימל, און די לופט איז גרוי מיט די שאטנס פון בין השמשות. נישטא קיין חברים צו וועמען אויסצושטרעקן די האנט אין פריינט־שאפט און אין קאמף. יונגע יידן אליין קעגן דער וועלט.

מיר האבן דעריבער געמאכט עקסקורסיעס צו אלערליי געשיכטלעכע עפאכעס כדי צו געפינען טרייסט און גלויבן. מיר האבן געלערנט, אז נישט די פאקטן זיינען אלע מאל וויכטיק, נאר דער עסענץ הינטער די פאקטן. מיר האבן אויף די היסטארישע וועגן געלערנט די וויכטיקייט פון מאראל און גערעכטיקייט, דער עקשנותדיקער גלויבן, אז די רייד פון די נביאים, סופרים, פרושים און גאונים מוזן מקוים ווערן. פון דארט זיינען מיר צוריק געקומען צו אונדזער היינטיקן

לעבן מיט א נייעם בליק אין אונדזער אויג א נײַ ליכט אין אונדזער האַרץ, און א נייע שטימונג אין אונדזער געמיט. מיר האָבן בעסער באַנומען דעם יידישן גורל. מיר האָבן פאַרשטאַנען דעם עקשנות'דיקן קאַמף אין מסדה ווי דעם קאַמף פון די געטאָ מאַרטירער. מיר האָבן פאַרשטאַנען דעם טויט פון ר' עקיבא ווי דעם טויט פון פּראָפ. באַלאַבאַן און אַרטור זיגעלבוים, דעם טויט פון חנה מיט אירע זין ווי דעם טויט פון מאַמעס און קינדער אין פּוילן. מיר האָבן דערשפּירט המשך. מיר האָבן אויף די בלעטער פון יידישער געשיכטע, אין אַלערליי כראָניקעס געפונען באַגאַזש פאַרן נצח ישראל. אונדזער אייביקע אהאַסווער ראַליע און מיסיע אין דער וועלט. א מיסטישער וועג פאַר אונדזערע זאַטע ראַציאָנעלע אַמעריקאַנער קינדער. אָבער מיר האָבן גע־פּרוּווט געפינען א מיטן וועג, וואָס זאָל האַרמאָנירן מיט זייער געמיטס צושטאַנד, דערפאַרונג און אויפנעם פייאיקייט. איך גלייב, אַז ס'איז אונדז אין א גרויסער מאָס געלונגען. די קינדער האָבן דערזען דעם וועג פון חורבן צו אויפבוי, און וועלכע כוחות און פאַקטאָרן ווירקן אין דעם פּראָצעס.

אין זייערע אַרבעטן האָבן זיי געפּרוּווט אויף זייער סטודענטישן שטייגער זיך דערגרונטעווען צו וואָרצל. כוחות אין אונדזער געשיכטלעכן גאַנג.

לויט דעם פּאַרנעם דאַרף מען זיך ניט שעמען פאַר די העכסטע יידישע און אַלגעמיינע בילדונגס אינסטיטו־ציעס. מיר פּרוּוון באַלאַדן די סטודענטן מיט אַזוי פיל יידישן וויסן וויפיל זיי קאָנען אויפנעמען. אין די אַרבעטן זעט זיך וייניק דער ברייטער און טיפער קורס אין ליטעראַטור וואָס זיי קריגן. פון משהן ביז י. י. סיגעל. פון איבן גבירל ביז לעיעלס און גלאַטשטיין. דאָס זעלבע איז אמת וועגן פרייהייטס באַוועגונגען און אַנדערע געגענשטאַנדן. אַלץ האָט נישט געקאָנט אַריינ־גיין אין בוך.

די יוגנט רעדט, זי שטאַמלט אָפט מאָל, זי ראַנגלט

זיך, זי האָט ספיקות, בלאַנדזשעט, פאַרלירט דעם וועג און קומט צוריק אויפן ברייטן שאָסיי פון יידישן לעבן. לאָמיר זיי ווינטשן גליק. זאָלן זיי דערלעבן צו זען א פרוכטבאַר, שעפעריש גאַנץ יידיש לעבן אין די פאַראייניקטע שטאַטן, א ווידער אויפבוי פון יידישן לעבן אין אייראָפּע, א בליענדיקן יידישן ישוב אין ארץ ישראל. און זאָל עס זיי סטימולירן צו שאַפן און בויען. אויף די וועגן פון יידישער געשיכטע זיינען זיי געוואָר געוואָרן, אַז א וועלט איז נישט הפקר. עס איז דאָ אַזא זאַך ווי דין וחשבון. יעדעס פאָלק און יעדער יחיד טראָגט אחריות פאַר זיין לעבן, און זיין ראָליע איז עפּעס מתקן צו זיין, אָט דער דין וחשבון מאָטיוו איז געשיכטע דאַרף זיין פאַר זיי א טרייסט און א סטימול. דאָס זעלבע איז אמת וועגן דעם קידוש השם מאָטיוו. דעם מאָטיוו האָבן זיי געפונען כמעט אויף יעדן בלאַט פון אונדזער טויזנטער יאָריקן לעבן. ווי א ברענענ־דיקע זון לייכט און וואַרימט דער מאָטיוו אונדזער בלוטיקן וואַנדער וועג אין אַלע צייטן און אין אַלע לענדער. זאָלן זיך אונדזערע תלמידים אָראָפּנעמען א מוסר השכל דערפון פאַר זייער אייגן לעבן. זיי האָבן די מאָטיוון געלערנט אין קינסטלערישער באַאַרבעטונג ביי פּרצן, לייוויקן, אָפּאַטאָשון, אַשן און פיל אַנדערע יידישע שריפטשטעלער.

לאָמיר האָפן, אַז די וואונדן אונדזערע וועלן זיך פאַרהיילן, דער קאַשמאַר וועט פאַרשווינדן און מיטן אַלטן טיפן גלויבן אין אונדזער קיום וועלן מיר שאַפן א ניי יידיש לעבן אין אַמעריקע, מיר וועלן שאַפן און בויען אויף אַלע פעלדער פון יידישער און מענטש־לעכער אַקטיוויטעט. און די שול וועט זיין דער עמוד האש, וואָס וועט באַלייכטן אונדזער וועג. לאָמיר האָפן און גלייבן. און מיט אונדזער גלויבן וועט אויפגיין א נייע זון און א ניי לעבן.

ב. גראַבאַרד

נ. כאַנין

25 יאָר יידישע קולטור אַרום דעם אַרבעטער רינג
גליקוואונשען פון דער באָארד און דזשואיש עדיוקיישאָן

ווען מיר פייערן דעם 25־יאָריקן יובילייאום פון אונדזערע שולן זיינען מ י ר אממערסטענטייל פאַראינטערעסירט אין אונטערפירן א סך־הכל וואָס עס איז אויפגעטאָן געוואָרן אויף דעם געביט פון אידישער דערציאונג אין אמעריקע און אין קאַנאַדע דורך די שולן פון ארבעטער רינג. און עס איז נישט שווער וועגן דעם צו שרייבן. עס איז לייכט אָנצוצייגן ווי ווילד עס איז געווען דער באָדן פאַר אידישע דערציאונג מיט 25 יאָר צוריק און וויפיל באָדן עס איז בעארבעט געוואָרן. וויפיל וועגן עס זיינען אויסגעטראָטן געוואָרן אויף דעם געביט פון אידיש־וועלטלעכער דערציאונג. מען קען מיט רעכט דערווייזן, אז אין 1917 האָט דער ארבעטער רינג געהאט נאָר איין שול און וואו עס האָבן זיך געלערנט א הונדערט קינדער און אין 1943 האָבן מיר 147 שולן פון פארשיידענע טיפן וואו עס לערנען זיך יערלעך פון 7 ביז 8 טויזנט קינדער. מען קען אָנצייגן היינט אויף הונדערטער תלמידים וועלכע זיינען אונדזערע שולן דורכגעגאַנגען און ריידן און שרייבן א זאַפטיקן אידיש און נאָך א גרעסערע צאָל אויף וועלכע עס קען אָנגעוויזן ווערן, זיינען געוואָרן נאָענט צו אונדז, לעבן מיט אונזערע פריידן און אויך ליידן, באַנעמען אונדזער לעבן, און ניט נאָר פארשטייען אונדזער גייסט, נאָר זיי זיינען געוואָרן א טייל פון אונדז.

מען קען אָנצייגן אויף די פּעדאַגאָגישע דערגרייכונגען. מיט 25 יאָר צוריק האָט קיינער ניט געוואוסט ווי אזוי פּעדאַגאָגיש צו לערנען מיט אונדזער קינד. ניט נאָר האָבן מיר ניט געהאַט קיין צוגעגרייטע לערער אויף דעם געביט, נאָר דער בעסטער לערער אונטער יענע באַדינגונגען, האָט ניט געהאַט קיין געצייג, ניט קיין לערן־ביכער, פון אידיש אלס א צווייטע שפּראַך, ניט קיין לערן־ביכער פון געשיכטע, פון אידישער ליטעראַטורי יע דער איינציקער לערער האָט געדאַרפט שאַפן זיין סיסטעם און אַפילו זיין אייגענע פּראָגראַם און היינט, זיינען דאָ פעסטגעשטעלטע פּראָגראַמען, אויסגעארבעטע כ ל ל י ם, לער־ביכער, אויסגעבעסערטע און פארבעסערטע, קינדער זשורנאַלן, פּעדאַגאָגישע בולעטינס וועלכע אינפאָרמירן און לערנען דעם לערער וועגן די גייסטע און בעסטע מעטאָדן דורך ווטלכע מעי זאָל קענען אריינציען דאָס קינד אין אונדזער שול און אויך זי אָנהאַלטן.

עס איז א געוואַלדיק גרויסע דערגרייכונג. ניטאָ קיין שום אורזאַכן אויף צו באַקלאָגן זיך. פארקערט, עס זיינען דאָ אלע אורזאַכן צו פרייען זיך און צו זיין שטאָלץ מיט די דערגרייכונגען.

אויב עס זיינען דאָ פּראָבלעמען אין אונדזער שול וועלכע רופן ארויס פּעסעמיסטישע געפילן אמאָל, שטימונגען פון שטילן צווייפל, זיינען דאָס ניט קיין שול פּראָבלעמען אליין. אזוינע

פּראָבלעמען זיינען דאָ ארום דער אידישער פּרעסע, ארום דעם אידישן טעאטער, ארום דעם אידישן בוך. נאָכאַמאָל, דאָס זיינען ניט קיין שול פּראָבלעמען אליין. דאָס זיינען פּראָבלעמען פאר אלע ווינקעלעך פון אידישן לעבן. פּראָבלעמען פארן גאנצן אידישן פאָלק.

קיין מאָל איז פאר אונדזער פאָלק ניט געשטאנען אזוי שאַרף די האמלעט פראגע "צו זיין אָדער ניט צו זיין" אָבער די פראַגע אין איר שארפסטער און פּיינליכסטער פאָרם איז שוין ניט איין מאָל אוועקגעשטעלט געוואָרן פון שווערע טראגישע פּאסירונגען פאר דעם אידישן פאָלק. אוןדאָס פאָלק האָט אלע מאָל ניט אויף א האמלעטישן אופן, נאָר אויף א זייער איינפאכן, פאָלקס אופן געגעבן אן ענטפער אויף דער פראגע. "מיר וועלן זיין." און אויך איצט, שרייבט פאר אונדזער לעבן ניט דאָס לעצטע בלאט אין אונדזער העראָאישער פאָלקס געשיכטע.

אונדזער שול באוועגונג פארשטאַרקט נאָר דעם פאָלקס ווילן אז מיר זאָלן בלייבן לעבן.

אָבער ניט וועגן די שולן און די ארבעט אין די קלאַסן און די דערגרייכונגען מיט אונדזערע קינדער אויף דעם געביט וויל איך איצט ריידן. איך וויל ריידן וועגן דעם, וואָס פאר א גרויסע דערציערישע און נאציאָנאַלע ראָל אונדזער שול האָט געשפּילט און שפּילט איצט אין דעם אידישן קולטור לעבן פון אמעריקע.

איך באַגעגן א גאנצע רייע קולטור מענטשן וועלכע שטייען ווייט פון אונדזער ארבעט, וועלכע בענטשן דעם ארבעטער רינג פאר דער גרויסער, לויט־זייער אָפּשאַצונג היסטאָרישער ראָל אויפן געביט פון אידישער דערציאונג אין אמעריקע. דאָס זיינען אונדזערע נאָענטע פריינט. יעדער דערפאָלג פון אונדזער שול באוועגונג איז זייער דערפאָלג און פארקערט, און דאָך האָבן זיי א באגריף אז דער דערפאָלג פון די ארבעטער רינג שולן ליגט אין דעם וואָס דער ארבעטער רינג איז א גרויסע און רייכע אָרגאניזאציע, און גיט אוים א ריזיקן פארמעגן פון זיין איינָנאָמע פאר אויפהאלטן שולן.

נו, איז אז עס איז דאָ געלט און עס זיינען דאָ א פּאָר מענטשן וועלכע עס ווילן זיך מתעסק זיין מיט דעם, איז שוין דער דערפאָלג א זיכערער און ער דאַרף ניט ארויסרופן קיין באַוואונדערונג.

איז דאָס טאקע אזוי? ניין, אונדזערע פריינד מאכן א טעות אין חשבון. דער ארבעטער רינג גיט אוים א יאָהר פאר אויפהאלטן אונדזערע שולן ארום א האלבן מיליאָן דאָלער. ארום 65 טויזענט דאָלאר קומט אריין פונם ספּעציעלען פאָנד צו וועלכן די מיטגלידער צאָלן אויף אויפצוהאלטן די שולן. ארום $150,000 קומט אריין פון שכר־לימוד און נאָענט פון $300,000 דאַרף מען שאפן.

ווער זיינען דאָס די שאפער פון די $300,000? דאָס איז די גרויסע ארמיי פון אידישע פאָלקס־מענטשן, מיטגלידער פונם ארבעטער רינג און ניט־מיטגלידער פונם ארבעטער רינג, וועלכע קאָנצענטרירן זיך ארום יעדער איינציקער לאָקאלער שול באזונדער. דאָס איז א וואונדערבארע ארמיי. דאָס זיינען מענטשן וועלכע עס האָבן אן אינטערעס אז דאָס אידישע קולטור לעבן זאָל פאָרטגעזעצט ווערן. און אמת, אז דער הויפט צוועק איז צו געבן א דערציאונג די אידישע קינדער געבוירן אין אמעריקע. אָבער עס איז דאָ א צווייטער אינטערעס — אפשר אזוי וויכטיק ווי דער ערשטער — און דאָס איז אליין ניט אָפּגעריסן ווערן פון אידישן קולטור לעבן. און טאקע דערפאר זיי־

נען אונדזערע שול צענטערן פארוואנדלט געוואָרן אין קולטור צענטערן פאר דערוואקסענע. אידישע פרויען ענטזאגן זיך אָפּטמאָל פון דעם עלעמענטארן מענטשלעכן פארגעניגן ווי צו גיין זען א "מואווי" אָדער פארברענגען אין דער געזעלשאפט פון זייער אייגענער און נאָענטער משפחה אָדער צו שפּילן "ברידזש" וואָס איז היינט די פארכאפּענדע מגפה צווישן אידישע פרויען. זיי גייען צו א לעקציע אראנזשירט פון דער שול, זיי גייען צו א לייען־קרייז וואו מען לייענט און מען באקאָנט זיך מיט דעם בעסטדערשיינענעם אידישן בוך, מען גייט צו קלאסן פון אידישער געשיכטע, אראנזשירט פונם לערער פון שול, מיט איין וואָרט — אונדזער שול איז פאר טויזענטער פארוואלטער געוואָרן דער פּלאַץ פון קענען גייסטיק אויסלעבן זיך און ניט אָפּגעריסן ווערן פון אלץ וואָס איז קאָנסטרוקטיוו און שיין אין אונדזער לעבן.

אמת, אונדזערע שולן אראנזשירן אויך פארוויילונגען. אָבער וואָס זיינען דאָס פאר א פארוויילונגען? דאָס זיינען קאָנצערטן, ביי וועלכע מען זינגט די בעסטע אידישע פאָלקס און ארבעטער מאָטיוון פון אלטען און נייעם קוואל, אָדער עס ווערן דורכגעפירט פּראָגראמען פון קינדער טענץ אויף נאציאָנאלע און סאָציאלע מאָטיוון. אָדער א גוטער פאָרלייענער לייענט פאָר די בעסטע הומאָרעסקעס וועלכע רופן ארויס הארציקן און אנגענעמען געלעכטער. עס איז גענוג צו דערמאָנען איין ציפער וועלכער גיט א בילד ווי גרויס עס איז דער פארנעם פון לעקציע און קאָנצערט אָוונטן, סיי אין אונדזער אָרגאניזאציע סיי אין די ארבעטער רינג שול צענטערן. דעם לעצטן יאָר האָבן אין ניו־יאָרק, פילאדעלפיע, און א גאנצע רייע שטעט אין ניו־יאָרק סטייט באזוכט אונדזערע קאָנצערטן און לעקציעס איבער 200 טויזענט, און אונדז פארדריסט וואָס מיר האָבן ניט קיין גענויע סטאטיסטיק פון דעם באַזוך ביי די ארבעטער רינג קאָנצערטן און אָפּן פאָרומס פון אזוינע שטעט ווי באָסטאָן, באלטימאָר, קליוולאנד, דעטראָיט, שיקאגאָ, לאָס אנדזשעלעס, א גאנצע רייע קלענערע שטעט אין מיטל־וועסט ווי אויך אין די סאות.

איך בין זיכער, ווען מיר וואָלטן א גענויע סטאטיסטיק גענומען, וואָלט מען געקאָנט דערוויזן, אז אין פארלויף פונם ווינטער ברענגען מיר קולטורעלע דערהויבונג און גייסטיקן פארגעניגן צו נאָענט פון א האלבן מיליאָן אידן אין די פאראייניקטע שטאַטן און אין קאנאדע.

ביי דעם לעצטן צוזאמענפאָר פון דער "ציקאָ" האָט מען באריכטעט וועגן דעם דערפאָלג פון דער אידישער ענציקלאָפּעדיע, וועגן די דערגרייכונגען פאר דער "צוקונפט" א גרויסע צאָל לייענער, וועגן דער נייער גרויסער אונטערנעמונג פון שאפן א ביכער פארלאג און ביכער פארשפּרייטן און יעדער איינציקער וואָס האָט געהאט מיט דעם צו טאָן, ווייס, אז די טוער ארום די ארבעטער רינג שולן אין גאנצן לאנד האָבן זיך אקטיוו באטייליקט אין מעגלעך מאכן דעם באדייטענדן דערפאָלג.

נו, און וואָס איז מיט דעם אייגענעם ארבעטער רינג פארלאג? אין פארלויף פון די לעצטע דריי יאָר, האָבן מיר פארשפּרייט איבער הונדערט טויזנט ביכער פאר קינדער און דערוואקסענע. אויב מיר קענען מיט זיכערקייט ניט זאָגן וויפיל ביכער האָבן ארויסגעגעבן ספּעציעל פאר דערוואק־

סענע האָבן געלייענט אונדזערע קינדער, קענען מיר אָבער מיט אבסאָלוטער איבערצייגונג זאָגן, אז יעדן בוך וואָס מיר האָבן ארויסגעגעבן פאר קינדער צו לייענען, האָבן אויך געלייענט די דערוואקסענע, זייערע טאטעס און מאמעס. וועגן דעם האָבן מיר געפירט פּראָפּאַגאנדע און מיר ווייסן אז מיר האָבן דערגרייכט א גרויסע צאָל רעזולטאטן.

צו אונדזער 25־יאָריקן יובילייאום פון די שולן דארפן מיר זיך ניט נאָר פרייען מיט דאָס וואָס מיר האָבן דערגרייכט אין די קלאסן — מיר דארפן זיך זייער שטאַרק פרייען אויך מיט דעם וואָס טויזנטער אידישע פאָלקס מענטשן זיינען ניט אָפּגעריסן געוואָרן פון דער מאָדערנער אידישער קולטור א דאנק אונדזערע לערער, א דאנק אונדזערע שול פארוואלטער.

▼

גליקוואונשען פון דער באָארד אָוו דזשואיש עדיוקיישאָן

אין נאָמען פון די באָרד אָוו דירעקטאָרן פון באָרד אָוו דזשואיש עדיוקיישאָן, אין נאָמען פון מיינע מיטארבייטער אויפן געביט פון אידישע דערציאונג, באגריס איך די ארבעטער רינג שולן צו זייער 25 יאָריקן יובילעאום, וואָס זיי, ווי א סך אנדערע דערציאונגס אנשטאלטן אין שיקאגאָ, זיינען אָנגעשלאָסן אין דער דערציאונגס סיסטעם פון דער באָרד אָוו דזשואיש עדיוקיישאָן. אַלס א טייל פון דער סיסטעם געניסן זיי פון די פּריווילעגיעס און דינסט וואָס די צענטראלע דערציאונגס אינסטיטוציע — באָרד אָוו דזשואיש עדיוקיישאָן — גיט די יעניקע דערציאונגס אנשטאלטן, וואָס האָבן א פּאָזיטיווע באציאונג צו אידישע גייסטיקע ווערטן און צום אידישן לעבן אין אלע זיינע פאזן. מיט דעם אָנשלוס פון פארשיידענע שולן מיט פארשיידנארטיקע געדאנקען־גאנגען ווערט געלייגט דער פונדאמענט פון א פאראייניקטער אידישער קהלה.

די פּראָבלעמען פון אידישן דערציאונגס ווען זיינען קאָמפּליצירטע. מען קען זיי לייזן נאָר דורך דער קאָאָפּעראציע פון די פארשיידענע עלעמענטן פון אידישן ישוב אין שיקאגאָ, וואָס דערמעגליכט גלייכצייטיק יעדן עלעמענט פאָרטצוזעצן זיין דערציאונגס ארבעט לויט זיין אייגענעם פּראָגראם. די בשותפות'דיקע ארבעט וועט ניט נאָר העלפן לייזן פּראָבלעמען וואָס זיינען צו שווער פאר איינצעלנע גרופּן, נאָר איינפלאנצן אויך אין די קינדער דעם באוואוסטזיין, אז זיי זיינען א טייל פון כלל ישראל, און זיי האָבן א בשותפותדיקע פאראנטוואָרטליכקייט מיט אידישע קינדער וואָס באלאנגען צו אַנדערע ריכטונגען מיט אנדערע אידעאָלאָגיעס.

איך דריק אויס מיין צופרידנהייט מיט דעם פּראָגרעס וואָס איז געמאַכט געוואָרן אין די ארבעטער רינג שולן אינם פערטל־יאָר־הונדערט פון זייער עקזיסטענץ, סיי פּעדאגאָגיש און סיי אין פארשטארקונג פון אידישן באוואוסטזיין. ביי זייער גרינדונג זיינען די שולן געווען הויפּטזעכליך סאָציאליסטישע. האָבנדיג פאר זיך דעם מאָטיוו צו שאפן א קלאסן־באוואוסט־

זיין, איז דער אידישער מאָטיוו ניט געווען שטאַרק אונטערשטראָכן, אָבער אין משך פון יאָרן האָט זיך באַוויזן א טענדענץ מער און מער אנערקענען און אָפּשאַצן די ווערטן און די גייסטיקע אוצרות וואָס דאָס אידישע פאָלק האָט געשאַפן במשך פון דורות. שטרעבנדיק צו אידעאָלאָגישער האַרמאָניע מיינט ניט די פאַרטונקלונג פון יעדערנס ספּע־ציפישער אייגנאַרטיגקייט. איך גלויב אין פאַראייניקונג אָבער ניט אין "יוני־פאָרמיטי". איינע פון די וויכטיקסטע ביישטייערונגען פון אידישן פאָלק צו דער מענטשליכער קולטור איז—דער געדאַנק פון האַרמאָניע אין פאַרשיי־דענאַרטיקייט. אויב דער געדאַנק איז ריכטיק כלפי חוץ, און אויב, צום ביישפּיל, אונדזערע טענות, אז אונדזער לאָיאַליטעט צו אמעריקא ווערט פאַר־שטאַרקט דורך אונדזער לאָיאַליטעט צו אונדזערע אייגנאַרטיקייטן, און אז דער אמעריקאַניזם ציט זיין יניקה פון דער גייסטיקער פיל פאַרביקייט פון אמע־ריקאַנער בירגער, אז דער געדאַנק פונקט אזוי ריכטיק כלפי פּנים, אז די אידישע איינִיקייט איז טיף איינ־ע־וואָרצלט אין דער אידעאָלאָגישער פאַרשיידנאַרטיקייט. און אין דעם גייסט פון האַרמאָנישער צוזאַמענאַר־בייט דריק איך אויס מיין וואונטש לויט דעם העברעאישן אויסדרוק כה לחי!

לעאָ ל. האָנאָר, דירעקטאָר

באָרד אָוו דזשואיש עדיוקיישאָן

אין שיקאַגאָ.

▼

א. געבינער

אַ וויכטיקער קולטור אויפטו

פינף און צוואַנציק יאָר פון אַר־בעטער רינג שול טעטיקייט זיינען פאַריבער. דאָס איז אַ וויכטיקער קאַ־פּיטל, ניט נאָר אין דעם לעבן פון דער אַרב. רינג אָרגאַניזאַציע, נאָר אויך א וויכטיקער קאַפּיטל אין דעם אידישן אַרבעטער און פאָלקס לעבן אין אמע־ריקע, פּונקט ווי אין דעם אידישן קול־טור־געזעלשאַפטליכן לעבן.

עס איז געפירט געוואָרן אן אי־דעאָלאָגישער קאַמף אין די רייען פון דעם אַרבעטער רינג וועגן דעם צי עס ד'אַספן געגרינדעט ווערן אַרב. רינג שולן, וועגן דעם צי זיי זיינען נוי־טיק אויף דער אידישער אַרבעטער און פאָלקס גאַס. דער אידעאָלאָגישער קאַמף איז געווען אַן ערנסטער. איין צד, דער אזוי גערופענער צד פון "אינטערנאַציאָנאַליסטן" אָדער "אַסי־מילאַטאָרן", האָט געגלויבט, אז עס איז נישטא נויטיק אויפצובויען אויף דער אידישער גאַס אין אמעריקע א אידיש־סאָציאַליסטישע שול, וואָס זאָל זיין דורכגעדרונגען מיט אַלץ וואָס איז אידיש און מיט אַלץ וואָס איז פּראָג־רעסיוו אין דעם אַלגעמיינעם לעבן; א שול, וועלכע זאָל באַווירקן די קינדער דורך און מיט דער אידישער שפּראַך און מיט אַלץ וואָס עס האָט צו טאָן מיט דער אידיש־וועלטליכער קולטור.

די קעגנער פון א אידישער אַרב. רינג שול האָבן געגלויבט, אז דער אויפבוי פון אַזאַ שול איז א שטערונג אין דעם פּראָצעס פון דעם אזוי גערו־

פענעם אמעריקאנער שמעלץ טאפ. די אנהענגער פון דער ארב. רינג שול באוועגונג, אידישע סאציאליסטן, פון דער אלטער היים, אידישע סאציאליסטן וועלכע האבן ליב געהאט אלץ וואס די אמת דעמאקראטישע און פראגרעסיווע אמעריקע האט מיט זיך פארגעשטעלט; אידישע סאציאליסטן, וועלכע האבן ניט געזען קיין סתירה צווישן אמת'ער אמעריקאנישקייט און אידיש־וועלטלעכן נאציאנאליזם, האבן אט דעם אידעאלאגישן קאמף אויפגענומען און דעם קאמף געוואונען. אלס רעזולטאט פון דעם געוואונענעם קאמף איז אין די רייען פון דעם ארבעטער רינג עטאבלירט געווארן מיט 25 יאר צוריק, די ארבעטער רינג שול באוועגונג.

די הויפט אויפגאבע וואס די שול באוועגונג האט זיך געשטעלט ביי איר גרינדונג איז געווען: צו דינען אלס א בריק צווישן די הי־געבארענע אידישע קינדער און זייערע עמיגראנטן־עלטערן, אהער ־ אריבערגעקומענע. דער הויפט ציל פון דער ארב. רינג שול באוועגונג איז געווען צו באקאנען און פאראינטערעסירן די הי־געבארענע קינדער מיט דער אידישער שפראך, מיט דער אידישער ליטעראטור, מיט אידישער געשיכטע און מיט אידישע קולטור ווערטן און אזוי ארום אריינציען זיי אין דעם קרייז פון די אידישע אינטערעסן פון זייערע עמיגראנטן עלטערן. די שול האט אויך געהאט אן אנדער צוועק—דערציען די קינדער אין א סאציאליסטישן אדער פראגרעסיוון גייסט, כדי זיי זאלן ווערן אנגעהויכט און פאראינטערעסירט מיט דעם קאמף וואס זייערע עלטערן, ארבעטער און פאלקס מענטשן, האבן געפירט אין דער אלטער היים און אין דער נייער היים צוזאמען מיט אלע פראגרעסיווע און ארבעטער כוחות פאר א וועלט פון יושר, סאציאלער גערעכטיקייט און פעלקער פארשטענדעניש.

טראץ דעם וואס די ארב. רינג שול איז איבערהויפט געבויט געווארן אלס א דערציאונגס אנשטאלט פאר אידישע קינדער, איז זי אבער גאר אין גיכן אויך געווען גלייכצייטיק דער צענטער פון אידישער, פראגרעסיווער קולטור טעטיקייט, פון אידישער וועלטליכער קולטור ארבעט פאר דערוואקסענע.

עס איז ניט קיין איבערטרייבונג אויב מיר זאלן זאגן, אז די ארב. רינג שול האט מיט זיך פארגעשטעלט און שטעלט מיט זיך פאר אויך היינט צו־טאג א וויכטיקן נאציאנאלן און פראגרעסיוון פאקטאר אין דעם לעבן פון די אידישע מאסן אין אמעריקע

די ארב. רינג שול באוועגונג איז אין פארלויף פון די פארגאנגענע 25 יאר נישט געשטאנען אויף איין פלאץ. אויב זי האט אין אנפאנג פון איר געוואונענעם קאמף אין די קרייזן פון דעם ארבעטער רינג געהאט א ניט־צו גרויסן קרייז אנהענגער און חסידים, פארנעמט זי אבער היינט צו טאג א דאנק אירע אויפטואונגען און א דאנק איר גייסט, דעם פראמינענטסטן פלאץ אין די רייען פון דער ארבעטער רינג ארגאניזאציע; זי פארנעמט אויך א פירענדע פאזיציע און שפילט די וויכטיקסטע ראל ניט נאר אין דעם אידישן שול וועזן אין אמעריקע, נאר אויך אין דעם אלגעמיינעם אידישן קולטור לעבן אין אמעריקע. דער קרייז פון אירע אנהענגער, דער קרייז פון די, וועלכע זיינען באגייסטערט פאר דער שול ארבעט, איז היינט צו טאג דער גאנצער ארבייייר רינג און די ברייטע שיכטן פון דער אידישער ארבעטער און פאלקס גאס א ן אמעריקע.

ניט אן שטורעמס פון אינערלעכן אנגריף זיינען דורכגעגאנגען די 25 יאר פון דער ארב. רינג שול באוועגונג. ווען די אידישע קאמוניסטן האבן זיך

פארמאסטן אין די יארן פון 1925-1926 צו פארכאפן אדער אומצוברענגען די ארב. רינג שול באוועגונג, כדי זי אויסצונוצן פאר זייערע אזוי גערורע" צוועקן, האבן זיי זיך ביטער אפפענע דאמאלסטדיקע "רעוואלוציאנעגענארט אין זייער חשבון. די גרויסע ארבעטער רינג משפחה, אפילו די, וועלכע האבן אידעאלאגיש נישט אין גאנצן איינגעשטימט מיט דעם פראגראם און מיט דעם אינהאלט פונקט ווי מיט די צוועקן פון דער שול באוועגונג, האט אויף דעם לאיאלסטן אופן ארומגערינגעלט מיט איבערגעבענהייט די א. ר. שול באוועגונג און ניט דערלאזט, אז די קאמוניסטן זאלן די ארב. רינג שול באוועגונג אומברענגען. טראץ די דאמאלסטדיקע אנגריפן פון די אידישע קאמוניסטן, האט די א. ר. שול באוועגונג זיך אויסגעברייטערט, זיך פארגרעסערט סיי אין דער צאל פון שולן, סיי אין דער צאלל פון קינדער און שול טוער.

די וועלכע זיינען געשטאנען ביי דעם ווינעלע און ביי דער טאג־טעגליכער ארבעט פון דער ארב. רינג שול באוועגונג, די וועלכע זיינען אנגעגליט מיט א טיפן אינערליכן אינטערעס צו דער אידיש־וועלטליכער קולטור, די וועלכע טראכטן ניט נאר וועגן דער פארגאנגענהייט, נאר אויך וועגן דעם היינט און וועגן דער צוקונפט, ווייסן און קענען באשטעטי־ אז הונדערטער און טויזנטער קינדער, וועלכע זייי־ דורכגעגאנגען די אר. רינג שולן זיינען געווארן אן שום איבערטרייבונג בעסערע מענטשן און בעסערע אידן. אלס יוגנטליכע זיינען די אמאליקע שילער פון די ארב. רינג שולן אקטיוו שאין פארשידענע צווייגן פון דעם אידישן און ארבעטער לעבן פון אמעריקע. די אידישע שפראך, אידיש לעבן, קאמף פאר דעם שענערן, פאר דעם פראגרעסיווערן, א שטרעבונג צו סאציאלע און עקאנאמישע אויסבעסערונגען, דאס איז א טייל פון זייער נשמה און פון זייער גייסטיקן איך. מיר באגעגענען אזעלכע יוגנטליכע פון אונזערע שולן אין די טרייד יוניאנס, אין די פארשידענע געזעלשאפטלעכע ארגאניזאציעס, אידישע און ניט־אידישע, אין פארשידענע רעגירונגס אנשטאלטן, אין אלערליי פראפעסיעס און ביי אזעלכע באגעגענישן פילט איר אין די יוגנטליכע דעם גייסט און דעם אויפטו פון דער ארב. רינג שול. די ארבעט איז ניט געווען קיין אומזיסטע. די מי איז ניט געווען קיין ארויסגעווארפענע.

די א. ר. שול באוועגונג האט אין פארלויף פון די 25 יאהר פון איהר עקזיסטענץ דורכגעמאכט אין איר אנטוויקלונגס גאנג לאנגזאמע, אבער וויכטיגע פראצעסן פון אויסברייטערן איר פראגראם, וועלכע זאל שטימען און זיין צוגעפאסט מעהר צו די רעאליטעטן פון דעם אידישען טאגטעגליכען לעבען, און ווען די שול האט זיך באגעגנט אין די לעצטע יאהרען מיט דעם פאקט וואס א היבשע צאהל קינדער פון הי־געבוירענע עלטערען האט אנגעפאנגען אריינגעהן אין אונזערע שולען, האט די א. ר. שול אנגעפאנגען צופאסען איר איצמיגע פראגראם צו דער נייער, זייער וויכטיגער דערשיינונג אין אונזער אידיש קולטור לעבען אין אמעריקא.

אין דער צייט ווען די א. ר. שול איז מיט 25 יאהר צוריק געבויט געווארען אין א היבשער מאס כדי צו דינען אלס א בריק צווישען די הי־געבארענע קינדער און זייערע עמיגראנטען עלטערען, איז היינט צו טאג, מיט 25 יאהר נאך איר גרינדונג, די ארבייטער רינג שול א רינג וואס שמידט צוזאמען אי די הי־געבוירענע קינדער, אי די הי־געבוירענע עלטערן אין איין געמיינשאפטליכער קייט פון אן אל־

געמיינעם אינטערעס און צוקונפט צו דער אידיש וועלטליכער קולטור.

אָט די נייע דערשיינונג אין אונזער אידישער קולטור און שול וועזען אין אמעריקע דאַרף יעדען שול טוער באַווירקען מיט אַן אָפּטימיסטישען בליק אויף דער צוקונפט פון דער אידישער קולטור אין אמעריקע, אויף דער צוקונפט פון דער אידישער שפּראַך.

די עקשנות פון די גלויביגע פּיאָנערען וואָס האָבען געבויט די א. ר. שול באַוועגונג איז א באַשטעטיגונג, אַז זיי האָבען זיך נישט געוואלט אונטערגעבען דעם אַזוי גערופענעם אמעריקאנער שמעלץ טאָפּ ווייל זיי האבען געגלויבט, אַז אמת'ע אמעריקאנישקייט, אמת'ע פּראַגרעסיוויקייט איז גאַרנישט אין געגענזאַץ צו שיינע נאַציאָנאַלע שטימונגען און אידישע קולטור שטרעבונגען אין אמעריקע.

מען רעדט איצט זייער פיל און מיט טיפען ווייטאָג אין הארצען וועגען אידישען חורבן און אידישען אונטערגאַנג אין אייראָפּע. מיר באַוויינען דעם אומקום פון הונדערטער טויזענטער פון אונזערע ברידער און שוועסטער, וועלכע זיינען אומגעבראַכט געוואָרען פון די נאַצים. מיר באַקלאָגען דעם חורבן פון אידישען לעבען אין אייראָפּע אין אַלע זיינע פאַזען. מיר זיינען צעווייטאָגט פון דעם וואס אידישע פּאָזיציעס, אריינגערעכענט קולטורעלע דערגרייכונגען זיינען צושטערט געוואָרען. מען זאָגט זייער אָפט, אַז א נייער קולטור ארבייט דאָ איז נויטיג, כדי אויפצוהאלטען דאָס גייסטיגע פייערל וואָס זאָל קענען נאָך דעם זיג איבער די נאַצים ווידער באַלויכטען און דערוואַרעמען דעם אויפקום פון א אידישער קולטור אין אייראָפּע. דאָס איז נויטיג. דאָס איז וויכטיג, אָבער עס איז ניט פון קיין קלענערער וויכטיגקייט, אַז מיר דאָ, זאָלען שמידען רינג נאָך רינג איצט און אין די אָנקומענדיגע יאָהרען די אידישע קולטור פאַר אונז זעלבסט, פאַר דעם אידישען ישוב אין אמעריקע, ווייל אידיש לעבען אין אמעריקע אָהן דער אנטוויקלונג פון דער אידישוועלטליכער קולטור וועט זיין פּוסט, וועט זיין אינהאַלטסלאָז.

מיר מוזען אָנהאלטען דעם גייסטיגען פייער און דעם פּאַרנעם פון דער אידיש־וועלטליכער קולטור ארבייט אין אמעריקע פאַר זיך זעלבסט, כדי אונזער פלאַם זאָל זיך גאָר אין גיכן קענען באַגעגענען מיט די קולטורפלאַמען פון די באַפרייטע אידען אין אייראָפּע און מיר זאָלען געמיינשאַפטליך ווייטער שמידען די שטענדיג אייביגע גאָלדענע ...טור קייט פון דעם אידישען פאָלק.

אָט דער גייסט דאַרף אונז אלעמען באַהערשען אין די טעג וואָס מיר פייערן די 25 יאָהר א. ר. שול ארבייט און ווען יעדער איינער פון אונז וועט דורכגעדרונגען ווערען מיט אָט דעם גייסט, וועט אונזער ווייטערדיגע ארבייט אויף די געביטען, ווי שווער זי זאָל ניט זיין, אויסקוקען ליב, אנגענעם און ניט ווייניגער וויכטיג ווי אין די פאַרגאַנגענע יאָהרען.

י. סיגעל

די שולן — די פעסטונג פאר אונזערע אידעאלן

די שולען וואס ווערען אויסגעהאלטען פון ארבייטער רינג זיינען די פעסטונגען פאר אונזערע אידעאלען אין דער צוקונפט. קיין אנדער קוואל איז ניטא אין אמעריקא פון וואנען עס זאל אנהאלטען די שטענדיגע גרינקייט און פרישקייט וואס אידעאלען מוזען האבען אום זיי זאלען ניט פארוועלקט און פארטרוקענט ווערען.

מיר פון דעם דור וואס האבען געגרינדעט די שולען זיינען ווייט ניט פארטיג מיט דער ארבייט. א גארטען ווי אן איינצעלנער בוים ווען מען פאסט ניט אויף אים, ווען מען באזארגט אים ניט מיט זוימען און מיט די לעבענס־קראפטען, ווערט שנעל פארלאזען און צוטראטען און פארלירט די שעהנקייט און גיט מעהר ניט ארויס קיינע שפראצונגען. אזא גארטען ווערט פערוואנדעלט אין א זאמדיגען געגענד וואס האט קיין ווערטה ניט.

אום אונזערע שולען זאלען בלייבען אן אייביגער קוואל פאר דער אויפהאלטונג פון אונזערע אידעאלען מוזען זיי מעהר און מעהר פערשטארקט און באפעסטיגט ווערען. זיי מוזען ווערען גרעסער אין צאהל פון קינדער און גרעסער אלס צענטער פון אלע אונזערע וועלטליכע אידעאליסטישע און אידישע קולטורעלע שטרעבונגען.

די שולען האבען פיעל דערגרייכט אויף אט די געביעטען אין דעם פערטעל יאהר הונדערט פון זייער עקזיסטענץ. קינדער וואס האבען געלעהרענט אין די שולען און זיינען איצט שוין אליין פאטערס פון קינדער און צושפרייט איבער פיעלע טהיילען פון לאנד, זיינען געבליבען ביים אידישען ווארט און א גרויסער מאס פון די סאציאליסטישע אידעאלען וואס מען האט אין זיי איינגעפלאנצט.

עס איז דאך א פאקט אז פיעלע און פיעלע עלטערען קריגען היינט בריעף פון זייערע קינדער וואס דיענען אין דער ארמעע אדער אין דער נייווי, אדער אין לופט אפטהיילונגען, אדער אין די ״וועקס״ און ,,ווייווס״ אין אידיש און זיי פארשטעהן זיך פיעל בעסער און ריידען זיך דורך נעהענטער. דאס זעלבע איז די עלטערן, ווען זיי דארפען שרייבען צו די קינדער. זיי דארפען ניט האבען קיינעם וואס זאל פאר זיי דארפען שרייבען א בריוועל אויף ענגליש. דאס אליין איז שוין א גרויסער אויפטוה.

דעם שרייבער פון דעם ארטיקעל איז אויסגעקומען צו זעהן צעהנדליגע בריעף געשריבען אין א פיינעם אידיש פון אידישע סאלדאטען צו זייערע עלטערען.

א צווייטער פאזיטיווער אויפטוה איז וואס דער נייער דור איז ניט געבליבען פרעמד פון זיין פאלק און פון זיין אפשטאם און פון זיין געשיכטע און ועל כולם פון זיינע עלטערען׳ס אידעאלען, פאר א בעסערע און גערעכטערע ארדנונג.

אין אלע פראגרעסיווע באוועגונגען טרעפט מען אן דעם נייעם דור, דעם היגעבוירענעם וואס האט געקראגען זיין אידיש־ראדיקאלע צוגאב־ערציהונג אין אונזערע שולען, צו די אלגעמיינע ערציהונג וועלכע ער האט גע־

קראגען אין די פּאָבליק סקולס, האַיסקולס און קאַלעדזשעס.

דער דור באַשטעהט פון דעם פאָלקאָמען נייעם אמעריקאנעם דור אידען, וואס איז אויסגעוואקסען פון די קרייזען פון די אידישע איינגעוואנדערטע פאָלקס מאסען אין די לעצטע דריי־צעהנדליג יאָהר אדער מעהר.

איצט שטעהן מיר ביי ערנסטע און וויכטיגע פראגען פון דער צוקונפט.

אמאָל האָבען מיר געהאָפּט אז עס וועט זיין א צופלוס פון פרישע איינוואנדערער פון אייראפּא. איצט זעהען מיר אז דאָס איז אן אומעגליכער וואונש. אמעריקא וועט ניט עפענען מעהר איהרע טהירען פאר איינוואנדערער. זעהט מיט וועלכע שוועריגקייטען עס קומט אן צו קריגען א "מקום מקלט" פאר בלויז טויזענד אידישע פליכטלינגע וואס זיינען אנטלאָפען פון היטלער'ס נעגעל. אונזער פרעזידענט, א גרויסער הומאניטארער קעמפער, האָט געמוזט געבען דעם קאָנגרעס אלערליי פארזיכערונגען, אז מעהר ווי טויזענד וועלען ניט אריינגעלאזט ווערען און אז די גרעסטע צאָהל פון זיי וועלען זיין פרויען און קינדער און אז נאָך דער מלחמה וועלען זיי זיך אומקעהרען נאָך זייער געבורט־לענדער.

אויב אזא הויכער גייסט ווי רוזוועלט האָט ניט געוואגט צו בעטען "א זיל רעכט" פאר מער ווי טויזענד, שטעלט אייך פאר ווי די לאגע וואָלט אויסגעזעהן ווען אין ווייסען הויז וואָלט זיצען א "שיקאגא טריביון" רעפּובליקאנער פרעזידענט.

מוזען מיר דאריבער קוקען אויף דער צוקונפט מיט רעאליסטישע ברילען און ניט קיין אנדערע.

קוקען מיר מיט אזעלכע ברילען מוזען מיר קומען צום שלום, אז איינער פון די הויפּט קוואלען פון וואנען עס זאל תמיד שפּראצען מיט פרישקייט און מיט נייע לעבענסכוחות פאר דעם אידישען פּראגרעסיווען לעבען אין אמעריקא זיינען די שולען.

דאָס איז דער קוואל וואס מוז געהאלטען ווערען אייביג פריש און אייביג פליסיג.

דאָס איז דער גארטען וועלכער מוז אויפגעפּאסט ווערען, אז די צווייגען זאָלען קיינמאָל ניט פארטרוקענט ווערען און אז די בלומען זאָלען קיין מאָל ניט פארוועלקט ווערען.

די קוואלען מוזען אויפהאלטען דעם אייביגען פריהלינג וואָס זאל אונז געבען די שטענדיגע פרישע זאָמען נאָך דעם קאלטען ווינטער — די נייע דורות וואס מוזען קומען נאָך די אוועקגעהענדע.

די פרומע אידען בויען און באַפעסטיגען זייערע תלמוד תורה'ס; די רעפארמער און די קאָנסערוואטיווען זייערע זונטאג און שבת שוהלען. דאָרט פּרובירט מען אנהאלטען די קינדער ביי די טראַדיציע און ביים אידישקייט פון די עלטערען און מיר מוזען באַזאָרגען אונזערע קינדער מיט שולען וואו זיי זאָלען קענען געהן אין אונזערע וועגען און ווייטער צו קענען טראגען די הויכע אידעאלען וואָס האָבען אונז באגייסטערט צו געהן אויף די וועגען אויף וועלכע מיר זיינען געגאנגען ביז איצט און וועלכע מיר וועלען געהן ווייטער צו א שעהנערע און א בעסערע וועלט — צו א וועלט פון דער פולסטער גלייכהייט צווישען אלע מענשען און אלע פעלקער און צו אלע ראסען און צו א וועלט וואו מען וועט פּראָדוצירען אלע רייכטהימער נאר פאר דעם געברויך און ניט פאר די געשוואלענע פּראָפיטען.

ש. האַלאַנד

דער אַרבעטער רינג און יידישע דערציאונג

צו דער געלעגנהייט פון 25 יאָהר ארבעטער רינג שול וועזען, ווערען געהאלטען פילע רעדעס פון שול טוער און ארבעטער רינג פירער אין אלע טיילען פון לאנד. עטליכע ספּעציעלע אויסגאַבעס פון „פּארווערטס", און אַרטיקלען און עסייען פון ארבעטער רינג שול פּעדאגאָגען און באוואוסטע אידישע קולטור טוער און פּראָמינענטע שרייבער זיינען דערשינען אין צעהנדליגע אידישע צייטונגען און זשורנאלען, אינטערעסאנטע אפּשאַצונגען וועגען דער ארבעטער רינג שול, געשיכטליכע בילדער און פּערזענליכע דעראינערונגען מאכען א שעהנעם און וויכטיגען ביטראג צו דער יום טוב'דיגער שטימונג פון די בויער, פּארוואלטער און באַשיצער פון דער אייגענארטיגער דערציאונגס אינסטיטוציע פון דעם גרעסטען אידישען ארבעטער ארדען אין דער וועלט.

דער ארבעטער רינג האט זייער פיל צו זיין קרעדיט בנוגע די גרויסע מיטגלידערשאפט וואָס געפינט זיך אין זיינע רייען און וואָס איז פּארשפּרייט איבער דער לענג און ברייט פון אמעריקא, אין די גרויסע שטעט פון אינדוסטריעלע שטאַאטען, אין די פּארווארפענע ווינקעלאך פון דער סאוט, וועסט און קאנאדישען צפון. פריינדשאפט, קאאָפּעראטיווע זעלבסט הילף, פּאַרזיכערונג געגען נויט און קראַנקהייט, זעלבסט דערציאונג און געזעלשאַפטליכע דיסציפּלין — זיינען אייניגע פון די אויפטואונגען; פינאַנציעלע שטיצע צו ליידענדע אידישע פּאָלקס מאסען איבער דער גאנצער וועלט, פינאנציעלע שטיצע צו קעמפענדע ארבעטער ארגאניזאציעס פּאר א בעסערען לעבען, שטיצע צו קולטורעלע און פּאָליטיש־פּראָגרעסיווע אינסטיטוציעס, פּארטייען, א.א.וו. זיינען אונזערע פּארדינסטען. דורך די פארשיעדענע אויסגעצייכענטע פונקציעס האט דער ארבייטער רינג זיך דערווארבען איינעם פון די וויכטיגסטע פּלעצער אין דער אידישער געזעלשאפטליכקייט אין אמעריקא און איז אנערקענט אלס איינעם פון די באדייטענטסטע כוחות אין אידישען לעבען איבער דער גארער וועלט.

אָבער דורך און מיט זיין שול וועזן האָט דער ארבעטער רינג אריינגעקריצט א פּ ע ר מ אַ נ ע נ ט ן פּלאץ אין דער טויזענד יאָריגער געשיכטע און אונזער פּאָלק. ער איז געוואָרען א רינג אין דער גרויסער קייט פון אונזער פּאלקס קאמף פּאר קיום און איז אַנערקענט אלס איינער פון די אינסטרומענטען אין אונזער טויזענדיאָהריגער אנשטריינגונג פאר א בעסערע און יושר'דיגע וועלט פאר אונז אידען און אלע פעלקער פון דער וועלט.

דער שול וועזען איז א בנין וואס דער ארבעטער רינג האט מיט פיל מיה, ארבעט און ליבע געבויט, ניט פאר די מיטגלידער אליין, נאר פּאַר דער גאנצער אידישער פּאָלקס מאַסע. און היינט צו טאג ווערען די שולען באַזוכט, מעהרסטענס פון קינדער וועמענס עלטערען זיינען ניט קיין ארבייטער רינג מיטגלידער. די צעהנדליגע טויזענדער לערן ביכער, די צענדליגע טויזענדער ביכער וועגען אידישע געשיכטע, די מגילות, די ביאגראַפיעס פון אבארבאנעל, רש"י, רבינו גרשום, משה מענדעלסאן און אנדערע

ווערען געלעזען פון טויזענדע אמעריקאנער אידישע קינדערלאך און ווערן איינגעקריצט אין זייערע יינגע מוחות. ווער קען מאכען א פינקטליכע אפשאצונג פון אזא ביטראג צו דער אידישער געזעלשאפטליכקייט אין דער עקזיסטענץ פארטזעצונג פון אונזער פאלקס לעבען דא אין אמעריקא.

אידיש ריידענדע קולטור טוער, אידיש־ליבענדע פאלקס ארגאניזאציעס מוזען זיך שטארק פארטראכטען וועגן דער פראבלעם פון אידישע דערציאונג פאר אונזער יונגען דור. רעליגיעזע אידען האבען שטענדיג די פראקטישע פראגען פון דערציאונג אויף זייער טאגעס ארדנונג. יעדע שוהל, סינאגאגע אדער טעמפעל האלטען אויף א תלמוד תורה, אדער א זונטאג שולע. טאטעס און מאמעס פון קינדער, וועלכע האבען קיין געהעריגקייט צו א רעליגיעזע שוהל האבען א פאזיטיווע באציהונג צום אידישען לעבען און אידישען קיום, האבען א הייליגע פליכט צו טאן זייער חלק בנוגע אידישע פראגרעסיווע דערציאונג.

די 25 יאהר ארבייטער רינג שול־וועזן, די איינגעשפארטקייט פון די שול טוער און לעהרער, דער אויפטו פון די קינדער, מוזען צייגען דעם וועג ניג בייגעטראגען אין דעם טייל פון אונזער טעטיגקייט.

א קליינע צאל פון שול טוער און לעהרער זיינען פאראנטווארטליך פאר דעם שעהנעם בנין. אידישע דערציאונג אין אמעריקא איז נאך אלץ א נייער ענין. וויפיל מען קען נאך אויפטאן אויף דעם געביט מיט דער קאאפעראציע פון גרעסערע מאסען! נאר דורך א אידישע דערציאונג קענען מיר פארזיכערען א אידישען פאלקס לעבען פאר די קומענדע דורות דא אין אמעריקא.

▼

דזשוליוס גינזבורג

צו אלע ברענטשעס, מיטגלידער און פריינד פון די ארבעטער רינג שולן

אלם טשערמאן פון דער פארוועהטס שולן־יובילי אויסגאבע, וויל איך אלעמען קודם כל באדאנקען פאר דער קאאפעראציע און מיטהילף וואס איר האט מיר געגעבען צו מאכען די אקציע דערפאלגרייך.

איך וויל אייך זאגען, אז איר האט דעם כבוד אנטייל צו נעמען אין איינעם פון די וויכטיגסטע היסטארישע דערגרייכונגען פון'ם אידישען ישוב אין די פאראייניגטע שטאאטען. די ארבייטער רינג שולען האבען ניט נאר בעאיינפלוסט די קינדער וואס האבען זיי באזוכט, אנטוויקלענדיג אין זיי דעם אידישען און פראגרעסיוון גייסט נאר זיי האבען אויך סטימולירט די דערוואקסענע אנצוהאלטען דעם קעמפערישען גייסט פון דער אלטער היים, און אנצוהאלטען די אידישע טראדיציעס און דרך ארץ פאר געלערנטקייט און מאראל. די שולען האבען געוועקט דעם אימיגראנט און אים ניט געלאזט דערטרונקען ווערען אין לויטער עולם הזה. די שולען זיינען דער פאנצער געגען אסימילאציע און עם־ארצות.

לאמיך אויך שיקען די שולן איבערן גאנצען לאנד מיינע ברכות.

נאכאמאל, א דאנק פאר אייער ווארימען אפרוף.

מ. ל. פּאָלין

שפּינט ווייטער די גייסטיקע קייט פון פרייהייט

וואס איז 25 יאָהר אין דער מענשליכער געשיכטע? וויפיעל קינדער זיינען דורכגעגאנגען אונזערע ארבייטער רינג שולען? וויפיעל פון זיי זיינען גייסטיג געבליבען מיט אונז?

דוכט זיך גרויסע און וויכטיגע פראַגען וועלכע ווערען געשטעלט פון די געגנער און אָפט אויך פון פּאַסיווע פריינט.

דער ענטפער: — איך קען נישט ציילען!

צו גרוים און צו וויכטיג זיינען די אויפגאַבען און צילען פון אונזערע שולען אז מען זאָל זיי קענען באַטראכטען אין ליכט פון ציפערען.

עס האַנדעלט זיך אין פאָרטזעצען די גייסטיגע קייט פון אידישער סאָציאַליסטישער דערציהונג, אָדער בעסער געזאגט, פון סאָציאַליסטישע דערציהונג פון דער אידישער יוגענט, און יעדע אנשטריינגונג אויף דעם געביעט איז וויכטיג, און וואָס גרעסערע רעזולטאַטען נאָך וויכטיגער. אבער די קלענסטע רעזולטאטען זיינען בעסער ווי אויפגעבען. ווייל אויפגעבען אין דעם פאַל מיינט פאר אונז גייסטיגער זעלבסטמאָרד.

מיר דארפען אָבשאַצען אונזער שול באַוועגונג אין פאַרגלייך מיט דער אַלגעמיינער סאָציאַליסטישער און ארבייטער באַוועגונג דאָ אין לאנד, און איבער דער גאנצער וועלט, אין פארשיעדענע צייטען, ווייל, אויך אין באַצוג צו דער גרויסער און וויכטיגער באַוועגונג האָט מען ניט געקאנט, און מען קאָן נאָך היינט ניט צוגעהן מיט דעם אנאַליז פון ציפערן.

די קלענסטע ארבייטער און סאָציאַליסטישע באוועגונג איז וויכטיגער ווי קיין באַוועגונג, און די קלענסטע דערגרייכונג איז פון גרויסער בעדייטונג אין דעם לאַנגען לויף פון דער מענשליכער געשיכטע און דער דערנעהנטערונג פון דער נייער וועלט צו וועלכער מיר אלע שטרעבען.

פונקט אזוי איז וויכטיג יעדע קינד וואָס קריגט א פּראָגרעסיוו אידישע וועלטליכע דערציהונג אין אונזערע שולען, און נאָך בעסער, ווען פאָרטגעזעצט אין אונזער יוגענט באַוועגונג.

איך האָב זיך געפיהלט טיף גערירט ווען אונזער יונגער פריינט יאַגאָדע, אין דער נעיווי יוניפארם, וועלכער איז א מיטגליד פון דער יוגענטבאוועגונג און אין דער נאציאנאלער עקזעקוטיוו פון ארבייטער רינג, האָט פאָריגען זונטאג באגריסט די דעלעגאטען צו דער יעהרליכער דיסטריקט קאָנפערענץ. ער האט מיך ניט נאר גערירט מיט זיין קלאָהרען פארשטעהן די אידעאַלען און אויפגאבען פון אונזער ארגאניזאציע, נאר ער האָט מיך ווידער איבערצייגט אין דער וויכטיגקייט פון אונזער ארבייט וועלכער מיר האבען געווידמעט די בעסטע יאָהרען פון אונזער לעבען.

ער האט באשטעטיגט אז אונזערע שולען און יוגענט באוועגונג שפינען ווייטער אונזער גייסטיגע קייט, א קייט פון אידען מיט זעלבסטווירדע צווישען פרייע מענשען. קעמפער פאר א נייער סאָציאליסטישער וועלט, פאר א גליקליכע מענשהייט!

מאָרים זיסקינד

25 יאָר אַרבעטער רינג ערציאונג פון אונזערע קינדער

ווען מיר פייערן 25 יאָהר ארבייטער רינג קינדער ערציהונג איז וויכטיג אנצואווייזען אויף די פארשיעדענע פעריאָדן וועלכע די קינדערשול באוועגונג האט דורכגעלעבט אין די פארגאנגענע 25 יאָהר.

די ארבייטער רינג שול באַוועגונג האָט זיך אנגעפאנגען נאָך דער גרויסער ערשטער ייעלט מלחמה, וועלכע האָט שפעטער געבראכט פעריאָדען פון קריזיסען און רעאקציע—אינערליכע און אויסערליכע, וועלכע האָבען געשטערט די ענטוויקלונג און וואוקס פון דער שול באוועגונג. פונדעסטוועגן האָבען די טוער און בויער פון די ארבייטער רינג שולען ניט אויפגעגעבען זייער טעטיגקייט און האבן מוטהיג אריבערגעטראגען און באזייטיגט אלע שטערונגען וועלכע זיינען זיי געקומען אין וועג — א דאנק זייער טיעפן גלויבען אין די וויכטיגקייט פון ערציהען די קינדער פון די מיטגלידער אין דעם סאָציאליסטישען גייסט פון ארבייטער רינג און א דאַנק די איבערגעבענהייט און ענערגישע ארבייט פון די פּיאָנערן, די טוער און בויער, איז די שול באוועגונג געווארן א וויכטיגער קולטורעלער כח אין דעם לעבען פון ארבייטער רינג — דער צענטער פון אונזער קולטור טעטיגקייט, צווישען די קינדער און ערוואַקסענע.

אין דער ארבייטער רינג שול ווערן אונזערע קינדער ערצויגען אין דעם פרייהייטליכען גייסט פון וועלטליכקייט. זיי ווערען צוגעבונדען מיט די שענסטע טראַדיציעס פון אידישען פאָלק, מיט זיין בלוטיגער און העלדישע געשיכטע. זיי ווערען באַקאנט מיט די קולטור אוצרות, מיט אידישער קונסט און ליטעראטור.

זיי באקאנען זיך מיט די פּראָגרעסיווע אידעען פון דער אידישער ארבייטער באוועגונג און פון דער אַלגעמיינער ארבייטער באוועגונג פון דער גאַנצער וועלט. אונזער שול דערציהט דאָס אידישע קינד אין אמעריקא אין גייסט פון שטאָלצע אידען און שטאָלצע מענשען.

איצט, ביי דער געלעגענהייט ווען מיר פייערן די עקזיסטענץ פון 25 יאָהר ארבייטער רינג קינדער שולן, איז וויכטיג אז מיר זאלען באַגרייפען אז מיר לעבען דורך א רעוואלוציאָנערע מלחמה פעריאָדע, וועלכע פיהרט צו טיעפע און וועלט-ברייטע עקאָנאָמישע, פּאָליטישע, סאָציאלע און קולטורעלע ענדערונגען, וועלכע מוזען ווירקען און בעאיינפלוסן די ענטוויקלונג און דערציאונג פון אונזערע קינדער, די אינגערע אזוי גוט ווי די עלטערע.

יעדער דענקענדער מענש וועלכער אינטערעסירט זיך און טראַכט זיך אריין אין דעם אינדוסטריעלען און אין סאָציאלן פארנעם פון דער היינטיגער וועלט מלחמה, וועלכע ווערט געפאָכטן אויף די שלאַכט פעלדער פון אלע וועלט טיילען, מוז אַנערקענען די רעוואָלוציאָנערע באדייטונג פון דעם וועלט-קאמפף; פאר דער מענשהייט בכלל און פאר דער יוגענט בפרט.

די רעוואלוציאָנערע באדייטונג פון דער יעצטיגער וועלט מלחמה באַשטעהט ניט בלויז אין דעם וואָס מיר

קעמפּפען און זיינען זיך מקריב צו באַזיגען פאַשיזם, כדי דעמאָקראַטיע זאָל בלייבען לעבען.

ווען דאָס אליין — ווי וויכטיג דאָס זאָל ניט זיין — זאָל זיין די הויפּט אורזאַך און הויפּט אינהאַלט פון דער מלחמה, און ביי דעם זאָל עס בלייבען, וואָלט די מענשהייט ניט פיעל געוואונען. די מלחמה ווערט טאַקע געקעמפּפט אנצוהאַלטען דעמאקראַטיע, וואס איז זעהר א וויכטיגער ציעל. אבער דעמאקראַטיע אן און פאַר זיך איז פאַר אונז סאָציאַליסטען א וויכטיגער מיטעל פאַר א וויכטיגען ענד־ציעל. מיר גלויבען, אַז בלויז דורך דעמאקראַטישע מיטלען און בלויז דורך א דעמאָקראַטישע פאָרמע פון רעגירונג און מענשליכען צוזאַמענלעבען וועט די מענשהייט סוף כל סוף קומען צו דער מדרגה, וועלכע מיר סאָציאַליסטען האָבען גע׳חלומט, געשטרעבט און געהאָפט — און האָפען אויך היינט צו דערגרייכען דורך דער איצטיגער מלחמה.

קיינער קען ניט צווייפלען אז דער אויסגאַנג פון דער מלחמה וועט האָבען און לאָזען א ווירקונג אויף דעם לעבען פון יעדער מענשען און ספּעציעל אויף די קינדער און קינד׳ס קינדער פון יעדער פאָלק איבער דער גאַנצער וועלט.

עס איז דא צוויי וועגען פון א סאָציאַלען שטאַנדפּונקט צו באַטראַכטען די וועלט מלחמה.

איין וועג איז צו באַטראַכטען די מלחמה ווי נאָך איינע פון די נאַציאָנאַלע מלחמות פאַר גרענעצען און קאָלאָניעס — דאָס איז די אימפּעריאַליסטישע וועג פון די וואָס ווילען, אַז אלעס וואס האט צו טאָן מיט דעם מענשליכען צוזאמענלעבען זאָל בלייבען ווי געוועזן.

דער צווייטער וועג איז צו באַטראַכטען די מלחמה אלס א טייל פון א וועלט ברייטער רעוואלוציע וועלכע געהט שוין אן זינט די ערשטע וועלט מלחמה, און וועלכע איז א רעזולטאט פון די מעטאָדען פון פּראָדוקציע, דעם עקאָנאָמישען סיסטעם, די פּאָליטישע פאָרמען און דעם סיסטעם פון אינטערנאציאנאלע באַציהונגען און די סאָציאַלע און מענשליכע ווערטהען פון אלע מענשען איבער דער גאַנצער וועלט.

ווען מען באַגרייפט די מלחמה אלס א טייל פון א וועלט רעוואלוציע, מוז מען אנפאַנגען דענקען אין טערמינען פון א נייע וועלט אָרדנונג און מען מוז ערציהען די יוגענט אין דעם גייסט פון א נייער סאָציאַלער אָרדנונג.

אננעמענדיג דעם שטאַנדפּונקט ווערט די ארבייט פאַר די ארבייטער־רינג קינדער שולען וויכטיגער און אינטערעסאנטער מיט יעדען טאָג וואס עס געהט אוועק.

עס איז דארום איבעריג אנצואַווייזען אז עס דאַרף זיין די אויפגאַבע פון די לערער, דערציער און גייסטיגע פיהרער פון אונזערע קינדער־שולן צו באַטאָנען דעם רעוואָלוציאָנערן אינהאלט פון דער מלחמה, וועלכע זיי לעבען דורך ביי יעדער געלעגענהייט. עס איז אויך איבעריג צו זאגען אז די לעהרער און פירער דאַרפען זיך באַציהען אויף די גרויסע אינדוסטריעלע און טעכנישע מלחמה, וועלכע מיר האָבען דורכגעמאכט דורך די לעצטע עטליכע יאָהר צו מאַכען די מלחמה ערפאָלגרייך צו באַזיגען דעם פאַשיזם און נאַציזם, וואס מיינט אין גרונד גענומען אָבשאַפען עקאָנאָמישע און גייסטיגע שקלאפעריי און צו שטעלען אין דינסט די וויסענשאפטליכע און טעכנישע רעוואָלוציע צו עטאַבלירען פרייהייט און גלייכהייט פאַר דער גאַנצער מענשהייט.

ד. שייער

אַרבעטער רינג משפחה און שול טוער זייט געגריסט!

אילינאָיז פאַרטרעטער צו דער א. ר. נ

איך נעהם זיך איצט דעם כבוד צו באַגריסען די קינדער און טוער פון אונזערע שולען און די גאַנצע אַרבייטער רינג משפחה פון שיקאַגאָ, צו דער פייערונג פון דעם זילבערנעם יובילעאום פון די אַרבייטער רינג שולען וואָס ווערט איצט דורכגעפירט איבער דעם גאַנצען לאַנד.

25 יאָהר אַרבייטער רינג שולען מיינט אַ פערטעל יאָהרהונדערט קינדער־ערציהונג אין אַן אמת אידיש־פּראָגרעסיווען גייסט,, 25 יאָהר פון וויכטיגער קולטור־אַרבייט.

דער אַרבייטער רינג אין שיקאַגאָ ווערט פאַררעכענט פאַר איינער פון די פאַרצווייגסטע אידישע אַרבייטער און פאָלקס־אָרגאַניזאַציעס אין שטאָדט. אין די 25 יאָהר וואָס אונזערע שולען עקזיסטירען איז דעם אַרבייטער רינג אויסגעקומען צו זיין אַקטיוו אויף פילע געביטען. מיר האָבען געשטיצט די טרייד יוניאָן באַוועגונג אין איהר קאַמף פאַר די רעכט און פאַר דער פּאָזיציע וואָס זי פאַרמאָגט היינט צו טאָג. מיר האָבען געלינדערט די נויט פון אונזערע אומגליקליכע שוועסטער און ברידער אין דער ערשטער וועלט מלחמה און זיינען איצט באַשעפטיגט מיט דער הייליגער אַרבייט פון העלפען אונזער רעגירונג געווינען די איצטיגע מלחמה געגען דעם בלוטיגסטען שונא וואָס מיר האָבען ווען עס איז געהאַט און אַרויסצוראַטעווען פון זיינע בלוטיגע לאַפּעס אַזוי פיל אידען ווי נאָר מעגליך. אָבער ווי פאַרנומען מיר זיינען ניט געווען מיט אָט דער וויכטיגער אַרבייט, האָבען מיר אויף אַ מינוט ניט פאַרגעסען אין דער קולטורעלער און דערציהערישער אַרבייט וואָס שטעהט אונז פאָר. אונזערע בראַנטשעס און פרויען קלובען, די ליידיס אָקזילעריס, סטענדינג קאָמיטעס און איינצעלנע מיטגלידער פון אַרבייטער רינג, האָבען געהאַלטען פעסט און הויך די פאָהן פון אונזער קינדערדערציהונג און געזאָרגט טאָג און נאַכט דערפאַר אַז די קינדער פון אונזערע מיטגלידער און פריינד זאָלען קריגען אַ וועלטליך־אידישע דערציהונג.

עס איז אפשר סימבאָליש אַז דער יובילעאום פון אונזערע קינדער־שולען זאָל אויספאַלען אין אַ צייט ווען קולטוראַציאָנאַלער באָארד אַיו דירעקטאָרען טורעלע אידישע אינסטיטוציעס אויף יענער זייט ים זיינען אָפּגעווישט געוואָרען און ווען טויזענדע אידישע קינדערלאַך פאַלען אונטער דער האַק פון די מערדערישע נאַציס. קוקענדיג אויף אייך, זעהענדיג אונזערע קינדערלאַך וועלכע האָבען אין דעם איצטיגען אידישען חורבן זיך פונאַנדערגעבליהט ווי פרעכטיגע בלומען אין אונזער גאָרטען אויף'ן פרייען אַמעריקאַנעם באָדען, זאַפּען מיר אין זיך אַריין דעם גלויבען אין דעם ליכטיגערען מאָרגען און די איבערצייגונג, אַז אויב עס איז די היטלעריסטען און פאַשיסטען געלונגען אויסצוהאַקען מיליאָנען בוימער פון אונזער אידישען וואַלד, איז זיי אָבער ניט געלונגען איבערצושניידען דעם האַלז פון דעם אידישען גייסט וואָס בלייבט לעבען און אומבאַזיגבאַר אַזוי לאַנג ווי אונזערע קינדער רעדען

אונזער שפּראַך, זינגען אונזער ליד און טרינקען פון די קוואַלען פון אונזער געשיכטע און קולטור.

איך גלויב אַז דער בלוטיגער קאָשמאַר וואָס הענגט איצט איבער דער וועלט וועט אין גיכען פאַרשווינדען און די זיגרייכע מחנות פון די פאַראייניגטע פעלקער וועלען דערגרייכען וואָס שנעלער דעם זיג איבער אונזערע פינסטערע שונאים, כדי די וועלט זאָל קענען אָנפאַנגען זיך איבערבויען אויף דעם פונדאַמענט פון דעמאָקראַטיע און פרייהייט פאַר אַלע פעלקער.

אַ יישר כח אייך פאַר 25 יאָהר פרוכטבאַרער קולטורעלער טעטיגקייט.

געהט אָן מיט אייער גרויסער און הייליגער אַרבייט. געשטאַרקט זאָלען זיין אייערע הענד, און ביי דער געלעגענהייט זייענדיג דער סעקרעטער פון דער ספּעציעלער „פאָרווערטס” ביילאַגע, וועמענס אויפגאַבע עס איז געווען צו זעהן אַז אַלעס זאָל זיין אין אָרדנונג, איז די אַרבייט געווען זעהר אַ שווערע. ווייס איך אָבער אויך ווי שווער עס איז אייך געווען צו זאַמלען אָט די אַלע באַגריסונגען און דערפאַר קומט אייך אַ דאַנק פאַר דער קאָ־אָפּעראַציע, און לאָמיר גאָר אין גיכען זעהן די וועלט אַ פרייע און אַ גערעכטע געבויט אויף יושר און גערעכטיגקייט.

▼

א. קאַליש

די גרינדונג פון די אַרבעטער רינג שולן

(געשיכטלעכע נאָטיצן)

ערשט מיט 25 יאָהר צוריק איז דאָס געווען, אין חודש סעפּטעמבער, 1918, אין אַ הייסער זומער נאַכט. ביי דעם מיטינג פון דער סיטי סענטראַל קאָמיטע אַרבייטער רינג, האָט דער אויגוסט בעבעל ברענטש 526 רעקאָמענדירט, אַז מיר זאָלען עפענען אידישע קינדער שולען אין שיקאַגאָ. נאָך אַ לענגערער דיסקוסיע ווערט די גאַנצע פראַגע איבערגעגעבען צו דעם בילדונגס קאָמיטעט, פון וועלכען דער שרייבער פון די ציילען איז געווען דער פאָרזיצער.

צו דעם קומענדען מיטינג פון דער סיטי סענטראַל באַריכטעט דער בילדונגס קאָמיטעט, אַז מיר זאָלען עפענען 3 אידיש־סאָציאַליסטישע קינדערשולען אין דער נאָרטוועסט סייד, ראָקוועל און הוירש; וועסט, אין וואָרקערס אינסטיטוט, אַשלאַנד און טיילאָר סטריט; אין דאָגלאַס פּאַרק, 1224 אָלבאַני עווועניו.

אָבער איבערנעהמען אַזאַ גרויסע, פאַראַנטוואָרטליכע אַרבייט, אָהן געלד מיטלען און ניט האָבענדיג קיין טעקסט ביכער און ניט האָבענדיג קיין ערפאַרונג אין דער שול אַרבייט, האָבען מיר איינגעלאַדען דעם באַקאַנטען שריפטשטעלער און קולטור מענש א. ליטווין, וועלכער זאָל אָנפירען מיט דער פּעדאַגאָגישער זייט פון דער שול, און צוזאַמען מיט איהם האָבען מיר אָנגעשטעלט 8 לערער און 2 פאַרוואַלטער, מיט אַ בודזשעט פון צוואַנציג טויזענד דאָלער.

ווען מיר האָבען אָנגעפאַנגען די רע־

גיסטראַציע פאַר די שולען, האָבען זיך פאַרשריבען נאָהענט פון טויזענד קינדער אין אַלע דריי געגענדען פון שטאָדט. דעם 22טען מאַי, 1919, אין וועסט סייד אָדיטאָריום, ראַסין און טיילאָר סטריט, איז אָפּגעהאַלטען געוואָרען דער ערשטער, גרויסער יום־טוב׳דיגער קאָנצערט, צו וועלכען עס זיינען געקומען איבער צוועלף הונדערט מיטגלידער און פריינד פון אַ. ר. צו פייערן די ערעפענונג פון אונזערע שולען.

דאָס האָט אונז געגעבען מוט, קוראַזש און באַגייסטערונג. דאָס האָט אונז באַוויזען, אַז מיר האָבען אַ סך פריינד און אָנהענגער פון דער אידיש־וועלטליכער — אידיש־סאָציאַליסטישער קינדער ערציהונג.

מיט 2 יאָהר שפּעטער, האָט אַ שול קאָנפערענץ פון אַ. ר. ברענטשעס באַשלאָסען אַז יעדער מיטגליד אין אַ. ר. זאָל זיין געטעקסט מיט 50 סענט אַ קוואַרטעל ($2.00) אַ יאָהר, און דער באַשלוס איז אָנגענומען געוואָרען דורך אַ רעפערענדום פון אַלע מיטגלידער.

אין יאָהר 1922 האָט אונזער שול קאָמיטעט באַשלאָסען צו גרינדען אַ קינדער־קאָלאָניע, וועלכע זאָל זיך רופען „קעמפּ - יעהופּעץ", אין „טרי־ריווערס, מישיגען, ביי דעם פאַרמער י. קופּער, וועלכער האָט אויסגעבויט פאַר אונז אַ געביידע פון 10 צימערן. דער גאַנצער פּלאַן פון אַרבייט אין קעמפּ איז אויסגעאַרבייט געוואָרען פון אַלע לערער, פאַרוואַלטער און פעדאַגאָגען־ראַט, באַשטעהענד פון: ק. מאַרמער, דר. גאָלין, ה. טאָטאַרסקי און דער שרייבער פון די ציילען, און עס ווערט באַשטימט דער ערשטער קעמפּ־סטעף: מ. קאַרסאָן, לערער; א. קאַליש, פאַרוואַלטער; ב. סמאָלאַר, ה. טאָטאַרסקי און מיס הוירש, נוירס פון מאונט סיני האָספּיטאַל.

אין 1924 האָט דער שול־קאָמיטעט רעקאָמענדירט צו דער סיטי סענטראַל צו קויפען אַן אייגענעם קעמפּ אין סאַוט הייווען, מישיגען, ראָזענצווייג׳ס פאַרם, וואָס איז געווען פּאַסיג פאַר אַ קינדער קעמפּ. עס האָט געדאַרפט קאָסטען בלויז זעכצעהן טויזענד דאָלער. דער שול קאָמיטעט האָט פאַראינטערעסירט די אַמאָליגע ריעל־עסטייט פירמע דימער, שוואַרץ, פּאָלאַנסקי און קוזנעץ, וועלכע האָבען אויסגעלייגט די געלד פאַר קויפען דעם פּלאַץ.

אַ ביטערער קאַמף האָט זיך אָנגעפאַנגען איבער דער פראַגע פון קויפען אַן אייגענעם קעמפּ פאַר זעכצעהן טויזענד דאָלער. אין אַ צייט ווען דער שול קאָמיטעט איז געווען שולדיג איבער פינף טויזענד דאָלער. אָבער דער שול קאָמיטעט איז געווען איבערצייגט, אַז דער פּלאַן פון קויפען דעם קעמפּ וועט ניט זיין קיין פינאַנציעלער פאַרלוסט, נאָר פאַרקערט — וועט זיך אַליין באַצאָלען, וועט אַריינברייגען אַ סך גייסטיגע פרייד אין די היימען פון אַרבייטער רינג מיטגלידער, און וועט דורך דער זומער־צייט צוזאַמענבינדען עלטערן און קינדער אויף דער שויס פון דער נאַטור. נאָך אַ לאַנגער דיסקוסיע איז ענדליך באַשלאָסען געוואָרען צו ערוועהלען אַ קאָמיטע פון 5 צוזאַמען מיט׳ן שול קאָמיטעט, וועלכע זאָל האָבען די פולע רעכט צו קויפען דעם קעמפּ, וואָס רופט זיך איצט קעמפּ קינדערלאַנד, אַרבייטער רינג קאָלאָניע אין סאַוטה הייווען, מיש.

אַזוי האָט זיך צוואַוואַקסען אונזער שול באַוועגונג אין שיקאַגאָ. עס זיינען דורכגעגאַנגען אונזערע שולען איבער 30 טויזענד קינדער. זיי זיינען ניט פאַרלוירען געגאַנגען. זיי זיינען טעטיג אין אַלע טיילען פון אונזער באַוועגונג און אין דער אַלגעמיינער

אידיש־קולטורעלער געזעלשאַפטליכער
באַוועגונג.
און איצט, ביי דעם 25־יאָהריגען
יובילײ פון אונזער שול־באַוועגונג,
פיהל איך זיך שטאָלץ און גליקליך,
וואָס איך בין געוועזן איינער פון די
בויער און גרינדער פון אונזער שול־
וועזען.
זייט נעגריסט, מיטגלידער פון אַר־
בייטער רינג, און שול־טוער. איהר
האָט מיט אייער מיה, געלד און אָפּפער־
ווילינגקייט אויפגעבויט א וואונדער־
באַרע שול־באַוועגונג, וואָס האָט גע־
געבען דעם אַרבייטער רינג קאָליר,
מעהר איינפלוס אויף דעם אידיש־גע־
זעלשאַפטליכען לעבען, א שול־באַוועג־
גונג וואָס איז גרעסער און שטאַרקער
געוואָרען. לאָמיר אַלע ווייטער פאָרט־
זעצען די גרויסע, וויכטיגע אַרבייט
פון קינדער־ערציהונג.

▼

מ. גייער

צו דער אַרבעט פאַר אונזערע קינדער שולן

היינט, צום פינף און צוואנציג יאָ־
ריגען יובילעאום פון די ארבעטער־
רינג שולען, וואָלט וויכטיג געווען צו
מאַכען א סך הכל פון אונזער אבגע־
טאָנענע ארבייט, אונזערע דערגריי־
כונגען און גלייכצייטיג זעהען אונזע־
רע אויסזיכטען פאר ווייטערדיגע אר־
בייט.
אמת, אין א קורצע באגריסונג, ווי
דאָס דארף זיין, איז אונמעגליך דאָס
ברייט צו אַנאַליזירען. איך וועל זיך
דאריבער באגרענעצען מיט מיינע באַ־
מערקונגען.
פינף און צוואנציג יאָהר אין דער
געשיכטע איז א קורצער שפּאַן, און
אין די פינף און צוואנציג יאָהר האָט
זיך אונזער שול באוועגונג ענטוויי־
קעלט ביי אונגארמאלע באדינגונגען.
אין דער צייט ווען ביי אנדערע פעל־
קער איז די דערציאונג, די אנטוויק־
לונג פון דער שפּראך און קולטור א
זאַך פאַר דעם פאָלק, פאר די רעגיע־
רונג, האָבען ביי אונז די דערציאונגס
ארבייט געטאן קליינע גרופּען מענ־
שען, מיטגלידער פון ארבייטער רינג,
מענשען מיט הארץ און געפיהל, מיט
נאציאנאלען באוואוסטזיין און סאָ־
ציאליסטישע אידעאלען. אָט די מענ־
שען האָבען זיך ניט גערעכענט מיט
אַלע שוועריגקייטען, — מאטעריעלע,
גלייכגילטיגקייט, און איבערהויפּט די
גאס, די ענגלישע גאַס, און האָבען גע־
ארבייט טאג איין טאג אויס און גע־
זאָרגט פאר דער ענטוויקלונג און די
פארברייטערונג פון אונזערע שולען.
און אבשאַצענדיג די באַדינגונגען ביי
יועלכע אונז איז אויסגעקומען צו אר־
בייטען האָבען מיר עפּעס דערגרייכט.
טויזענדער פון אונזערע קינדער וועל־
כע האָבען געלערענט און פארענדיגט
די אַ. ר. שולען אין זיך איינגעזאַפּט
א ליבע צו אונזער שפּראך און קול־
טור, באַקענט זיך מיט די ליידען און
פריידען פון אונזער פאָלק, מיט דעם
פרייהייטס גייסט פון אונזערע אמאָ־
ליגע ארבעטער קאמפּפען און זיינען
גרייט אויפצונעמען אונזערע אידעאַ־
לען פאר יושר און גערעכטיגקייט,
פאַר סאָציאליזם.
אמת, מיר טאָרען זיך ניט באַנו־

גענען מיט די דערגרייכונגען, מיר טאָרען אויך ניט איבערלאָזען די גאַנצע דערציאונגס - ארבעט פון די שולען צו א קליינע גרופּע שול טוער. די פראגע פון די שולען פון די אידיש־וועלטליכע דערציאונג מוז געהערען צום גאַנצען אַרבייטער רינג. יעדער אַרבייטער רינג ברענטש, יעדער איינציגער מיטגליד אין ארבייטער רינג דאַרף ווערען א טעטיגער שול טוער אין די ארבייטער רינג שולען. מיר מוזען אין זינען האבען אז היינט מעהר ווי אלע מאָל, ליגט אויף אונז א גרויסע פעראנטוואָרטליכקייט. אונזערע אלע געוועזענע אידישע קולטור צענטערס אין אייראָפּא, שולען, לעהרער אַנשטאַלטען צוזאַמען מיט דעם גרעסטען טייל פון אונזער פאָלק איז חרוב געווארען דורך די בלוטיגע היטלער־האַנד, פארפייניגט און דערמאָרדעט.

און אויב עס איז עפּעס נאָך דאָרט געבליבען מוזען מיר זיין גרייט צוזאַמען מיט זיי צוריק אויפבויען דאָס חרוב געווארענע.

דערווייל זיינען מיר די איינציגע נאָך געבליבענע, אין אמעריקא—אזוי צו זאָגען—פריי צו אנטוויקלען אידיש וועלטליכע שולען, זעהען אז אונזערע קינדער זאלען בלייבען מיט אונז—זאָלען ניט פארפרעמדט ווערען פון אונז און פון אונזערע סאָציאַליסטישע אידעאַלען, זאָלען מיר אַלע מיט פרישען מוטה און ענערגיע, אויסדויער און איבערגעבענהייט, מיט דער האָפענונג אז מיר וועלען געווינען די מלחמה און דעם שלום, און קענען לעבען גלייך צוזאמען מיט אלע אנדערע פעלקער א פריי לעבען.

זייט אלע, לערער, שול טוער, און פארוואלטער, הארציג געגריסט.

▼

י. ש. דיימאַנד

האַלט אָן ערפאָלגרייך די אַרבעטער רינג שולן

אלס מיטגליעד און טוער אין ארבייטער רינג פאר א דריי צענדליג יאָרען איז פאר מיר געווען אַ פאַרגעניגען צו ווידמען א העלפט פון דער צייט פאר דעם וואוילזיין פון אונזערע אידישע שולען. אין די לעצטע פופצען יאָר מערסטענס אלס פינאַנס סעקרעטער און איינמאל אַלס פאָרזיצער איז מיר אויסגעקומען צו לערנען דורך אייגענע דערפאַרונג, ווי שווער עס קומט אָן אנצופירען און אויפהאלטען דעם פינאנציעלען בנין פון די ארבייטער רינג שולען.

מיר האָבען אנגעהאלטען די שול־טעטיגקייטען דורך פארשידענע פינאַנציעלע מיטלען. דער בעסטער קוואל דאַמאָלסט איז געווען דער לאָקאַלער שול טעקס, וועלכער האַלט נאך אן און וועלכען עס צאלען כמעט אלע ברענטשעס אין שיקאַגא.

חוץ די געלדער פלעגען מיר ווערען סובסידירט פון דעם אלגעמיינעם בילדונגס פאָנד פון ניו יארקער דזשענעראַל ארבייטער רינג פאָנד. אויך האָט יעדער שול לאָקאל דורך די עלטערען פעראיינען געשאפען געלדער פון אונטערנעמונגען חוץ די געוויינטלאכע שכר לימוד.

טראָץ די אלע קוואלן פון איינקונפט זיינען קיינמאָל ניט געווען גענוג פינאנציעלע מיטלען אנצוגעהן מיט דער ארבייט אהן שוועריגקייטען. דער בודזשעט איז קיינמאל ניט גע־

וועז גענוג און כסדר פלעגען וואקסען דעפיציטען און חובות.

פאר מיין צייט אלס פינאנס סעקרעטער איז מיר אויסגעקומען אנצופאנגען אויף דאס נייע א יחידים קאמפיין צו שאפען פינאנציעלע מיטלען. אזא קאמפיין איז מיט יאהרען צוריק פרובירט געווארען און איז ניט געווען ערפאלגרייך.

אונזערע טוער פון ארבייטער רינג איז געלינגען אין דעם ערשטען יאהר צוזאמענקלייבען איבער 800 דאלאר פראפיט. עס איז אוועק א גאנג פון יעהרליכע יחידים קאמפיינס, וועלכע האבען דערגרייכט ביז 5 טויזענד דאלאר אין דעם דערפאלגרייכסטען יאר.

ווען אונזערע טוער האבען געזעהן ווי גוט עס זיינען אונזערע יעהרליכע קאמפיינס האבען זיי אנגעשלאסען אויך די יוגענד באוועגונג אלס א טייל צו אונזער קאמפיין.

טראץ די אלע מיטלען האבען אונזערע שולן זיך כסדר געמאטערט פון פינאנציעלע שוועריגקייטען. דער אלגעמיינער דורכשניטליכער מיטגליעד אין ארבייטער רינג און אונזערע אחינו בני ישראל האבען ניט די נויטיגע באציאונג צו אידישע שולן. זיי שטעהען פון דער ווייטענס כמעט מיט א גלייכגילטיגקייט צו אלע דערציהערישע אינסטיטוציעס.

די שוועריגקייטען פון אויפהאלטען אידישע שולן זיינען ניט נאר אונזערע. עס איז אן אלגעמיינע אידישע צרה. אונזערע אידישע שילען, אריינרעכענדיג די שלום עליכם טיפ שולן, די נאציאנאלע ארבייטער פערבאנד שולן און אלע אנדערע קרייזען אידישע שולן איבער גאנץ אמעריקא ווערען אנגעהאלטען פון א קליינע צאל טוער. אט די באגרענצטע צאל מענשען קומט א דאנק פאר דעם דערפאלג פון אידישע שולן אין אמעריקא. עס קומט א דאנק די באגרענצטע צאל אידישע אינטעליגענטען וואס ווידמען זייער טאג טעגליכע ארגאניזאציאנס ארבייט פאר דער בילדונג פון א שעהנעם אידיש געבילדעטען נייעם דור. זיי זיינען קליין אין צאל אין פערגלייך מיט אונזער אידישער באפעלקערונג אבער זייער ארבייט איז קאלאסאל אין פערגלייך מיט די מיטלען א.ז.וו. הילף.

געשטארקט זאלען זיין אייערע הענט, ארבייטער רינג טוער. לאמיר פארטזעצען די 25 יאהריגע ארבייט פון אידישע ארבייטער רינג שולען פאר א שעהנעם צוקונפטיגען אידישן לעבען פאר אונז, אונזערע קינדער און אויך פאר א שעהנערע און פרידליכע עקזיסטענץ פון דער גאנצער וועלט'

▼

ל. לאסאווין

א בריוו אזא...

(אנשטאט א באגריסונג)

טייערער חבר:

אנטשולדיקט מיר, וואס איך האב אייך אזא לאנגע צייט נישט געשריבן. איך בין געווען—שמייכלט ניט — שטארק פארנומען מיט זיך... איך האב איבערגעלעבט פיינפולע חדשים פון אינערלעכע קאמפן, אבער איך וועל עס אייך בעסער דערציילן באריכות:—

ס'איז געווען אזוי.

איך קום איינמאָל אַהיים פון "סקול" (ווי איר ווייסט באַזוך איך דעם קאָלאָמביא אוניווערזיטעט) און פאַרשלים זיך ביי זיך אין צימער. איך האָב געדאַרפט צוגרייטן אַ נייטיקע אַרבעט אויף מאָרגן. מיט אַמאָל דערהערט זיך אַ קאַפּ אין טיר. איך עפן, קומט אַריין מיין פאָטער און בעט מיך — איך זאָל אַראָפּגיין אין קראָם, (מיין פאָטער האָט אַ צווייט־קאַסיק מעבל־געשעפט אויף דער זעלביקער גאַס) ווייל ער דאַרף צוגיין צום דאָקטאָר, ער פילט זיך עפּעס נישט אין בעסטן... ער האָט גערעדט צו מיר ווי אַלע מאָל אויף זיין אייגליש, ד. ה. אומקאָרעקט, ניט גראַמאַטיקאַליש און געדאַנקלעך איבערזעצט פון יידיש. ער איז אַרויס פון צימער מיטן זעלביקן איינגעהאַלטענעם טראָט ווי ער איז אַריין, מיט יענעם טראָט, ווי עס גייען אימיגראַנטישע עלטערן, ווען זיי דאַרפן עפּעס האָבן צו זייערע הי־געבאָרענע קינדער, באַזונדערס ווען יענע זיינען געשטודירטע.

מיין פאָטער איז אַרויס, און דאָס ערשטע מאָל — דאַכט זיך — איז מיר געקומען אויפן געדאַנק, אַז אָט דער מיטל־יאָריקער מענטש מיט דער עטוואָס אויסגעבויגענער פיגור, מיט די האַלב־פאַרלאָשענע אויגן, איז אין תוך מיר אַ גאַנץ פרעמדער. איך קאָן פיל בעסער מיינע חברים פון "סקול" — יידן און ניט יידן — ווי אים, און אומגעריכט האָט זיך אין האַרצן אַ וועק געטאָן אַ צערטפולער געפיל און אַ רחמנות צו אים. פאַר די אויגן האָבן זיך פלוצים אַ צי געטאָן די אַלע יאָרן אין דער היים, עס האָט מיר קיינמאָל גאָרניט געפעלט. איך האָב שטענדיק געהאַט אַ זאַטן מאָלצייט, שיינע קליידער, אַ פרייען דאָלער אין קעשענע, און דאָס אַלץ איז דאָך געקומען פונם מענטשן, וועמען איך ריי כמעט ניט, נאָך מער, אויף וועלכן איך האָב זיך אָפט דערלויבט אַ שמייכל צו טאָן ווען ער האָט זיך צעלאָזט מיט זיין אייגלישער רעטאָריק. איצט, אין אָט דער גוזדריקטער שטימונג האָט מיר גענומען אויסקוקן מאָדנע־קאָמיש שוין דאָס אַליין, וואָס אַ פאָטער ברעכט זיך די צונג צו רעדן צו זיין זון אויף אַ פרעמדן פאַר אים לשון, און איך האָב זיך עפּעס דערפילט שולדיק קעגן אים. איך האָב ווייטמוטיק געטראַכט: איך האָב אים אפילו פאַר זיין גוטסקייט ניט אָפּגעצאָלט מיט אַזאַ קלייניקייט ווי צו קאָנען רעכט יידיש, ער זאָל זיך ניט דאַרפן פילן געפאַלן, ווען ער רעדט צו מיר, און ווי ס'איז דער שטייגער ווען דער מענטש גיט זיך אָפּ דין־וחשבון, האָט זיך דער געדאַנק ניט אָפּגעשטעלט ב יידער איין אנטדעקטער עוולה, נאָר עס האָט זיך ווי אַ וואָרעם גענומען עגבערן טיפער אין מיר און מיך פייניקן, "וואָס ווייס איך איבערהויפּט וועגן זיין לעבן און דייר מאַמעס?" אין יענעם מאָמענט איז פאַר מיר אפילו ניט אינגאַנצן קלאָר געווייז פון וועלכן לאַנד זיי קומען. איך האָב קנאַפּ געוואוסט פון זייער פראַגאַנגענהייט און פון זייער אָפּשטאַם...

ס'איז ניט געווען אינגאַנצן קיין איבערראַשונג פאַר מיר, ז: אין האָב זייט דעמאָלט גענומען טראַכטן אַלץ אָפטער וועגן מיינע עלטערן און במילא שוין וועגן יידן אין אַלגעמיין. די יידישע צעוואָרפנקייט איבער דער וועלט האָט מיך אַלע מאָל שאַירט, אָבער דעמאָלט האָט עס מיר אויסגעזען רעטזעהאַפט און אומבאַגרייפלעך. מיך האָט מיט דער צייט אַרומגעכאַפּט אַ ליידנשאַפטלעכער באַגער זיך צו באַקאַנען מיט דער געשיכטע פון אָט דעם פאָלק. איך פלעג אָפּליגן ביז שפּעט אין דער נאַכט און לייענען די יידישע געשיכטע, געלייענט מיט אַ ווילדן פיבער, געלייענט מיט ג. האַרץ־קלאַפּ.

געלייענט אַפּט מיט פאַרטערטע אויי־
און וואָס מער איך האָב געלייענט, אַלץ
אַ שטאַרקערער פאַרדראָס האָט זיך גע־
וועקט אין מיר קעגן זייַ טאַקע אַליין,
וואָס אַט דאָס פאַרשיידנאַרטיק־גראַנ־
דיעז לעבן, וואָס אַט די העראָאיש־
געפּייניקטע וועלט פון גיבורים,
נביאים און קדושים איז אַזאַ לאַנגע
צייט געווען פאַר מיר פאַרבאָרגן, און
ווען איך האָב דערגרייכט די ע׳טע
הונדערט יאָר יידישע געשיכטע: דאָס
אויפקומען פון דער "השכלה", פון די
יידיש - נאַציאָנאַלע באַוועגונגען —
ציוניזם און בונדיזם און זייערע אָפּ־
צווייגונגען, דאָס פאַנאַנדערבליען זיך
פון דער מאָדערנער יידישער ליטע־
ראַטור און שפּראַך, דער אימיגראַציע־
שטראָם קיין אַמעריקאַ, דער אויפבוי
פונם יידישן לעבן דאָ אין לאַנד—אָר־
גאַניזאַציאָנעל און אינטעלעקטועל—
האָב איך זיך דערפילט ווי אַ ייד, ווי
אַן אמת׳ער ייד — וועמעס האַרץ עס
ווייטיקט פאַר אַלע עוולות וואָס ווערן
קעגן אים באַגאַנגען, און וועלכעס צי־
טערט אויף מיט ניט קיין באַהאַלטע־
נער פרייד — ווען ערגעץ טוט אַ שייַן
אויף אים די זון . . .

ליבער חבר, איך וואָלט אייך גע־
קאָנט אַרויסשרייבן ווי אַט די ענדער־
רונג האָט באַרייכערט מיין גייסט און
אָנגעפילט מיין לעבן מיט אַ זין, אָבער
מיין בריוו האָט זיך שוין אַזוי אויך
פאַרצויגן. ס׳וואָלט אָבער געווען אַן
אומרעכט פון מיר צו פאַרשווייגן, אַז
אַפילו היינט, ווען איך דערמאָן זיך
אַז איך בין יאָרן־לאַנג געווען אָפּגע־
ריסן פון מיינע עלטערן און פון מיין
פאָלק, אָפּגעריסן פון די שוואַכע און
ליידנדיקע, אַז איך דערמאָן זיך אין
דעם, פלאַמט מיין פּנים פון בושה...

מיט בעסטן גרוס,

י. וו. דוד

אונדזערע שולן און ספּעציעל
נאַטירלעכן אופן געהאָלפן לייזן די
די מיטלשול האָבן אויף אַ
פּראָבלעמען, וואָס דער אַנאָנימער
שרייבער רירט אָן אין זיין בריוו.

ל. לאַ—ן.

▼

א. פּראָוואָטינער

אין גאַנג פון צייט

אין דער געשיכטע פון אייביקייט,
איז 25 יאָר זייער אַ קנאַפּער סכום.
אָבער אין דער געשיכטע פון דער מאָ־
דערנער יידישער שול באַוועגונג אין
אַמעריקע וועלכע איז בכלל אַלט 30
יאָר, איז אַ פערטל יאָרהונדערט גאָר
אַ היפּשער סכום.

אין גאַנג פון צייט, האָבן די אַרבע־
טער רינג שולן וועלכע פייערן איצט
זייער זילבער־יובליי—דורכגעמאַכט אַ
גאַנץ ווייטן מהלך, סיי אין איכות,
סיי אין כמות.

און ווער ווייסט עס נאָך אַזוי גוט,
ווי די לערער און שול טוער? איבריקנס,
די געציילטע פון דער „אַלטער גוואַר־
דיע" וועלכע זיינען נאָך געשטאַנען
ביים געבורט פון די יידיש־וועלטלעכע
שולן.

25 יאָר שולן—מיינט מסירת־נפש־
דיקע שווערע אַרבעט. אַן אַרבעט וואָס
האָט נאָך ביז היינטיקן טאָג ניט באַ־
קומען דעם פאַרעמען אָפּרוף פון די
אַרבעטער, און ברייטע יידישע פאָלקס־
מאַסן, ...עלכע מען האָט אין אויג גע־
האַט ביי דערגרינדונג פון די שולן.

ניט אַכטנדיק אויף די אַלע „אבן

נגף'ס" וועלכע זיינען געווען אין וועג, האבן דאך די ארבעטער רינג שול טוער געפונען אין דער שווערער ארבעט — דאס פריידיקע געפיל פון זיין די מיטבויער פון מאדערנעם יידישן שול־וועזן אין אמעריקע.

א שול־וועזן, וועלכער האט זיך פארשפרייט אין דער ברייט און אין דער טיף, און איז געווארן א וויכטיקער פאקטאר אין דער אנטוויקלונג פון נאציאנאל־ראדיקאלן באוואוסטזיין סיי ביי די קינדער פון אונזערע שולן, סיי ביי זייערע עלטערן.

דערפאר גלויב איך, אז די איצטיקע 25־יאריקע פייערונג דארף זיין דער יום טוב פון אינספיראציע און דערמוטיקונג אויף ווייטער, און נאך מיט מער מוט. ווייל, גראד איצט, ווען דאס נאציאנאלע געפיל האט ביי א סך פון אונזערע יידן אויפגעוואכט, מוזן מיר נאך שטארקער האלטן דעם רודער אין די הענט, און מיט פאראייניקטע כחות פארפעסטיקן די אלטע און אויך בויען נייע קולטור־פאזיציעס.

גאר גוט וואלט געווען, ווען אין גאנג פון צייט, און דאס טאקע בקרוב בימינו, זאלן מיר אומשטאנד זיין צו עפענען שולן וואו אונזערע קינדער זאלן באקומען א גאנצע יידישע דערציאונג, (יידיש און ענגליש צוזאמען) אנהייבנדיק מיט קינדער־גערטנער.

לאמיר האפן, אז צום 30 יאריקן יובילײ וועט אויך דער חלום פארווירקליכט ווערן. ווייל — „מה שיעשה הזמן לא יעשה השכל." אין גאנג פון צייט איז אלץ מעגליך. עס דארף בלויז זיין דער גוטער ווילן.

זייט געגריסט פארוואלטער, שול־טוער און קולטור־בויער!

זאלן אייערע הענט געשטארקט זיין!!

▼

מ. אלטמאן

א בלאט אין דער יידישער קולטור-געשיכטע

(צו דעם 25 יאריקן יובילײ פון די א. ר. שולן)

מיט דעם גרינדן פון די יידיש־וועלטלעכע שולן האט דער ארבעטער־רינג זיך דערהויבן איבער זיין חיי־שעה און זעך געווענדעט מיט דעם פנים צום מארגן. דער ארבעטער־רינג האט דערמיט נישט בלויז געשאפן די לעבנס־פארזיכערונג פאר זיינע מיטגלידער, נאר זיך אויך קונה געווען דעם עולם הבא — די צוקונפט.

דער פערטל יארהונדערט יידישע שולן באצייכנט דעם טריומפצוג פון דער נאציאנאלער אידייע אין די רייען פון דער יידישער ארבעטער־באוועגונג און יידישן פאלקסמענש.

דער יידישער בעל־מלאכה, דער שניידער, דער שוסטער, האבן אויפגעערט צו זיין די שטיפקינדער פון פאלק און אליין געווארן בויער און טרעגער פון דער יידישער קולטור.

ווער האט דאס געגלויבט? ווער האט זיך דאס פארגעשטעלט, אז הענט מיט מאזאליעם וועלן טראגן דעם פאקל פון אונזער תורה און מאראל — אונזער נר תמיד — מיט אזוי פיל קדושה און מסירת־נפש?!

און אויב צווישן די ערשטע ארבעטער־טוער איז געווען א טייל צווייפלער מיט דער איבערצייגונג, אז די יידישע

שפראך און די יידישע קולטור איז בלויז א צייטווייליקע דערשיינונג—האט דער אינסטינקט פון געזונטן פאלקס־מענטש גובר געווען די אלע ספקו׳.. דער געווּנטשער חוש פון עמך האט איינגעזען אז די דורות־לאנגע געשיכטע פון אונזער פאלק איז טיף פארקניפּט און פארבונדן מיט אונזערע מאסן, מיט אונזער פסיכיק און לעבנסשטייגער און אז אן א ספּעציפישער קולטור קענען מיר בכלל נישט עקזיסטירן. די שול־באוועגונג איז דערפאר נישט א רעזולטאט פון א קאפריז, נאר א נויטווענדיקייט, וואס דאס לעבן האט געפאדערט און ארויפגעצוואונגען.

דער יידישער פאלקס־מענטש האט דערהויבן דאס וואכעדיקע „יידיש" צו א נאציאנאלער שפראך און געמאכט פון דער שפראך א קוואל פון וואנען אונזער נייער דור זאל קענען שעפּן אוצרות פון גייסט פון אונזער רייכער פארגאנגענהייט און זיך דערקוויקן מיט רוח חיים, וואס זאל אים שטארקן און מאכן פייאיק פאר א גליקלעכער, שענערער צוקונפט.

אין דעם יידישן, ארימען שול־בנין, צו וועלכן עס האבן צוגעטראגן די ציגל און ליים דער הארעפּאשנער ארבעטער און פאלקסמענטש, האבן אנגעהויבן צו פלאטערן די פליגל פון דעם מאדערנעם יידישן חלום און אידעאל. די שול האט געטראגן דעם שטאלצן חותם פון א נייעם יונגן דור. אלטער ווייז איז איבערגעגאסן געווארן אין נייע כלים.

די שול איז געווארן דער וועגווייזער פאר די אלע פארבלאנדזשעטע און פארפלאנטערטע אויף אלע פינסטערע שטעגן פון ברייטן־ווייטן לעבן. פאר די אלע, וועלכע האבן זיך אקארשט ארויסגעריסן פון די ענגע מויערן פון אלטן געטא און נישט געפונען די נייע גייסטיקע היימען, פאר די אלע האט די יידישע שול געוויזן דעם וועג: דעם וועג צו זיך אליין!

עס זיינען אוועק 25 יאר פון שווערער ארבעט, נויט און מי—און וואו איז דער לוין? וואו דערזעט מען שוין די שפּראצונגען פון די זאמען, וועלכע מען האט פארזייט מיט טרערן און שווייס?—גרויס איז די טראגעדיע פון די אלע אמתע אידעאליסטן און שטרעבער, פון די אלע לשם־שמים טוער, וועלכע קענען קיינמאל נישט דערלעבן צו זען די רעאליזירונג פון זייערע חלומות. גרויס איז אבער די זכיה, ווען מען באמערקט כאטש פון ווייטן דעם שימער, דעם ליכטשטראל אויפן האריזאנט, וואס זאגט אן דעם אויפגאנג פון דעם נייעם מארגנשטערן.

דער ארבעטער־רינג האט נאך נישט געגעסן די „פרוכט פון פעלה" און נישט געזויגן דעם „האניק פון פעלז", אבער פון צייט צו צייט זעט ער א שיין, א ליכט—און ער דערפילט אז זיין גרויס ווערק אפּצוהיטן די ירושה פון אונזערע זיידעס און די פארבארגענע אוצרות פון אונזער קולטור, דאס ווערק פון זיין חלום און שטרעבן—ווערט באוויליקט. ער זעט די אותות ומופתים (ווען דא און דארט באווייזט זיך א פרילינג־שוואלב, ווען דא און דארט דערהערט זיך אן אנזנג, א בשורה) און דאמאלט געפינט ער זיין טרייסט.

די 25 יאר יידישע שול־ארבעט און דערציאונג וועלן פארשריבן ווערן מיט גאלדענע אותיות אין דעם גרויסן ספר פון דער יידישער קולטור־געשיכטע.

באגריסונגען פון גראדואירטע פון דער מיטל שול

באגריסונגען פון מיטל שול
טייערע לעהרער און פארוואלטער:

איך וויל אייך באגריסען צו דעם 25טן יובילעאום פון די ארבעטער רינג שולען אין שיקאגא. אלס אן אמאליגער סטודענט וויל איך אייך זאגען, אז אייער ארבעט איז ניט אומזיסט. דאס ביסעל אידישקייט און מענשליכקייט וועלכע די שול האט אין אונז פארפלאנצט וועט אונז קיינמאל ניט פארלאזען. ה

איך ווינש אז די ארבעט זאל אנגעפירט ווערען נאך פאר א לאנגער צייט און אז די שולען זאלען ווערען גרעסער און שעהנער פון יאהר צו יאהר.

הערשל פאגעלסאן

צו די לעהרער, שול טוער, קינדער און עלטערען:

עס פרעהט מיך צו זיין איינע פון די גראדואירטע סטודענטען פון דער ארבעטער רינג מיטל שול פון 1942. און מיט פולען באוואוסטזיין באגרים איך מיט שטאלץ די ארבעטער רינג שולן צו זייער 25 יאהריגען יובילעאום.

פייגעל דיימאנד

ליבע לעהרער:
אלס גראדואירטע סטודענטען פון ארבעטער רינג מיטל שול פון 1942, באגרים איך מיט שטאלץ די גרויסע דערגרייכונגען פון די ארבעטער רינג שולען צו זייער 25 יאהריגען יובילעאום.

לאה פערלמאן

איר פייערט היינט די פארגאנגענע 25 יאהר שול ארבעט. וואס איז וועגען די קומענדע 25 יאהר?

וועלען די שול טוער זיך באפרידיגען מיט קאפיטלען געשיכטע, צו וועלען זיי מיט פרישער ענערגיע זיך ארייננווארפען אין דער ארבעט פון דערציען א פראגרעסיווען דור? און לאמיר געדיינקען אז דער טייטש פון ווארט "פראגרעס" איז: "פארווערטס גיי." אפילו ווען דער נייער דור זאל ניט איינשטימען א הונדערט פראצענט מיט דעם אלטען, אבער עס איז גענוג אז דער דור איז פראגרעסיוו.

די קומענדע 25 יאהר וועלען בלי־שום־ספק שפילען א דעטערמענדירענדע ראלע אין דער געשיכטע פאר דורות לאנג. טא לאמיר ניט צופיל אונזער צייט אוועקגעבען אין קלערענישען וועגען דער פארגאנגענהייט; לאמיר בעסער פלאנעווען פאר דעם באנייטען קאמף. מען מוז נאכקלערען, בייטען, רעווידירען אונזערע ספעציפישע מיינונגען כדי דעם ציעל זאלען מיר דערגרייכען—די אנשטייאונג פון א ראדיקאלער, קעמפענדער יוגענט. ווי צו די וועלכע וועלען זיך שטעלען אין וועג פון דער יוגענט ווען אירע פאטענציעלע כחות וועלען אנטוויקעלט און געשמידט ווערען.

יאסל עלבאן

אלץ א גראדואירטע שילערין פון די ארבעטער רינג עלעמענטאר און מיטל שול, פיל איך זיך שטאלץ צו האבען די מעגליכקייט צו באגריסען די שולען, שול־טוער, און לערער צום היינטיגען גרויסען יום טוב.

עס דערמאנט מיך אין דער צייט ווען איך האב געדארפט אנשרייבען אן אנדער סארט דערציילונג—א דערציילונג פאר דעם זשורנאל וואס איז ארויסגעגעבען געווארען ווען איך האב געענדיגט די עלעמענטאר שול. דעמאלט האב איך געשריבען א מעשה'לע וועגען א אינגעל—א שיך־פוצער, און זיינע

פלאגענישען צו געפינען אן ארט פאר זיך אין א גרויסער און פרעמדער וועלט.

און נאכהער, יאהרען שפעטער, ווען איך האב געענדיגט די מיטל שול, האב איך ווידער געשריבען פאר דעם זשורנאל. דאס מאל, זייענדיג עלטער, און ווי איך האב געדיינקט, מיט מעהר קענטענישען, האב איך זיך פארטראכט און אנגעשריבען קורצע איבערבליקען פון די לעבענס און ווירק פון די מאדערנע אידישע דיכטער.

היינט דארף איך ווידער עפעס אנשרייבען—דאס מאהל וועט עס ניט זיין א מעשה׳לע.

היינט וויל איך אפצאהלען א חוב—א חוב צו אלע די וואס האבען זיך פאראינטערעסירט אין מיין לעבען, און אין די לעבענס פון פילע אידישע קינדער. איך בין זייער פיל שולדיג די וויטזעהענדיגע מענשען וואס האבען מיט פילע יאהרען צוריק דערזעהן די באדערפענישען פון יונגע אידישע קינדער—פון קינדער וואס ווערען ערוואקסען אין גאס און אין אמעריקאנער שוהלען, קינדער, וואס אויב ניט פאר אונזערע מאל ניט געוואוסט וואס א אידיש ארבעטער רינג שוהלען, וואלטען קיינווארט מיינט, און וואס א אידישע פאמע קען באדייטען. קינדער וואס אויב ניט פאר אונזערע שוהלען, וואלטען זיך געפינען אין גאנץ אנדערע סביבה׳ס פון די אין וועלכע זיי געפינען זיך איצט. און איך פון מיטע אייגענע ערפארונגען, וויים וואס די אלע פארשידענע איינצעלהייטען מיינט פאר א זאמעריקאנער קינד.

איך בין אויך פיל שולדיג צו די איצטיגע שול־טוער, וואס האבען געזעהן אז איך זאל האבען די מעגליכקייט צו קריגען אן אינטעליגענטע, אידישוועלטליכע דערציאונג. איך באדאנק אויך די קומענדיגע שול־טוער, וואס וועלען זעהן אז דעם יונגערען דור זאל ניט אויספעלען דאס וואס איך האב געקראגען.

איך טאר אויך ניט פארגעסען מיין חוב צו די לערער, ווען איך קאן ניט גענוג באדאנקען, פאר צוטראגענדיג זייער טייל אין מיין דערציאונג. די ארבעט פון א לערער איז פול מיט אויפרעגונג, און ביז וואנען ער דערזעהט די שיין פון וויסען אין די אויגען פון זיינע סטודענטען, געהט פארביי פילע יארען. עס איז ניט גרינג אנצוהויבען פון אנהויב און לערנען אמעריקאניזירטע קינדער א נייע און פרעמדע שפראך און קולטור. אזוי ווי מען נעמט א שטיין און מען דארף אויף דעם אויסקריצען פארשידענע סטאטועס און פיגורען, אזוי דארף מען פארמירען און באיינפלוסען די געדאנקען פון יונגע קינדער. דאס איז א לעהרער׳ס ארבעט—צו זיין דער סקולפטאר פון די מאטעריאלען וואס ווערט אין צוטרוי איבערגעגעבען צו אים.

דערפאר, היינט, צו דעם 25טען יובילעאום פון אונזערע ארבעטער רינג שולען, וויל איך אפצאלען מיין חוב צו די אלע טוער, צוזאמען מיט מיין חוב צו די לעהרער פאר מיר געבען די מעגליכקייט צו האבען גענוג וויסען אז איך זאל כאטש קאנען אנשרייבען אין פשוט׳ן אידיש א הארציגען דאנק און ווינטשען אז זייער ארבעט זאל אנגעהן מיט ערפאלג ווי לאנג עס וועט זיך געפינען א אידיש קינד אויפן גאס וואס נויטיגט זיך אין זייער הילף.

ראזע און חיים בערקאוויטש

אונזער הארציגע באגריסונג צו די לעהרער, שול טוער און פארוואלטער, צום 25טען יאהריגען יובילעאום פון די ארבעטער רינג שולען.

אלס גראדואירטע שילער פון די עלעהיינט די וויכטיגע ראלע פון די שולען מענטאר און מיטל שול, פילען מיר

אין אונזער דערציאונג. די אַרבעטער רינג שולען האָבען אונז נעענטער געבראַכט אידעאיש מיט אונזערע עלטערן, קלאַס און פאָלק, און האָבען פאַרנומען אַ וויכטיגען טייל פון אונזער טאָג טעגמיר די פאַרגאַנגענע צייט אין די שולען. ליכען לעבען. מיט שטאָלץ דערמאָנען

גערהט אָן מיט אייער וויכטיגע דערציאונגס אַרבעט.

אהרן און רבקה דאָלניק

מיינע ליבע שול־טוער:

מיין באַגריסונג צו אייך איז אין גייסט פון אַ דאַנק. די אַרבעטער רינג שול איז געווען דער שטאַרקסטער איינפלוס אין מיין לעבן.

מיין חוב צו אייך איז זייער אַ גרויסער. איך וועל קיינמאָל נישט קענען אָפּצאָלן פאַר אייער אַרבעט, געטרייִשאַפט, און פאַר דער מי וואָס איר האָט געבראַכט צו עפענען פאַר מיר די אוצרות פון אונזער פאָלק און באַזעלן מיך מיט די אידעאַלן און מיט דעם גלויבן פון דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג. בלויז אַ קליינעם טייל פון מיין חוב קאָן איך אייך באַצאָלן דורך זיין אַ פיינער מענש, אַ גוטער איד און לאָיאַלער סאָציאַליסט.

עליק סיידעל

(גראַדואירטער מיטל־שול 1938)

אַ פּאָר ווערטער אין מאָמענט פון טריאומף

ווען עראינערונגען מישן זיך צוזאַמען מיט איבערלעבונגען ווי קען מען אין אַזעלכע מאָמענטען שרייבען באַגריסונגען?

ווען אויפ'ן מוח קומען ארויף די שיינע חלומות פון גאָר פריען יוגענט און עס הויבען זיך אָן דערמאָנען שיינע מאָמענטען פון די ערשטע טעג און נאָכדעם יאָהרען אין די אַרבעטער רינג שול וואו איך האָב אַלס קינד אָנגעהויבען, און וועלכע איך האָב פאַרלאָזן אַלס גייסטיג אַנטוויקעלטער מענש נאָך דער גראַדואירונג פון מיטל שול, — ווען די אַלע עראינערונגען מישען זיך צוזאַמען מיט די איבערלעבונגען אין וועלכע מיר קינדער האָבען געזעהן און פאַרשטאַנען די אונגעהויערע שוועריגקייטען וואָס די פאַרוואַלטער און פיהרער פון די שולען האָבען געדאַרפט דורכגעהן אויפצוהאַלטען די אינסטיטוציע.

יאָ, עס שטעלט זיך מיר אַ פראַגע, צי זאָל איך באַגריסען די שול קינדער פון אַמאָל און פון היינט, וועלכע האָבען געהאט און האָבען איצט דעם גליק צו באַזוכען די אַרבעטער רינג שולען? צי זאָל איך באַגריסען די עלטערן וועלכע האָבען געהאט די אינטעליגענץ צו איינזעהן די נויטווענדיגקייט צו שיקן זייערע קינדער אין די אַרבעטער רינג שולען? אָדער זאָל איך באַגריסען די קאַליש'עס, די סיידעל'ס, די שייער'ס, און די פייגינ'ס די ברינ'ן די זאַרעצקי'ס, די ליסע'עס, די לאַפינסקי'ס, די קאָהענ'ס און די נאָך צענדליגע אַנדערע איניציאַטאָרס און שול טוערס, וועלכע האָבען אָפּגעגעבען נ̇יט נאָר זייער לעצטען סענט, ניט נאָר זייער צייט, ניט נאָר זייער פיזישע ענערגיע, נאָר אויך יעדען טראָפּען פון זייער אינטעליגענץ צו דער באַוועגונג און צו דעם אידעאַל אַז נאָר אין אַ וועלטלעכע שול קען דאָס אידיש אַמעריקאַנער קינד באַקומען די נויטיג גייסטיגע אַנטוויקלונג.

דערפאַר אַלס אַמאָליגע שילערין פון אַרבעטער רינג עלעמענטאַר און מיטל שול שיק איך אייך מיין דאַנק ליבע חברים טוער. איך שיק אייך מיין דאַנק, ווייל איהר האָט פאַר מיר געעפענט אַ לאַבערינט, וועלכע ווי שווער עס איז געווען אים דורכצוגעהן האָט דאָס דאָך

דערפירט מיט אייער הילף אין די שעהנע הויכע סביבה׳ס פון אינטעליגענץ, פארשטאנד און קולטור. איך וועג און מעסט יעדן ווארט ווייל איך וויל עס זאל פארשטאנען ווערן אז מיין הארציגער דאנק איז אויפריכטיג און אהן חניפה.

מיט ליבע און חבר׳שען גרוס,

מייטע פאקס (האלצמאן)

א געוועזענע שילעריו

▼

צו דעם 25 יאריקן יובליי פון די ארבעטער רינג שולן אין שיקאגא

די מיטגלידער פון דעם אידישן סאציאליסטישן פארבאנד, פילע פון וועלכע זיינען געווען פיאנערן פון דעם שול וועזן אין שיקאגא, און וועלכע שטייען נאך ביז היינט בא דעם רודער פילן זיך יום־טוב׳דיק די טעג. א גרויסע ארבעט איז אפגעטאן געווארן. די אידישע סאציאליסטישע דערציאונג האט זיך טיף איינגעווארצלט אין דעם באוואוסטזיין פון די ארב. רינג מיטגלידער. עס קען מער ניט זיין קיין רייד וועגן גיין צוריק. אלעם איז געווענדעט צו דער וועג פאראויס, צו א פארגרעסערטן און פארצווייגטן שולוועזן.

מיט דעם צייטווייליקן אונטער גאנג די ארבעטער רינג שולן אין אמעריקא פון דעם צישא וועזן אין פוילן, זיינען די פארקערפערונג פון אידישער וועלטלעכער דערציאונג און אויף די שולטוער ליגט א גרויסע פאראנטווארטלעכקייט פארטצוזעצן די ארבעט ביז בעסערע צייטן פאר די אידן אין אמעריקא וועלן קומען.

די מיטגלידער פון דעם אידישן סאציאליסטישן פארבאנד מוזן און וועלן פארשטארקן זייער אנטייל אין דעם ארב. רינג שול וועזן.

מיר באגריסן אייך, ארב. רינג שול טוער, געהט אן מיט אייער ארבעט און די צוקונפטיקע דורות וועלן אייך געווים שעצען און ערן.

אידישער סאציאליסטישער

פארבאנד אין שיקאגא.

נ. וואגמאן, פארזיצער

מ. בלומין, סעקרעטאר

באגריסונג פון דער מיטל שול פארוואלטונג

שיקט איר גרוס צו אלע תלמידים און תלמידות וועלכע געפינען זיך אין אלע שטאטן פון אמעריקע און אויך צו די, וואס געפינען זיך מעבר לים.

מיר שיקן אויך אונדזערע וואונטשן צו אלע שול טוער, לערער און קינדער אין שיקאגא. זאלן מיר צוזאמען דערלעבן צו פייערן דעם אמתן וועלט יום טוב, ווען יושר, סאציאלע גערעכטיקייט וועלן הערשן איבער גאר דער וועלט.

אונדזער שול העלפט א סך אין אט דעם קאמף. זייט אלע געגריסט און געשטארקט אין אט דעם קאמף.

דזש. גינזבורג פארזיצער

מארים ראבינאוויטש, וויצע פארז.

וויקטאר מארגאלים, פינ. סעק.

שרה בראדי, פראטאקאל סעק.

פיליפ בראדי

לואי קוזנעץ

סאניע קוזנעץ

דוד שייער

מארים בלומין

ב. גראבארד, דירעקטאר

מנחם קאַרסאָן

אַ פערטל יאָרהונדערט פון לעבן און קאַמף פון דעם אַרבעטער רינג שול וועזן אין שיקאַגאָ

(זכרונות פון איינעם וואָס איז געשטאַנען ביים וויגעלע זון דער א. ר. שול)

זכרונות און איינדרוקן

זיץ איך און בלעטער אין געדאנק זכרונות און איינדרוקן פון פינף און צוואנציג יאָר געשיכטע פון די אַרבעטער רינג שולען, און טראכט — פינף און צוואַנציג יאָהר איז דאָך ניט קיין שפּילעכל, ס'איז א גאנץ לאַנגע צייט. זייער מעגליך, אז איז פארגלייך מיט דער לאנג יאָריגער געשיכטע פון אידישען פאָלק איז עס ניט מער ווי אן אויגנבליק, ווי א בליץ וואס רייסט זיך דורך אין א פינסטערער נאַכט, אָבער אין דעם קורצן משך פון א דור איז פינף און צוואנציג יאָר א היבשער מהלך. עס מיינט דאָך. אייגענטליך, דער אָפּשלום פון א וויכטיגער עפּאָכע וואָס ציילט א פערטל יאָהרהונדערט. ווארום, מ'שטיינס נעזאגט, וויפיל פערטלאך יאָרהונדערט קאן מען אָפּציילן אין א מענשענ'ס לעבן.

איז דעריבער קיין וואונדער ניט, וואס ביי אזא היסטאָרישער געלעגענהייט, זוכט מען צו מאַכען א סך הכל, אונזא שטיקעל חשבון הנפש. עס ווילט זיך געפינען אן ענטפער אויף דער מאטערנדער פראַגע, ווי גרויס איז באמת געווען דער איינפלוס און ווירקונג פון דער נייער שול אויף דער אידישער יוגענט אין אמעריקא?

זוך איך און נישטער אן ענטפער אין די עראינערונגען פון אונזער אָפּגעפאָרענעם וועג. עס שטראלן אויף און לעשן זיך אוים אָן א שיר בילדער און זכרונות. עס וואַכן אויף טעג פון שטורמישן אידעאישן קאַמף, און טעג פון שטילער פארטיפטער שול־אַרבעט. — עס לעבן אויף מאָמענטן פון הויכער אידעאַליסטישער באגייסטערונג און מאָמענטן פון פארצווייפלונג און ביטערער אנטוישונג—צייטן פון יאוש און פיין און צייטן פון גייסטיגער פרייד און נחת.

עס דערשיינען פאר די אויגן בילדער פון אונאויפהעריגן געראנגל, פון איין זייט מיט די אייגענע אידעאישע געגנער, און פון דער צווייטער זייט מיט דער גלייכגילטיגקייט פון די ברייטע אידישע מאסן צו אידישער דערציאונג בכלל. עס דערמאָנען זיך אומפארגעסליכע סצענעס פון ביטערן קאמף געגען דער שטענדיגער אָרימקייט, דחקות און פיין וואס האָבן אלעמאל געדריקט און געסטראשעט די שול מיט אונטערגאַנג.

איך זעה די הונדערטער ערליכע און שווער פארהאָרעוועטע שול־טוער וועלכע האָבן קיינמאָל ניט אויפגעהערט זיך זארגן וועגן חיונה פאר די שולן, נאָך איידער איין אונטערנעמונג אדער געלט־קאמפאניע איז אריבער, האָט מען שוין געטראכט אָדער געארבעט פאר א צווייטער. איך פיל דעם ווייטאָג און צער פון אָט די איבערגעגעבענע טוער, ווען אין דער קאַסע האט אויסגעפעלט געלט צו באַצאָלן דעם לערער פאר דירה־געלט, אָדער פאר קוילן.

איך באַמערק אבער אויך זייער

שטראַלענדע פרייד, ווען די עלטערן האָבן זיך ווי געהעריג אָפּגערופן אויף א שול־אונטערנעמונג, וואס איז אזוי שווער אנגעקומען צו מאכן, און נאָכמער קאָן מען זעהן זייער גרויסן שכר אויף די שול ימים טובים און קאָנצערטן, ווען ד שול קינדער האָבן זיך אויסגעצייכענט מיט זייער פיינעם שפּילען אין אידיש און מיט זייער אידישען געזאַנג.

איך זעה אויך די ניט פאַרווירקליכטע חלומות פון יעדען אידישען לערער צו דערלעבען די צייט ווען ער זאָל קאָנען אראָפּוואַרפען פון זיינע אַקסלען דעם שווערן לאַסט פון דאגות פרנסה אום ער זאָל קאָנען מיט א רוהיגען קאָפּ ווידמענען זיינע גאַנצע כוחות און פעהיגקייטען אויסשליסליך אויף דער פּעדאַגאָגישער ארבעט פון די שולן; אז ער זאָל קאָנען אויסגעפינען נייע און גרינגערע וועגן ווי צו פאַראינטערעסירן דאס קינד אין די אידישע למודים.

עס מאַרשירן דורך פאר מיינע אויגען די ליכטיגע זוניגע געשטאַלטן פון די הונדערטער יונגוואַרג וואָס האָבן זיך געוואָרימט ביי אונזער פייער און גענאַשט און געלערענט אונזער תורה. זיי האָבן דאָך באמת ליב געהאט אונזער שול און תמיד ארויסגעוויזען גרויס באַגייסטערונג פאר אירע לערער און לימודים.

ס'איז דאָך אָן צווייפל פאַרבליבען ביים גרעסטן טייל פון זיי א סך וואַרעמע געפילן פאַר דער שול, און א באַדייטענדען אינטערעס אין אלע פּראָבלעמען וואס האָבן א שייכות צום פּראָגרעסיווען ארבעטערישן טייל פון אידישען פאָלק.

א גרויסער טייל פון אָט דער יוגענט געפינען זיך איצט צעזייט און צעשפּרייט איבער אלע זיבען ימים, אויף די צענדליגע מלחמה פראנטן. אומבאוואוסטזיניג טראגן זיי אריין דעם פרייהייטליכען גייסט פון מענש און איד וואס איז אין זיי פאַרפלאַצט געוואָרען פון דער פריער יוגענט צווישען זייערע קעמפּענדע חברים.

ווער קען דען אָפּשאַצען ווי גרויס עס איז דער מאָראַלישער בייטראג פון אונזער אידישער שול פאר דעם בלוטיגען געראַנגעל פון לעבען און טויט אין קאמף געגען די פינסטערע ווילדע כוחות פון אונזער שונא?

ווער קען דען וועגן אָדער מעסטן דעם ווערט פאר אונזער נאציאנאלען קיום פון אָט די זאַפּטיגע קערנער, וואָס מיר האָבן פאַרזייט צווישען דער אידישער יוגענט. זיי זיינען, טאַקע אמת קליין און נישטיג אין צאָל, אָבער יעדעס קערנדל צעוואַקסט זיך מיט דער צייט אין א קרעפטיגען ניוקלעאוס וואָס פאַרשפּרייט אונזערע אידעען צווישען אזעלכע קרייזן און שיכטן פון דער יוגענט וואס מיר וואלטן גאר קיינמאָל ניטגע'חלומ'ט צו דערגרייכען.

טראָץ דעם וואס מיר מוזען זיך מודה זיין אז די אידיש וועלטליכע שול האט ניט געמאכט אָט דעם געהעריגען פּראָטשריט, ווי די גרינדער האָבן זיך פאַרגעשטעלט אדער דערוואַרטעט, האָבן מיר דאָך ניט קיין אורזאַך צו זיין פאַרצווייפעלט, ווען מיר באַקענען זיך נעענטער מיט דער געשיכטע פון די שולן און מיט די באַדינגונגען אונטער וועלכע זיי האָבן געלעבט.

מיר טאָרען ניט פאַרגעסען אז דער עצם ענין פון א אידיש־וועלטליכער שול איז געווען א נייער, דער אידישער חדר אדער תלמוד תורה, ווי בכלל די גאנצע אידיש רעליגיעזע דערציאונגס סיסטעמע איז אן אלטע, כמעט אזוי אלט ווי דאָס אידישע פאָלק. מיט קליינע ענדערונגען געהט

זי אויף די אלטע אויסגעטראטענע וועגן פון דער דריי טויזענט יאָהריגער אידישער אמונה. עלטערן שיקן זייערע קינדער אין חדר צי זיי זיינען אליין רעליגיעז אדער ניט. זיי טוען עס צוליב געוואוינהייט, טראַדיציע, און אַמאָל צוליב דער עפענטליכער מיינונג.

אנדערש איז אָבער מיט דער נייער אידיש־וועלטליכער שול. דער געדאנק צו גרינדן א אידישע שול, וואו רעליגיע זאָל זיין לחלוטין אויסגעשלאָסן, און אַנשטאָט דעם זאָל מען געבען דעם קינד א אידיש נאַציאָנאל וועלטליכן וויסן אין א פּראָגרעסיווען אדער סאציאליסטישען גייסט האט פאקטיש געמיינט א רעוואָלוציע אין דער אידישער דערציאונג.

ערשטער פאַרזוך אַ געוואַגטער עקספּערימענט

די גרינדונג פון דער נייער שול איז געווען א געוואגטער עקספּערימענט, איבערהויפּט אויפן אמעריקאנעם באָדן. די נייע שול האָט ניט געהאַט פאַר זיך קיין פאָרגייער. זי האָט אַליין געמוזט אויסזוכן אירע אייגענע מעטאָדן און וועגן. און ווי יעדער נייער עקספּערימענט האט זי געמוזט האבען די פּאַסיגע באַדינגונגען אום זי זאָל זיך קענען צעוואקסען און צעבליען.

די ארבייטער רינג שול איז ניט געווען די ערשטע אידיש וועלטליכע שול אין שיקאגע. איידער די א. ר. שולן האָבן זיך געגרינדעט זיינען שוין געווען דריי וועלטליכע אידישע שולן אונטערן נאָמען „נאַציאָנאלע ראַדיקאַלע שולן.״

די נאַציאָנאלע ראַדיקאלע שולן זיינען געגרינדעט געווארען אין 1912, און אין 1914 האָבן זיי זיך צעשפּאַלטען אין צוויי ריכטונגען: די העברעאיסטישע און ראַדיקאַלע.

די כאַראַקטעריסטישע סימנים פון דער העברעאישער ריכטונג, וועמעס איניציאטארן זיינען הויפּטזעכליך געווען די פּועלי ציון און מיטגלידער פון נאַציאָנאלן ארבעטער פארבאנד, זיינען געווען צוויי שפּראכיגקייט, מיט א פאָרצוג אָפּט מאל פון העברעאיזם, ציוניסטישער ראָמאנטיזם, דורכגעוועבט מיט רעליגיעזע עלעמענטען. דאָס הייליג האלטען אידישע ימים־טובים און דעם שבת איז אין די שולן געווען איינער פון די וויכטיגסטע דערציאונגס מיטלען.

די כאַראַקטעריסטישע סימנים פון דער ראַדיקאַלער ריכטונג איז געווען איין שפּראַך: אידיש, אן אלגעמיין מענשליכע פרייהייטליכע דערציאונג אין א אידישער פאָרם, און דאָס באַשעפּטיגען זיך ניט אזוי מיט דער אידישער פארגאנגענהייט, ווי מיט דער אידישער געגענווארט און צוקונפט. אָט די ריכטונג איז געשטאַנען אונטערן איינפלוס און געשטיצט געווארען הויפּטזעכליך פון די סאָציאליסטן־טעריטאריאליסטן, ווי אויך פון א באַדייטענדער צאָל מיטגלידער פון דער אידישער סאָציאליסטישער פעדעראציע, און אייניגע ארבעטער רינג ברענטשעס.

אָט דיביידע טיפּן נאציאנאלע ראַדיקאלע שולן האָבן דעם אידישען סאָציאליסט ניט געקענט צופרידענשטעלן. די ערשטע, צוליב דעם העברעאיזם, פּאַלעסטינע, און בכלל איבערטריבענעם נאַציאָנאַליזם; און די צווייטע ריכטונג, כאָטש זי איז געווען פּראָגרעסיוו, האָט איר נאך אלץ געפעלט אן אמת סאָציאליסטישער גייסט.

מיט עטליכע יאָהר, פאר דער גרינדונג פון די א. ר. שולן, אין 1916, האָט די אידישע סאָציאליסטישע פעדעראַציע, געפינענדיג זיך שטאַרק אונטער דעם איינפלוס פון דער דאַמאָלסט - פאַרשפּרייטער ענגליש־סאָ־

ציאליסטישער זונטאג שול באַוועגונג, געמאַכט א פאַרזוך צו לייזען די פראַגע דורך גרינדען א סאָציאליסטישע זונטאג שולע אין אידיש.

אַזאַ שול איז געגרינדעט געווארן אין דעם „וואָרקערס אינסטיטוט", אויף אַשלאַנד עוועניו, לעבען טיילאָר סטריט. די לערער פון אָט דער זונטאג שול זיינען באַשטאַנען פון יונגע אידישע סאָציאליסטישע אינטעליגענטן, וואָס האבען אוועקגעגעבן זייער צייט אין גאנצען פריי.

דער הויפּט ציל פון דער אידישער זונטאג שול איז געווען צו פּראָפּאַגאנדירן דעם סאָציאליזם אין אידיש. אידיש אלס שפּראַך איז דאָרט געלערנט געווארען אויפ'ן שפּיץ־מעסער, נאָך ווינציגער אידישע געשיכטע. קיין פּאַסיגע כרעסטאמאטיעס זיינען נאך דעמאָלט ניט געווען בנמצא. א לערן־פּראָגראַמע אודאי ניט. יעדער לערער האָט געלערנט אזוי ווי ער האָט פאַרשטאַנען. אין גאנצען האָבען די קינדער געלערנט בלויז עטליכע שעה יעדען זונטאג. די קינדער, פאַרשטעהט זיך, זיינען דעמאָלט געקומען פון אימיגראנטן ־ היימען און האָבען גערעדט א פיינעם אידיש.

אָט די דריי טיפּן שולן האָבען ניט געקענט צופרידענשטעלען דעם אידישען סאָציאליסט. ער האָט געוואלט א שול וואס זאָל אין זיך פאַרקערפּערן ביידע שטרעבונגען; א מין סינטעז פון וועלטליכער אידישקייט און סאָציאליזם. אָט די נייע פאָדערונגען און נויטן פון יענער צייט האָבען עס ארויסגערופען די ארבייטער רינג שול צום לעבען.

די גרינדונג פון די אַרבעטער רינג שולן אין שיקאַגא

די ארבעטער רינג שולן האָבן זיך געגרינדעט דעם 1טן מאי, 1919. אָט דער טאָג וועט אָן ספק באַצייכנט ווערן אלס איינער פון די וויכטיגסטע דאַטעס און ליכטיגע מאָמענטן אין דער געשיכטע פון די שיקאגער אידישע ארבעטער באוועגונג. אין דעם טאָג האבען זיך געעפענט דריי ארבעטער רינג שולען.

די ערשטע שול האָט זיך געעפענט אויף דער אלטער וועסט סייד, אין דעם "וואָרקערס אינסטיטוט", 1006 ס. אַשלאַנד עוועניו, טאַקע אויפ'ן זעלבען פּלאַץ וואו ס'איז געווען די אידישע סאָציאליסטישע זונטאג שול, וואָס דער א. ר. האָט איבערגענומען און פארוואנדעלט אין א פול וואָכיגער שול. די צווייטע שול האט זיך געפונען אין דאָגלאס פּארק געגענט, אויף 1224 ס. אָלבאני עוו. און די דריטע אויף דער נארד וועסט סייד, 2642 לעמאָין סטריט.

אין דער ערשטער וואך פון רעגיסטראַציע האָבען זיך פארשריבען ארום אַכט הונדערט קינדער. נאָר שפּעטער, ווען פיל עלטערן האָבען אויסגעפונען אז מען לערנט ניט אין די שולן קיין דאַוונען, מען לערנט אָן א היטל, און מען גרייט ניט צו צו בר מצוה, איז די צאָל קינדער ארונטערגעפאלען ביז זעקס הונדערט.

די קינדער פלעגען קומען אין די קלאסען יעדען טאג פאר א שעה צייט און א האַלב. שבת און זונטאג האָבען די לערער אנגעפירט פאר די קינדער קלוב טעטיגקייטען און פארוויילונגען.

יעדע שול האָט דעמאלט געהאַט עטליכע לערער און א באצאלטן פאַרוואלטער, וועלכער האָט זיך אפּגעגעבן הויפּטזעכליך מיט דער אַדמיניסטראַטיווער און געזעלשאפטליכער זייט פון דער שול. אין פאַל פון אן איבערפלוס פון קינדער פלעגט דער פאַרוואַלטער אויך אָנפירן אן אָנפאַנגער קלאַס.

אלס גייסטיגער פירער פון די שולן איז אראָפּגעבראכט געווארן דער ניט לאנג פארשטאָרבענער שרייבער און זשורנאליסט א. ליטווין, דער פארפאסער פון די "אידישע נשמות". א. ליטווין האָט זיך אין יענער צייט שטארק פּאָפּולער געמאכט מיט זיין סעריע ארטיקלען איבער אידישער דערציאונג אין דעם א. ר. אָרגאן „דער פריינד", אין וועלכע די אידעע פון דער שול האט געפונען איר פולסטען אויסדרוק און פולסטע מאָטיווירונג. ער האָט געוואלט איבערפלאנצען אויפן באָדען פון אמעריקע די בונדיסטישע אידעע פון נאציאָנאל קולטורעלע אָטאָנאָמיע. ער האָט גע'חלומט פון א צייט ווען די אידישע שפראך און אידישע לימודים וועלן געלערנט ווערן אין די פּאָבליק סקולס פון די אידישע געגענטען.

וואו נעמט מען לערער פאַר די נייע שולן

די ערשטע פּראָבלעם וואס איז געשטאנען פאר דער נייער שול באוועגונג איז געווען וואו נעמט מען לערער פאר דעם נייעם טיפּ שולן? קיין אידישער לערער סעמינאר איז נאך דערמאָלט ניט געווען. פון לערען־ביכער, קינדער ליטעראטור, איז שוין אָפּגערעדט. די אלגעמיינע אידעאָלאָגיע פון די שולן איז נאך געווען פארנעפּלט און אומקלאָר. מען האָט זיך גענויטיגט אין דעם נייעם אידיש סאציאליסטישען פּאָלקס - לערער וואָס זאָל עס אַלץ שאפען.

די ערשטע לערער זיינען טאקע געקומען פון די פריערדיגע עקזיסטירענדע טיפען שולן; פון די נאציאָנאלע ראדיקאלע און פון די זונטאג שולען.

די סאָציאליסטישע זונטאג שול־לערער האָבען געהאט ווינציג פּראקטישע דערפאהרונג, דערפאר האָבען זיי אָבער באזעסען א קוואל פון באגייסטערונג, אידעאליזם און א שטארקען סאָציאליסטישען גלויבען. זיי האָבען כמעט אלע געהאט א פיינע אוניווערזיטעט בילדונג, ווי אויך פּראקטישע דערפארונג אין דער אידישער סאָציאליסטישער באוועגונג וואו זיי זיינען געווען שטארק אקטיוו אלס רעדנער, לעקטאָרס און טוער.. דאָס זיינען געווען די לערער מנחם קארסאן, משה קאפּלאן און אנדערע.

די צווייטע גרופּע לערער זיינען שוין אריבערגעקומען פון די נאציאנאלע ראדיקאלע שולען, וועלכע האָבן זיך שוין דעמאלט געהאלטען ביים פאנאנדערפאלן צוליב די שפּאלטונגען. צווישן זיי איז געווען דער יונג־פארשטאָרבענער אשר מאנוסאוויטש, וועלכער איז געווען א חוץ א פיינער פּעדאגאָג, אויך א פיינער מוזיקער, א באגאבטער געזאנג לערער און דראמאטישער קינסטלער.

נאך איידער די שולן האבן זיך געגרינדעט, זיינען פאר עטליכע יאָהר אנגעגאנגען פייערדיגע דיסקוסיעס אין ארבייטער רינג וועגען דער פראגע צי אידישע אָדער ענגליש סאָציאליסטישע קינדער שולען. א גרויסע צאָל אקטיווע טוער אין דעם ארבייטער רינג, ווי אויך אין די סאציאליסטישע ברענטשעס זיינען געווען שטארק באהערשט פון אסימילאציע טענדענצען אין די סאָציאליסטישע רייען.

די אידישע שפראך איז באטראכט געווארען בלויז ווי א מיטל זיך צוזאמענריידן מיט די אָנקומענדיגע אידישע אימיגראנטען און אנפירען צווישען זיי סאָציאליסטישע פּראפּאגאנדע. א סך אידישע סאָציאליסטען האָבען דעמאלט פארמישט דעם באגריף פון אינטערנאציאָנאליזם מיטן קאָס־

מאַפּאַליטיזם. זיי האָבן געהאַלטן, אַז גרינדען אידישע שולען איז אַ פאַרברעכען געגען דעם אינטערנאַציאָנאַליזם, און אידישע געשיכטע און ליטעראַטור קאַן זיי נאָך פירן צום נאַציאָנאַליזם.

נאָכדעם ווי דאָזיגע געגנער זיינען נעבאך דורכגעפאַלען אויף דער אַרבייטער רינג קאָנווענשאַן אין 1917, וואו עס איז אין פּרינציפּ אַנערקענט געוואָרען די נויטווענדיגקייט פון אַ אידישער דערציאונג, האָבן זיי דעם קאַמף אריבערגעטראַגען ביי די מיטינגען פון די ברענטשעס און סיטי סענטראַל, וועלכער איז דעמאָלט געווען דער אמתער באַלעבאָס פון די שולן.

די געגנער האבן נאָך אַלץ געקוקט אויף די שולען ווי אויף אַן עקספּערימענט וואָס וועט סוף כל סוף מוזען פּלאַצען. ס'איז נאָר אַ פראַגע פון עטליכע חדשים.

אַנערקענונג צו די פּיאָנערן

איינער פון די שטאַרקסטע פאַרטיידיגער פון די שולען אין יענע יאָרן איז געווען דער ענערגישער און שטאַרס באַליבטער א. ר. טוער א. קאַליש, וועלכער איז נאָך געווען דער פאָרזיצער פון דעם בילדונג קאָמיטעט ביי דער סיטי סענטראַל, נאָך איידער דער א. ר. האָט אפילו געחלום'ט וועגן בויען שולען.

ס'איז אוממעגלאך אין דעם באַגרענעצטען פּלאַץ צו געבען אַ פולע אָפּשאַצונג פון זיין ארבעט און גרויסע פאַרדינסטען פאר דעם שיקאַגער שולוועזן, איבערהויפּט פאר דעם ערשטען צענדליג יאָהר. ער איז געווען אזוי באַגייסטערט פאר דער נייער שול, אַז ער האָט ממש מקריב געווען זיין אייגענעם מאַטעריעלען וואוילזיין פאר דער באַוועגונג. ער איז דאס געווען דער יעניגער וואָס איז ארומגעלאָפען זוכען דירות, שול־בענקלאך — באַזאָרגט די שולן מיט עלעקטריציטעט, קוילן און אלע אנדערע נויטיגע זאַכן — געפירט פאַרהאַנדלונגען מיט לערער, און אויף אַלץ האָט ער געהאַט צייט.

צו קריגען נאר א באגריף ווי ברייט עס איז דעמאלט געווען דער פּאַרנעם פון די שולן איז גענוג צו דערמאָנען אַן אויסצוג פון א פינאַנץ־באַריכט אָפּגעדרוקט אין דעם דריטען נומער פון דער מאנאטליכער פּראָפּאַגאַנדע צייטונג "דער נייער וועג", ארויסגעגעבען פון'ם שול קאָמיטעט. אין דעם שול־יאָהר פון 1920־21 איז דער איינקונפט פון שכר לימוד געווען 12,000 טאָלער, פון די ברענטש־שטייערן קרוב צו 9,000 טאָלער. (אין יענעם יאָהר איז עס אנגענומען געוואָרען דער שול־שטייער פון 50 סענט א קווארטל); און פון פאַרשיידענע אונטערנעמונגען 17,000 טאָלער. צוזאַמען איז דער איינקונפט געווען א סומע פון 38,000 טאָלער. אָט די ציפער, פון איינקונפט באַווייזט אויף ווי ווייט די שול טעטיגקייטען זיינען שוין געווען אויסגעשפּרייט אויפ'ן צווייטען יאָהר פון זייער עקזיסטענץ.

ס'פאַרשטעהט זיך, אַז די שול געגנער איז אַזאַ ברייט פאַרצווייגטע שול־ארבעט ניט געווען זייער שטאַרק צום האַרצען, און ניט אומזיסט האבען זיי געזוכט פאַרשיעדענע מיטלען ווי אָפּצושטעלען איר אנטוויקלונג.

עס האָבן זיך אבער אויך געפונען אין יענע יאָהרען צענדליגע געטרייע אָנהענגער פון די שולן וואס האבען געקעמפט מיט ציין און נעגל פאר יעדער געוואונענער פּאָזיציע.

כאָטש דער גרעסטער טייל פון זיי זיינען איצט מעהר ניטא אין אונזער באַוועגונג, איז אבער כדאי צוליב געשיכטע צו פאַרצייכענען איינינע נעמען, ווייל אין זייער צייט האָבן זיי

געשפילט גאר א וויכטיגע ראלע אלס קעמפער און פארטיידיגער פון דעם שול־וועזן. צו לאנג איז זייער צעטל. מיר וועלען אנווייזן בלויז אויף די וויכטיגסטע, אזעלכע פערזאנען ווי אלטשול, דער אלטער וועטעראן י. גאָלדין, ברין, מ. פינקעלסטיין, גאַלפערט, לאפינסקי, דר. פּאָלישוק, דר. גאָלין און די פארוואלטער ח. טאַטאַרסקי און ב. סמאָלאַר.

און דאָ וואלט בלי ספק געווען א גרויס פארזעהן ניט צו דערמאָנען אזא וויכטיגען פּיאָנער פון דעם שיקאגער א. ר. שול וועזן ווי דער איבערגעגעבענער שול־טוער נייטען פּיין, וועלכער איז איינער פון די געציילטע וואס שטעהט נאך מיט אונזערע שולען פון דעם ערשטען טאג פון איר גרינדונג. ער האט ווי אן אמת געטרייער סאָלדאט געדינט אונזער שול באוועגונג, און געארבעט פאר איר עקזיסטענץ. פאר א רייע יאָהרן איז ער געשטאַנען אין די פּאָדערשטע פּאָזיציעס פון די שולען און פאַרנומען דעם אַמט אלס פּאָרזיצער פון דעם צענטראלען שול קאָמיטעט.

די נייע פאָרמע פון פאַרוואַלטונג און נייע קרעפטן

ביי א קאָנפערענץ אין 1926 איז אנגענומען געווארען דער באשלוס פון גרינדען א צענטראלען שול קאָמיטעט, וועלכער זאל צוזאמענגעשטעלט ווערען פון א פארוואלטונג קאָמיסיע אויסדערוויילט פון א קאָנפערענץ, מיט א באזונדער דירעקטע פארטרעטערשאפט פון די צאָהלענדע ברענטשעס. אָט דער צענטראלער שול קאָמיטעט זאָל טראגען די פולע פאראַנטווארטליכקייט פאר דער גאַנצער ארבעט.

א דאנק אָט דעם נייעם פּלאן פון פארוואלטונג האט זיך אנגעהויבען א נייע לעבען אין די שולען און ארום די שולען. די פארוואלטונג האָט זיך געפילט מעהר זעלבסטשטענדיג און געטראגען אויך א גרעסערע אחריות. אביסעל שפּעטער האט דער צענטראַלער שול קאָמיטעט אויסגעטיילט פון זיך לאָקאלע שול קאָמיטעטן, וואס האָבען מיט דער צייט גענומען קריגען אלס מעהר אָטאָנאָמיע און פאַראַנטוואָרטליכקייט אין דער אנפירונג פון די שולען.

פיל אנערקענונג פאר דער דורכפירונג פון אָט דעם פּלאן קומט דעם באַקאנטען שול־טוער שלום סימקין, וועלכער איז דעמאלט געווען דער פּאָרזיצער פון'ם בילדונג קאָמיטעט. א דאַנק זיין פיל יאָריגער דערפאַרונג אלס שול־טוער אין וויניפּעג, האָט ער בכלל פיל בייגעשטייערט פאר דעם דערפאָלג פון די שולן. ער איז אויך געווען דער איניציאטאר פון דעם יחידים קאמפּיין, וואס האט געהאלפן די שולן לייזען די שווערע פינאנציעלע לאַגע.

אין דער זעלבער צייט איז אויך אנגעשטעלט געווארען אלס לעהרער, דער ניט לאנג פארשטאָרבענער לעהרער יצחק קאפּלאן, וועלכער איז אין א קורצע צייט אזוי צוגעבונדען געווארען צו דער שול־ארבעט, אז בלויז דער פריהצייטיגער טויט האָט איהם געקאָנט אפּרייסען. ער איז געשטאָרבען דעם 9טען מאי, 1943, נאך א שווערע קראַנקהייט.

יצחק קאפּלאן איז געווען איינער פון די אינטערעסאנטסטע לערער פערזענליכקייטען וואָס די אידיש וועלטליכע שול האָט ארויסגעגעבן. ער איז געווען א העכסט געבילדעטער מענש מיט א הויכען פּעדאַגאָגישען וויסען און פיינער פארשטענדניש פאר דעם קינד'ס נשמה. עס איז אים געלונגען אין גאָר א קורצער צייט צו געווינען דעם צוטרוי און ליבע פון אלע שול־טוער און לעהרער. די דאָגלאס פארק

שול, וואו ער האט געלערנט אלע זיינע יאָהרען, טראגט איצט זיין נאָמען. א דאַנק אים זיינען איינגעפירט געווארען אין די שולען פיל פאַרבעסערונגען.

אין 1930 איז צוגעצויגען געווארן דער באַקאַנטער געזעלשאפטליכער טוער ש. האָלאנד. ער איז פאר עטליכע יאָהר צייט געוועןן דער פּאָרזיצער פון צענטראַלען שול קאָמיטעט. עס איז אים געלונגען נאך פילאַנשטרענגונג צו שאפען א בעסערע און פריינטליכערע באַציהונג צווישען די שולען און די אנדערע קערפּערשאפטען פון ארבעטער רינג. פאר זיין צייט איז דער פּעדאַגאָגן־ראַט געווארען א פונקציאָנירענדע קערפּערשאפט, וועלכע האָט אויסגעאיבט א שטאַרקען איינפלוס סיי אויף דער פּעדאַגאָגישער און סיי אויף דער געזעלשאפטליכער זייט פון די שולען.

צו זיין קרעדיט קאן אויך צוגעשריבען ווערען די היסטאָרישע געשעעניש פון דער אָנשליסונג פון די אידיש־וועלטליכע שולן אין דער „באָרד אף דזשואיש עדיוקיישאָן”. א דאַנק זיין באַמיאונג און איינפלוס איז געלונגען צו באקאנטמאכען די אָנפירער פון דער „באָרד אף דזשואיש עדיוקיישאן” מיט דער וויכטיגער דערציאונגס ארבעט פון אלע טיפען אידיש וועלטליכע שולען. זיי האָבען צוליב דעם געפונען פאר נויטיג לעצטען יאָר צו אנערקענען אונזערע שולען און זיי אריינגעמען אלס א זעלבסטשטענדיגע קערפּערשאפט מיט דער פולסטער אויטאָנאָמיע אין דעם אלגעמיינעם נעץ פון די פארשידענע טיפען אידישע שולען פון שיקאגא וואס געפינען זיך אונטער איר השגחה. די אידיש וועלטליכע שולען אין שיקאגא קריגען איצט א באדייטענדע יעהרליכע סובסידיע, וואָס פארלייכטערט

טיילווייז דעם פינאנציעלען לאַסט פון די שולען.

צווישען די נייע טוער וואס זיינען צוגעצויגען געווארן ארום יענער צייט איז געווען דער ניט לאנג פארשטאָרבענער דר. טראָפּ, וועלכער איז געווען פאר איין זומער דירעקטאָר פון א. ר. סער חסיד פון אידישער קולטור און זיך באצויגען מיט גרויס ערנסט צו דער שול פראגע. צום באַדויערען איז זיין ווירקונג אין די שולען געווען בלויז פאר עטליכע יאָהר. ער האָט זיך געמוזט צוריקציהען צוליב א שווערע קראנקהייט.

א צווייטער וויכטיגער מענש וואס איז פאראינטערעסירט געווארען אין די שולען איז געווען דער ענערגישער א. ר. טוער ס. דיימאָנד, וועלכער איז געווען דער פינאנץ סעקרעטאר פון צענטראלען שול קאָמיטעט פאַר פיל יאָהרען. ער האָט אָן צווייפעל פיל מיטגעהאָלפען די שולען א דאנק זיינע אַדמיניסטראטיווע פעהיגקייטען.

ס'איז אויך דעמאָלט אריינגעטראטן אין דער שול פארוואלטונג מ. גייער, דער איצטיגער סעקרעטאר פון צענטראלען שול קאָמיטעט. ער איז געווען דער גרינדער פון דער לאָגען סקווער א. ר. שול, און פאר א צאָהל יאָרען דער פּאָרזיצער פון דער נאָרדוועסט סייד שול. ער האט אלעמאל געפּאָדערט פרינציפּיעלע אויסגעהאלטענקייט אין דער פּראָגראַמע פון די שולען ווי אויך אחריות מצד דעם ארבעטער רינג פאר דער אויפהאלטונג פון די שולען.

אין יענעם יאָהר זיינען בכלל פארינטערעסירט געווארען פיל נייע וויכטיגע טוער וואס שטייען נאך ביז היינט צו טאג מיט די שולען. וועגען יעדען איינעם פון זיי וואלט מען געקענט שרייבען גאנצע זייטען, נאָר צוליב דער באגרעניצקייט פון פּלאַץ

וועלען מיר זיך באַנוגענען בלויז מיט דערמאָנען זייערע נעמען. דאָס זיינען די אָנגעזעהענע א. ר. טוער העררי סיידעל אונמאָרים ראַבינאוויטש, צוויי וויכטיגע מיטגלידער פון דער מיטלשול פאַרוואַלטונג; י. ברין און קוזניעץ, די בויער פון דער מיטל שול היים און קראופארד באגדאנסקי שול; וויקטאָר און מירל מארגאָלים, לאַנגיאָהריגע טוער און סעקרעטארן פון די שולען, און די ענערגישע איבערגעגעבענע שול מענשען ה. פייבער פון דער נארד וועסט סייד שול, ה. לאפינסקי, פון דער אָלבאני פארק שול, וועלכע שטעהט מיט די שולען נאָך פון די גאר ערשטע יאָהרען; בראָדסקי, דער גרינדער פון דער ענגעלוואודער א. ר. שול; מאַרד פון דער קראופארד שול, און פאַר די לעצטע עטליכע יאָהר איז צוגעקומען דער געזעלשאפטליכער טוער דזשוליוס גינזבורג.

די פרויען לייען קרייזן און עלטערן פאַראיינען

אָט דער צעטעל שליסט בשום אופן ניט איין די צענדליגע געטרייע טוער וואָס געפינען זיך ארום די לאָקאלע שולען, ווי אויך ניט די מיטגלידער פון די פרויען לייען־קרייזען וואס יעדער פון זיי באזונדער טראגט צו זיין חלק צו דער געשיכטע פון די שולן.

גאָר א וויכטיגען אָרט אין די שולן פארנעמען די פרויען לייען־קרייזן און עלטערן פאראיינען ארום די שולן. א דאנק זיי זיינען די שולען פארוואַלט געווארען אין וויכטיגע קולטורצענטערם. דורכ'ן יאָהר ווערען דאָרט אפגעהאלטען צעהנדליגע לייען־אָווענטען פון דער אידישער ליטעראטור, לעקציעס, דיסקוסיעס און פאָרומס. זיי העלפען דורכפירען די וויכטיגסטע אונטערנעמונגען, קאָנצערטען און יום טובים.

דער ערשטער פרויען לייען קרייז האָט זיך געגרינדעט אין 1931 אין דער נארד וועסט סייד שול אונטער דער אנפירונג און איניציאטיווע פון פרוי חוה קאַרסאָן. אָט דער עקספערימענט האט זיך ארויסגעוויזען פאר אזא גרויס דערפאָלג, אז אלע אונזערע שולען האבען עס גענומען נאכטאן, ניט נאָר ביי אונז אין שטאָדט נאר איבערן גאַנצען לאַנד. ביי היינט צו טאָג זיינען די לייען־קרייזען די לעבעדיגסטע אינסטיטוציע ארום דער אידיש - וועלטליכער שול.

פון די שפעטערדיגע לעהרער, וואס האָבען געלערענט אין די שולען און וואָס יעדער איינער האט אויף זיין באזונדערן שטייגער פיל בייגעטראגן צום שול־וועזן, איז ווערט צו דערמאָנען די לעהרער ג. יורי, ה. וואָלדמאן, ב. וויסבארד, די אויסגעצייכענטע געזאַנג לערער פאול העלד און שמעון ראַבינאָוויטש; און הויפטזעכליך דער טאַלאַנטפולער לעהרער י. ברזלי, וועלכער האט א חוץ זיין לעהרערישער ארבעט אויך אריינגעטראגן אזוי פיל יום טוב ארום די שולען מיט זיינע קינכטלערישע פארשטעלונגען ווי — "הירש לעקערט" און „דער גליקליכער פרינץ".

אין 1935 איז ווידער צוגעצויגען געווארען אלס לעהרער, דער ניט־לאנג פארשטאָרבענער קולטור טוער און דיכטער ב. באָגדאנסקי, וועלכער איז נאך געווען א לעהרער אין די שולען פאר א קורצער צייט מיט א צעהנדליג יאָהר פריער. ער איז דאָס געווען דער ערשטער דירעקטאָר פון דער נייער א. ר. מיטל שול.

דער ערשטער עקספערימענט אויף צו גרינדען א מיטל שול איז נאך געמאַכט געווארען אין 1925. עס האבען דעמאלט גראדואירט פון די עלעמענטאר שולען א מערקווירדיגע גרופע תלמידים, וואס זיינען געווען שטארק

צוגעבונדען צו אונזער שול־סביבה. זיי האָבען זיך גאר ניט געוואלט שיידען מיט די שולען און זייערע לערער.

דער צענטראלער שול קאָמיטעט האט דעמאלט ניט געהאט קיין פאָנדען אויף צו עפענען א מיטל שול, און ס'איז נאך פאַר אים בכלל ניט געווען קלאָר די וויכטיגקייט פון אַזאַ אינסטיטוציע. האָבען די לעהרער, דעמאָלט, געעפענט א מיטל־שול קלאס אויף זייער אייגענער אחריות און אפּגעגעבען זייער צייט פרייוויליג. א חוץ די שול לעהרער יצחק קאפּלאַן און מ. קארסאן, איז אויך געלונגען צוציהען אלס לעהרער דעם קולטור־טוער דר. ז. לאָרבער.

דעם מיטל שול קלאס איז אבער ניט באַשערט געווען קיין אריכות ימים. ער האָט עקזיסטירט בלויז איין זמן. נאָכדעם איז ער זיך צופאלען. עס איז געווען א פרייוויליגע זאך, זיינען די לעהרער געקומען נאר דעמאלט ווען זיי האָבען געקענט. עס האָט אויסגעפעהלט א באַצאָהלטער מענש וועלכער זאָל זיך קענען מיט דער שול אפּגעבען און האלטען דעם קלאַס צוזאמען, און דעם שול קאָמיטעט האָט געפעלט דער שטאַרקער ווילען אָנצוהאלטען אזא מין אינסטיטוציע.

אזעלכע ענלעכע עקספּערימענטען זיינען געמאכט געווארן עטליכע מאָל אין פארשידענע צייטען. א מעהר געלונגענעם עקספּערימענט איז געמאכט געווארען פון דעם לעהרער יצחק קאפּלאַן מיט עטליכע יאָר שפּעטער. איינזעהענדיג אז דער שול קאָמיטעט איז נאָך ניט גרייט אויסצוהאלטען פינאַנציעל א געהעריגע מיטעל שול, האָט ער אויף זיין אייגענער אחריות אויפגעהאלטען פאר כמעט דריי יאָהר צייט א פאָסט־גראַדואיר קלאַס פון אַ גרופּע גראַדואיר קינדער וואָס זיינען נאָכהער געווען א שטאָלץ פאַר אונזערע שולען.

ענדליך ווערט געגרינדעט אַ מיטל־שול

די צייט אבער פאר אן אמת'ע מיטעל שול איז ערשט רייף געווארען אין 1935, ווען א סך פון די ערנסטע שול־טוער, וועמעס קינדער האבען גראַדואירט אונזערע שולען, האָבען אליין אנגעהויבען איינזעהן, אז די גאנצע ארבעט פון אונזער דערציאונג וועט געהן לאיבוד, אויב די קינדער וועלען ניט קריגען קיין מעגליכקייט אויף ווייטער פאָרטזעצען און פאַרטיפען זייערע ידיעות אין די אידישע און סאָציאלע לימודים.

נאָך פיל אנשטרענגונג איז ענדליך געלונגען דורכצופיהרען א באשלוס וועגען גרינדען א מיטעל שול אויף פעסטע יסודות, ווי עס פאַסט פאר דעם א. ר. שול ווען. ס'איז אויסגעטיילט געווארען א ספּעציעלע פארוואלטונגס קאָמיסיע אויף צו פאַרוואלטען די שול און שאפען דעם נויטיגען בודזשעט. און דער לעהרער באָגדאנסקי איז באשטימט געווארען אלס דער ערשטער דירעקטאָר.

אין דער מיטעל שול זיינען פאָרטגעזעצט געווארען די לימודים פון אידישער שפּראך, העברעאיש, דעמאָגראפיע, פּאָליטישע עקאָנאָמיע און געשיכטע פון סאָציאליזם.

ב. באָגדאנסקי האָט זיך שטאַרק באַליבט געמאכט ביי דער יוגענט, א דאַנק זיין ערנסטער און דאָך חבר'שער באַציהונג צו די תלמידים און טיפער קענטעניש. א חוץ אים האבען אויך געלערענט אין דער מיטעל שול די לעהרער ה. קאפּלאן, מ. קארסאן און י. ברזלי. שפּעטער איז אויך צוגעקומען דער לעהרער ב. גראָבארד, וועלכער האָט איבערגענומען די אָנפירונג פון דער מיטעל שול, נאָך דעם פּלוצימדיגען טויט פון דעם דירעקטאָר ב. באָגדאנסקי.

פאַר אָט דער צייט האט זיך די מיטעל שול אנטוויקעלט אין איינע פון די וויכטיגסטע אינסטיטוציעס געשאַפען ארום די א. ר. שולען. עס לערנען זיך דארטען ארום 50 תלמידים. עס זיינען שוין ארויסגעלאזען געוואָרען עטליכע גראַדואיר קלאַסען פון וואויל געלערענטע בחורים און מיידלאך. דעם גרויסען פּראָגרעס וואס זיי האָבען געמאכט קאָן מען זעהן בייוואוינענדיג זייערע יעהרליכע סימפּאָזיומס ווי אויך לייענענדיג זייערע פיינע עסייען אין די פּעריאָדישע שול זשורנאַלען.

א חוץ דעם איצטיגען דירעקטאר ב. גראָבאַרד האלטען דארט אויך לעקציעס די לעהרער אַלטמאן, פּראָוואָטינער און ל. לאַסאַווין, וועלכע זיינען פארבונדען מיט אונזערע שולן פאַר די לעצטע פינף יאָהר.

פאַר דער קורצער צייט פון איהר עקזיסטענץ האָ טדי מיטל שול אַרויסגעגעבן אַ פיינעם דור פון יוגנטלעכע, וועלכער איז אַ כבוד פאַר דעם אידישן פאָלק און אַ קוואַל פון באַגייסטערונג פאַר די שול טוער און לעהרער.

אַז איבערבליק איבער די פינף און צוואַנציג יאָהר אַרבייטער רינג שולטעטיגקייט ווייזט אונז אַז נישט געקוקט אויף דער געגנערשאַפט, און נישט געקוקט אויף אַלע אַנדערע אומגינסטיגע באַדינגונגען, האָט די יייירגיע, די איבערגעבענקייט און די איינגעשפּאַרטקייט פון די שול טוער און לעהרער זייער אַ סך אויפגעטאָן. געווים איז קיין זאַך ני טפּאָלקאָם און אויך דער שול וועזן פון אַרבעטער רינג איז ניט פאָלקאָם און האָט געוויסע חסרונות. לאָמיר האָפען אַז מיט דער ווייטערדיגער אַנטוויקלונג פון די שולען וועלען די חסרונות אויסגעבעסערט ווערען, נייע רעפאָרמען וועלען איינגעפיהרט ווערען, אַזוי אַז דער אַרבייטער רינג שול וועזן זאָל ווערען אַ מוסטער פאַר אַלע אַנדערע אידישע שולען וועלכע געפינען זיך אין אַמעריקע און אין אַנדערע לענדער.

דאָרענדיג איז דער וועג פון דער אידישער שול, אָבער שולען וואָס עקזיסטירען אַ גאַנצען פערטל־יאָהרהונדערט מוזען זעהן פאַר זיך איין־איינציגען וועג—פאָראוים.

סימפּאָזיום

„וויכטיקע פּאַרטייען און
סעקטעס אין דער יידישער
געשיכטע” — אַ סימפּאָזיום
פון סטודענטן פון דער
אַרבעטער רינג מיטל שול

אינהאַלט פאַרצייכנונג

אַריינפיר..............ב. גראָבאַרד, דירעקטאָר

די נביאים..........חנה רייזל ווישנער

העלעניסטן און חסידים..........לאה גרינבאַנד

פרושים און צדוקים..........רבקה בראָדי

די איסייער..................עסי שער

די קאַראאימער............יהודה רעזווין

משיח באַוועגונגען..........שולמית דאָלניק

די חסידישע באַוועגונג..........עוועלין וויינבערג

די השכלה באַוועגונג..............פעסי געלער

נאַציאָנאלע באַוועגונגען..........נעמי גינזבורג

יידישע סאָציאַליסטישע באַוועגונגען.....חנה דאַלינסקי

יידישע ארבעטער באַוועגונג אין אמעריקע..חיה פישמאַן

ב. גראַבאַרד

אַריינפיר צום סימפּאָזיום

דער סימפּאָזיום פון די מיטל שול תּלמידים איז נישט קיין צופאַל. ער איז נישט ווי ווענוס אַרויסגעשפּרונגען פון שוים פון ם. און נישט ווי די מנורה וואָס מען האָט אַריינגעוואָרפן גאָלד אין פייער און א מנורה איז אַרויסגעקומען פון זיך אַליין. מיר האָבן נישט אַריינגעוואָרפן אין די סטודענטן אַביסל געשיכט־לעכע אינפאָרמאַציע, און ס'איז אַרויסגעקומען א סימפּאָזיום פון זיך אַליין.

די צרות, פּיינען, חרבנות און מאַרטירעריי אין אונדזער לעבן האָבן פאַר די מיטל שול סטודענטן אוועקגעשטעלט פּראָבלעמען פון קיום, אחדות און האָפענונג פאַר די צוקונפט. מען האָט דיס־קוטירט אַלערליי היינט צייטיקע פּראָבלעמען, און די שטעלונג פון פּאַרטייען און גרופּעס צו די געגעבענע פּראָבלעמען. מיר ווען זיך נישט רימען מיט א ריין אַקאַדעמישן קלימאַט אַרום די דיסקוסיעס. עמאָציעס, כעס, שנאה, פאַרביטערונג, אָפּט מאָל יאוש האָבן באַגלייט דעם אויסטויש פון מיינונגען. עס איז נאַ־טירלעך, אַז עס זאָל זיין אַזוי. אונדזערע קינדער זיינען נישט קיין אַלמפּיאַנער, וואָס קוקן אָביעקטיוו און ריין לאָגיש זיך צו צום יידישן אומגליק און פאַסן מיינונגען און ציען שלוסן. זיי ווערן געדעגט און גלייכצייטיק אויפגערעגט און אנגעצונדן פון דעם שפּיל פון פּאַרטייען, גרופּעס, און אָרגאַניזאַציעס, און רעאַ־גירן דעריבער נישט ריין לאָגיש. זיי טראַכטן נישט בלויז מיטן קאָפּ, נאָר אויך מיטן האַרץ.

אַרום די דיסקוסיעס איבער די יידישע נויטן אין דער היינ־טיקער צייט האָבן מיר געמאַכט א קווער שניט פון עקזיסטירנ־דיקע פּאַרטייען און גרופּעס אין דער היינטיקער צייט. און עס איז ביי אונדז געבוירן געוואָרן דער פּלאַן צו מאַכן אַן עקסקור־סיע צו דער יידישער געשיכטע און זען ווי אַזוי האָט דער קאָמ־פּלעקס פון פּאַרטייען, סעקטעס און גרופּעס געווירקט אין אַנ־

דערע עפּאָכעס. צי איז אַלע מאָל געווען אחדות ביי יידן, און איבערהויפּט, צי איז אחדות א נויטווענדיקער באַדינג פאַרן לעבן און עקזיסטענץ פון א פאָלק.

האָבן מיר דעריבער נאָכאַמאָל באַטראַכט א ריי געשיכטלע־כע תקופות, רעווידירט די אומשטענדן, וועלכע האָבן גורם געווען רייסערייען און קאָנפליקטן, קאַמפן און אָפט מאָל ציווילע מלחמות. מיר זיינען געוואָר געוואָרן, אַז פּאַרטייען, סעקטעס, מיינונגס פאַרשידנקייטן זיינען געווען א שטענדיקע באַגלייט דערשיינונג פון יידישן בויען און שאַפן. ניט בייזוויליקייט אָדער פּערזענלעכע רשעות האָבן צעטיילט יידן. נאָר דער פעסטער גלויבן אין יושר און גערעכטיקייט, די זיכערקייט אַז מען פאַר־טיידיקט דעם איינציקן אמת, דעם אמתן גאָט גלויבן, די איינ־ציקע און בעסטע פאָלקס אינטערעסן. אויך דאָ האָט ריינע אָקאַ־דעמישקייט און אָביעקטיוו לאָגיש טראַכטן נישט דעצודירט די מיינונג אָדער אידייע. אויך אַמאָל, וואו מען מיינט, אַז די כנסת ישראל איז געווען געוועבט פון לויטער זיידנס, האָבן עקאָנאָמי־שע און סאָציאַלע אינטערעסן צעטיילט יידן אין פּאַרטייען און סעקטעס. די אביונים אין אליהוס צייט, די חסידים, די קאַראַי־מער זיינען געווען עקאָנאָמישע פּראָטעסט באַוועגונגען וועלכע האָבן אָנגענומען רעליגיעזע פאָרמען.

עס איז ניט געווען קיין שפּאָגל נייע אנטדעקונג. מיר האָבן פון פריער געוואוסט, אַז קאַמפן אין דעם לעבן פון א פאָלק זיי־נען נישט קיין וועט־לויף צווישן שטערן אָדער א געפעכט צווישן מלאכים. מיר האָבן בלויז געזען, אַז אין יידישער געשיכטע חזרן זיך איבער די זעלבע פּראָצעסן, די זעלבע ווידעראַנאַנדן ווי ביי אַנדערע פעלקער. נישט מער, וואָס ביי אונדז זיינען די קאַמפן אינטענסיווער, עקשנותדיקער, און אָפט שעדליכער ווי ביי אַנ־דערע פעלקער. עס קומט דערפון, וואָס מאָראַל און נישט צוועק־מעסיקייט האָט דאָמינירט אונדזערע קאַמפן.

אויף אונזער עקסקורסיע צו זוכן די סיבות פון פּאַרטיי קאַמפן, און דעם סאָציאַלן צוזאַמענשטעל פון די פּאַרטייען גופא האָבן מיר דערוויל ווי טויבער ארויסגעצויגן אַן א שיר טייערע גע־

שיכטלעכע פערל. אונדזער ארבעט האָט זיך צעוואקסן און אויס־געברייטערט. מיר האָבן אָבער נישט געקאָנט אויסנוצן אלע אונ־זערע אידייען און זיי גרינטלעך באהאנדלען. מיר האָבן גע־דאַרפט ווערן מייסטער פון באגרעניצטקייט. דער סימפּאָזיום האָט געדאַרפט זיך אריינפּאַסן אין צייט גרעניצן. ער האָט גע־דאַרפט ארויסגעבראַכט ווערן אף דער רעדנער פּלאַטפאָרמע, האָט ער דעריבער געדאַרפט געשניטן ווערן כדי זיך אריינפּאַסן אין א באַשטימטן צייט אפּשניט.

דאָס זוכן אבער און פאָרשן האָט די סטודענטן געגעבן א טיפן אריינבליק אין דעם פּלאָנטער פון געשיכטלעכע פּראָצעסן. אין רעטראָספּעקט פון ווייטער געשיכטע האָט מען געקאָנט זיין אָביעקטיוו און קאַלט לאָגיש. עפּעס וואָס איז אונדז קיינמאָל נישט געלונגען מיט היינטצייטיקע קאַמפן. דאָס געשריי פון יידישע קרבנות, דאָס געוויין פון יידישע מאַמעס, די מאַרטי־רערשאַפט פון די יידישע קדושים אין פאַרשידענע געטעס אין פּויליַן האָבן אונדז בשום אופן נישט געלאָזט שלום מאַכן מיטן געדאַנק, אז מיר פּלאָנטערן זיך אונטער די אָביעקטיווע רעדער פון דער געשיכטע.

פון אלע אַרבעטן אין סימפּאָזיום לייכט העל אַרויס די אידייע פון סאָציאַלן יושר, גערעכטיקייט, שלום און א טיפער גלויבן אין דער אינערלעכער גוטסקייט פון׳ם מענטשן. דאָס איז אפשר דער גרעסטער וואונדער — אז היינט, ווען מען ווערט כמעט טויב פון דער ברוטאַליטעט וואָס יידישע אויערן האָבן געהערט און יידישע אויגן האָבן געזען זאָלן יידישע קינדער אזוי טיף און ציטרוילעך גלויבן אין דעם מענטשן. דאָס איז אונדזער טרייסט און אונדזער האָפנונג. דעם גלויבן האָבן די קינדער גענומען ביי די נביאים, הלל, ר׳ יוחנן בן זכאי, ר׳ עקיבא, די טויזנטער וואָס האָבן אוועקגעגעבן זייערע לעבנס אף קידוש השם, דער גאנצער וואונדער פון אונדזער געשיכטע האָט אונדזערע קינדער אינספּי־רירט מיטן גלויבן אין דער צוקונפט. הלוואי זאָל די האָפנונג און גלויבן מקוים ווערן.

חנה רייזל ווישנער

די נביאים

אויף מיין מזל איז אויסגעפאַלן צו רעדן וועגן די נביאים, זייער אָרט און ווירקונג ניט נאָר אין זייער צייט, נאָר אויף דעם גאַנצן יידישן לעבן ביז היינטיקן טאָג.

די נביאים זיינען געווען די סאָציאַלע דענקער פון פּאַרצייטיקע יידן. די נביאה ליטעראַטור פאַרנעמט אַ בכבודיקן אָרט אין דער ביבל. דער נביא איז געשטאַנען אין די אינטימסטע באַציאונגען צום לעבן פון יידישן פאָלק אין זיין צייט, און פאַר דעם פאָלק האָט ער געפּרעדיקט זיינע אידייען.

דער נביא איז נישט געווען קיין פאַנטאַזיאָר און ער פלעגט נישט רעדן קיין פאַנטאַזיעס גלאַט אין דער וועלט אריין. ער איז געווען א סאָציאַל־עטישע פערזענלעכקייט, און דאָס פאָלק האָט אים געשעצט אַלס לערער.

דער גרעסטער טייל פון די נביאים איז באַשטאַנען פון דאָרף׳ס מענטשן מיט קליינע אויסנאַמען ווי ישעיה הנביא, וואָס איז אַרויסגעקומען פון דער קייזערליכער משפחה. דער גרעסטער טייל פון זיי איז געווען פאָלקס מענטשן און זיי האָבן מיטגעליטן מיט דעם פאָלקס ליידן און האָבן געזוכט אַ לייזונג פאַר זיינע לעבענס פּראָבלעמען.

דער נביא איז געווען דער סאָציאַלער כוח וועלכער האָט זיך איינגעשטעלט פאַר אַלע אומרעכטן וועלכע זיינען באַגאַנגען געוואָרן קעגן פאָלק. אַ סך פון זיי האָבן מיט זייער לעבן ריזיקירט און זיך קעגן געשטעלט אפילו דעם קעניג און זיינע געזעצן.

פאַר אַ ביישפּיל וועלן מיר נעמען דעם פּאַסטוך־נביא עמוס. ווי אַזוי ער האָט גערעדט צו די רייכע. ״דערפאַר וואָס איר טרעט דעם אָרימאַן מיט די פיס וועט איר בויען הייזער פון בעסטן שטיין, נאָר וואוינען אין זיי וועט איר ניט.״ און צו די צעלאָזענע רייכע פרויען האָט ער געשריען: ״הערט אוים איר פעטע קעלבער וואָס איר באַרויבט די אָרימע און איר שרייט צו אייערע מענער, ׳גיט אונדז נאָך ווין, מיר ווילן טרינקען׳.

זאָג איך אייך, עס וועט קומען דער טאָג ווען מען וועט אייך אַוועק שיקן אויף שיפן אין פרעמדע לענדער און מען וועט אייך פאַרקויפן אויפן שקלאַפן מאַרק פאַר דינסטן.״ עמוס האָט קיין מורא ניט געהאַט זיך צו שטעלן אַנטקעגן די כּוהנים און זיי אָנרופן פרעסער און זויפער און פאַרשווערער פון הייליקייט.

איך האָב אָנגעהויבן מיט עמוסן, ווייל ער איז דער ערשטער וואָס האָט אין זיינע רייד ארויסגעבראַכט דעם קאַמף פאַר סאָ־ציאַלער גערעכטיקייט. ווען ער זאָל איצטערט לעבן וואָלטן מיר אים פאַררעכנט צווישן די גרעסטע סאָציאַליסטישע קעמפער.

מיר וועלן זיך איצטערט אומקערן א ביסעלע צוריק. מיר וועלן אָנהויבן פון שמואל הנביא. שמואל איז געווען א גרויסע עטישע פערזענלעכקייט. ער איז געווען דער צווייטער נאָך משה רבנו וואָס האָט אומגעקערט די יידן צוריק צו זייער פאָלק און גלויבן אין דער צייט ווען זיי האָבן זיך אויסגעמישט מיט די כּנענים און פלישתים. ער האָט זיך אויך געשטעלט קעגן שאול המלך, אים געזידלט און געשאָלטן ווען שאול האָט ניט אויסגע־פירט זיין פאַראָרדענונג קעגן עמלקן. דאָס פאָלק האָט אים זייער געאַכטעט און רעספּעקטירט. אויך ער, שמואל איז געווען א זון פון א פויער. דאָס זעלבע איז אמת וועגן נתן הנביא וועלכער האָט זיך אויך געשטעלט קעגן דוד המלך און זיך אנגענומען די קריוודע פאַר אַן אָרימען מיליטער מאַן.

איצטערט וועלן מיר איבערגיין צו אליהו הנביא. דאָס איז דער זעלבער אליהו וועלכער לויט דער לעגענדע קומט פּסח צום סדר פאַרזוכן א ביסעל ווייַן, און אויך איז זיין נאָמען פאַרבונדן מיט הונדערטער אַנדערע לעגענדעס. אָבער, ער איז ניט קיין לע־גענדאַרישער פּערזאָן. ער האָט געלעבט און געווירקט אין דער צייט פון קעניג אחאָב. ער האָט מיט זיין לעבן ריזיקירט און געקעמפט קעגן דער געצן דינעריי וואָס איז איינגעפירט געוואָרן אין אחאָב׳ס צייט. ווען ער האָט זיך דערוואוסט אז דער גערט־נער נבות איז אומשולדיק דערהאַרגעט געוואָרן, האָט ער גע־שאָלטן אחאָבן און געזאָגט: ״דערפאַר וועט דיך גאָט שטראָפן: אויף דעם אָרט וואו די הינט האָבן געלעקט דאָס בלוט פון נבותן,

וועלן זיי לעקן דיין בלוט און דאָס בלוט פון דיין משפחה.״

עס איז באמת שווער זיך אפצושטעלן אויף אלע נביאים און אויף דעם גרויסן איינפלוס וואָס זיי האָבן געהאַט אויף דעם גאַנג און געשיכטע פון יידישן פאָלק.

מיר וועלן זיך אָפּשטעלן אויף די רדיי גרעסטע נביאים, און דאָס אויך בקיצור. דאָס זיינען ישעיה, ירמיהו און יחזקאל.

ישעיה, וואָס איז געווען נאָענט צו די העכערע קרייזן פון ירושלים, האָט אין זיינע פייערדיקע רעדעס אויפגעדעקט די מאָראַלישע פעלערן פון די דאָזיקע קרייזן. ער האָט ניט געשאָנעוועט אויך דעם קעניג און די הויכע בעאַמטע. ״ווי אויסגעלאָסן איז געוואָרן—האָט ער געשריען—די געטרייע שטאָט ירושלים! אַמאָל האָט אין איר געהערשט גערעכטיקייט, היינט לעבן דאָ פאַרדאָרבענע מענטשן, זיי חברן זיך מיט גנבים, האָבן ליב נעמען מתנות, יאָגן זיך נאָך געלט, דעם יתום געבן זיי ניט זיין רעכט און ווילן ניט הערן די קלאָג פון דער אלמנה . . . צו וואָס קומט איר — זאָגט גאָט — אין מיין טעמפּעל און ברענגט מיט קרבנות? איך קען אייערע תפילות ניט הערן, ווייל אייערע הענט זיינען פול מיט בלוט. רייניקט זיך, זאָגט זיך אָפּ פון אייערע שלעכטע מעשים, לערנט זיך גוטס טאָן. זוכט גערעכטיקייט, האַלט אויף דעם געדריקטן, גיט זיין רעכט דעם יתום, שטעלט זיך איין פאַר דער אלמנה.״

אויך קעגן דעם מלך אָחז איז ישעיה אַרויסגעטראָטן און האָט אים פאַרגעוואָרפן זיין פריינדשאַפט מיט דעם אַסירישן קעניג און זיין נייגונג צו אַסירישער לעבנספירונג. דער נביא האָט אים געזאָגט, ״אַשור איז נאָר אַ שטעקן אין גאָט׳ס האַנד, מיט וועלכן גאָט שלאָגט די זינדיקע פעלקער; דו אָבער האָסט מורא פאַרן שטעקן און ניט פאַר דעם, וואָס האַלט אים אין דער האַנט.״

ישעיה איז געווען פאַררעכנט פאַר אַ גרויסן, פייערדיקן רעדנער און גרויסן שטראָפער און מוסר זאָגער. ער איז געווען דער וואָס האָט אויסגעחלומט דעם גרויסן פרידנס חלום פון דער צייט ווען אַ לייב וועט לעבן בשלום מיט אַ קאַלב און אַ וואָלף מיט אַ שעפּס, און די קאַנאָנען וועט מען איבערשמידן אויף אַקער

אייזנס, און אַ פֿאָלק קענן אַ פֿאָלק וועט נישט אויפהויבן קיין שווערד. געשטאָרבן איז ער מיט זייער אַ טראַגישן טויט. עס ווערט דערציילט אַז ווען ער איז אַנטלאָפֿן פֿאַרן כעס פֿון דעם קעניג מנשה האָט ער זיך באַהאַלטן אין אַ בוים, און דעם בוים האָט מען איבערגעזעגט צוזאַמען מיט ישעיהן.

נאָך ישעיהן קומט דער נביא ירמיהו. ער איז געווען איינער פֿון די האַרציקסטע נביאים, וואָס האָט טיף געפֿילט יעדן ווייטאָג פֿון פֿאָלק, און האָט געזוכט מיטלען צו ראַטעווען זיינע ברידער פֿון אומגליק. נאָר לײדער האָט זיך עס אים נישט איינגעגעבן. ירמיהו איז אַרויסגעטראָטן קעגן דעם מלך און קעגן איס גע־האַלטן אַ רעדע, אין וועלכער ער האָט געזאָגט אַז אויב די פֿירער פֿון פֿאָלק וועלן ניט בעסער ווערן, וועט דער גרויסער טעמפּל אין ירושלים חרוב ווערן אַזוי ווי אַמאָל דער קליינער טעמפּל אין שילה. מען האָט געכאַפּט ירמיהון, איבערגעגעבן צום גע־ריכט און מען האָט אים געוואָלט באַשטראָפֿן מיטן טויט. אָבער זיינע פֿריינט האָבן אים באַפֿרייט. ירמיהו איז געווען דער וואָס האָט בייגעוואוינט דעם גרויסן חורבן פֿון בית המקדש און די פֿאַרטרייבונג פֿון די יידן קיין בבל. ער איז דאָס דער נביא וואָס האָט אָנגעשריבן דאָס בוך איכא וואָס מען זאָגט תשעה באב. טראַגיש איז אויך געווען זיין טויט. ער איז געשטאָרבן אין מצרים עלנט און פֿאַרגעסן פֿון אַלעמען. מען זאָגט, אַז יידן האָבן אים פֿאַרשטיינט.

דער לעצטער פֿון די דריי גרויסע נביאים איז געווען יחזקאל. ער איז געווען דער גייסטיקער פֿירער פֿון די פֿאַרטריבענע יידן אין בבל. ער פֿלעגט זיי טרייסטן אין זייער טרויער, לערנען זיי ווי צו לעבן אין אַ פֿרעמד לאַנד, בלייבנדיק געטריי דעם איי־גענעם פֿאָלק.

איינמאָל האָט ער זיי דערציילט אַזאַ נביאישן חלום: „עס האָט זיך אויפגעהויבן אַ שטאַרקער ווינט און מיך פֿאַרטראָגן אין אַ טאָל, פֿול מיט ביינער פֿון פֿאַרשטאָרבענע מענטשן; מיט אַמאָל האָבן זיך די צעשאָטענע ביינער אָנגעהויבן צורוקן איינע צו די אַנדערע. אויף זיי האָט זיך אַרויפֿגעצויגן פֿלייש און הויט,

און עס איז אריין אין זיי לעבעדיקער גייסט — און עס האָבן זיך געשטעלט אויף די פיס א מאַסע לעבעדיקע מענטשן. איך האָב געפרעגט, ווער זיינען זיי, און האָב דערהערט א קול פון גאָט: ״דאָס זיינען יידישע קינדער, זיי קלאָגן זיך אז זיי זיינען אויסגעטריקנטעביינער, א געשטאָרבן פאָלק, אָבער איך וועל די צעוואָרפענע ביינער צונויפזאַמלען און באַלעבן זיי מיט גייסט, און וועל זיי אַרויספירן צוריק אין זייער לאַנד, און זיי וועלן ווידער זיין מיין פאָלק.״ און זיין נבואה איז מקוים געוואָרן. די יידן האָבן זיך אומגעקערט צוריק אין זייער לאַנד.

יחזקאל איז געווען א פאָלקס מענטש, און שטענדיק איז ער געווען מיטן פאָלק, און אויך געקעמפט האָט ער קעגן די רייכע פאַר דעם וואוילזיין פון פאָלק.

מיר האָבן אויך געהאַט נאָך קלענערע נביאים וועלכע אלע אָן אויסנאַם האָבן געקעמפט פאַר דער פרייהייט און רעכט פון דעם יידישן פאָלק. עס איז אָבער אומעגלעך אויסצושעפּן דעם גאַנצן מאַטעריאַל אין די קורצע עטליכע מינוטן וואָס זיינען מיר געגעבן געוואָרן. פון די קלענערע נביאים, וועל איך דערמאָנען בלויז צוויי:—מיכא און הושע.

פארן אונטערגאַנג פון ישראל איז געווען טעטיק דער נביא הושע. מיר וויסן זייער ווייניק וועגן אים. נאָר אביסל וואָס איז געווען פאַרשריבן אין א בוך וואָס איז פון אים געבליבן. הושע האָט געלעבט אין ישראל, און איז ארויסגעטראָטן אלס נביא אַ קורצע צייט נאָך עמוסן. אויך הושע האָט געשטראָפט די יידן, אָבער ניט אַזוי שטרענג ווי עמוס. ער האָט זיי געשטראָפט מיט ווייכערע צאַרטערע ווערטער. ״יידן זיינען זינדיק און פאַרדאָרבן — זאָגט ער — ניטאָ קיין ערלאכקייט, קיין ליבשאַפט און קיין אמת׳ע פרומקייט אין דעם לאַנד. זיי דינען גאָט מיט טעמפּלען און קרבנות אָבער גאָט וויל גוטסקייט און ליבע, ניט קיין שעכט־אָפּפער.״

אומגעפער אין איין צייט מיט ישעיה׳ן איז אויפגעטראָטן אין יהודה נאָך אַ גרויסער נביא: מיכא. ער איז געקומען פון א קליין דאָרף קיין ירושלים צו קעמפן אין גאָט׳ס נאָמען קעגן די

פירער פון פאָלק, די רייכע אַריסטאָקראַטן. ער איז ניט געווען אזוי גרויס ווי ישעיה, אזוי רייך אין געדאַנקען. דערפאַר אָבער האָט ער זיך אויסגעצייכנט מיט זיין שאַרפקייט, און לאַנג האָט מען געדענקט זיינע שטרענגע, ביטערע רייד: "הערט צו, איר קעפּ פון יעקב, איר פירשטן פון דעם הויז ישראל, וועלכע פאַר־ווארפן דאָס רעכט, און פאַרדרייען אַלץ, וואָס איז גלייך; וועלכע בויען ציון מיט בלוט און ירושלים מיט אומרעכט." און אזוי איז ער אָנגעגאַנגען.

איך האָף און גלויב אַז איך האָב אייך געגעבן אַ באַגריף פון דעם אָרט און איינפלוס וואָס די נביאים האָבן געהאַט אויף אויף דעם יידישן פאָלק און אין זעם גאַנצן גאַנג פון זיין גע־שיכטע ביז היינטיקן טאָג.

די נביאים האָבן געווירקט און גערופן דאָס פאָלק צו עטיש און גערעכט לעבן. זיי האָבן פאַרזייט די קערנער פון וועלכע ס'זיי־נען אַרויסגעוואַקסן די גרויסע פרייהייטס באַוועגונגען. אַלע דעמאָקראַטיעס און ליבעראַלע אינסטיטוציעס ציען זייער זאַפט אין לעבן פון די אידייען פון די נביאים. אונדז יידן האָבן זיי איבערגעלאָזט אַ רייכע ירושה. זיי האָבן אונדז געהאָלפן ווערן אַ פאָלק מיט אַ הייסן גלוי און ברען פאַר פרייהייט און גערעכטי־קייט. אויך היינט קעמפט די וועלט פאַר זייערע אידייען. מיט אונדזער זיג איבער די פאַשיסטן וועלן אויך זיגן ישעיה, מיכה און עמוס—די גרעסטע קעמפער אין דער וועלט געשיכטע.

▼

לאה גרינבאַנד

העלעניסטן און חסידים

די ערשטע באַגעגעניש פון יידן מיט די גריכן, איז געווען זייער אַ פריינטלעכע. די גריכן האָבן זיך דאַן נישט געמישט אין יידישן לעבן. זיי האָבן די יידן געלאָזט לעבן זייער אייגן לעבן.

אַלעקסאַנדער, דער באַזיגער פון אַזיע, איז געווען זייער פריינטלעך צו יידן.

א סך יידן זיינען דאַן אַוועק קיין אַלעקסאַנדריע אין עגיפּטן דערפאַר וואָס אין ארץ־ישראל זיינען געווען זייער הויכע שטייערן. אין דער זעלבער צייט זיינען א סך גריכישע קאָלאָניעס געשאַפן געוואָרן אויף יידישער ערד.

שמעון דער כהן־גדול, האָט געראַטעוועט דעם יידישן קיבוץ פון אונטערגאַנג. ער האָט אויפגעשטעלט די ווענט פון ירושלים, און פאַרריכט די חורבות אין דעם בית־המקדש. ער האָט אינגאַנצן פאַרבעסערט דעם קיבוץ. מען האָט שמעון'ען דערפאַר געמאַכט פאַר אַ כהן ־ גדול, און דעם פירער פון יידן.

ווען שמעון איז געשטאָרבן איז אָניאַס דער צווייטער געווארן פירער. ער האָט זיך אָנטזאָגט צו באַצאָלן שטייער די גריכן.

יוסף איז געווען דער פירער פון די יידן, און ער האָט אויפגעהויבן זיין פאָלק פון אָרימקייט צו א ליכטן און גרינגן לעבן. ער האָט געפּרואווט שאַפן אָרדנונג פון כאַאָס און אַנאַרכיע.

דער אויסקוק פון די יידן האָט זיך פאַרגרעסערט ווען זיי זיינען געקומען אין קאָנטאַקט מיט די גריכן. די יידן אין אַלעקסאַנדריע זיינען געוואָרן העלעניסטן. זיי האָבן געשעצט די גריכן. די רייכע יידן האָבן איבערגענומען די גריכישע מנהגים, און געלעבט לויט דער גריכישער פילאָזאָפיע.

די יידן אין אַלעקסאַנדריאַ האָבן געפּרואווט איבערשטייגן די גריכן אין גריכישע פירונגען. זיי זיינען געוואָרן בעסערע גריכן ווי די העלענער זעלבסט.

די אומצופרידענע יידן האָבן איצט פאָרמירט די חסידישע פּאַרטיי. זיי האָבן געהאַלטן ניט נאָר פון געשריבענעם געזעץ נאָר אויך פון די פאָרשריפטן פון די צייטן פון עזרא און די אנשי כנסת הגדולה. די פּאַרטיי איז באַשטאַנען איבעי הויפּט פון פויערים און בעל מלאכות. זיי האָבן זיך געקלאַמערט אינ'ם אַלטן לעבנס שטייגער.

די העלעניסטן האָבן ניט געגלויבט אין יידישער אנדערשקייט, און האָבן איינגעפירט אַלערליי גריכישע מנהגים. צו זיי האָבן געהערט די אַריסטאָקראַטן, גבירים און די הויכע פּריס־

טער. זיי האָבן געלעבט אין לוקסוס, און ניט אין איינקלאַנג מיט די פאָלקס טראַדיציעס.

עס איז געווען זייער אַ גרויסער קאָנטראַסט צווישןביידע. די אַנדערע יידן האָבן גענומען אַ מיטעלען קורס צווישן די צוויי פּאַרטייען. זיי האָבן ליב געהאַט די ראַפינירטע מנהגים פון די העלעניסטן, נאָר זיי האָבן ניט ליב געהאַט זייערע עקסטרעמע מיינונגען. פון דער אַנדערער זייט האָבן זיי ניט.געוואָלט אָפּלאָזן זייער פאַרגאַנגענהייט און פאָלקס מנהגים. כאָטש די חסידים זיי־נען געווען זייער שטרענג, פונדעסטוועגן זיינען זיי גרייט געווען טראָגן דעם יאָך, אַבי אָפּהיטן זייער אייגנאַרטיקייט.

די חסידים האָבן געהאַלטן די אויבער האַנט. זייער פירער איז געווען אָניאַס דער דריטער; ער האָט געהאַסט די העלעניסטן, און די העלעניסטן האָבן אים אויך געהאַסט.

אנטיאָכוס עפּיפאַנוס, אָדער אנטיאָכוס ה׳רשע, ווי מען האָט אים דעמאָלט גערופן, איז אריינגעקומען אין מאַכט. ער האָט געפּרוּווט העלעניזירן דאָס יידישע פאָלק מיט געוואַלד. די העלעניסטן האָבן געזוכט צו מאַכן אַלע יידן פאַר גריכן און זיי האָבן איינגעפירט גימנאַזיומס, טעאַטערס, און גריכישע שולן.

די חסידים האָבן אנגעהויבן צו פּרעדיגן ווידערשטאַנד צו די גריכן. אַנטיאָכוס האָט געגעבן אַ באַפעל, אַז מען זאָל דער׳הרג׳־ענען די חסידים אין אַ שבת, ווייל ער האָט געוואוסט אַז די חסידים וועלן ניט אויפהויבן קיין געווער זיך צו פאַרטיידיקן אום שבת. אָבער פּראָטעסט האָט געברענט אין יידישע הערצער.

די מאַקאַבייער האָבן אנגעצונדן אַ פלאַם. מתתיהו און זיינע פינף זין, האָבן אַטאַקירט די אָפיצערן פון אנטיאָכוס. מתתיהו האָט אָנגעפאַנגען, אָבער ער האָט ניט דערלעבט צו פאַרענדיקן די מלחמה. ווען ער איז געשטאָרבן, האָט ער איבערגעגעבן די פירונג פון דער מלחמה צו זיין זון, יהודה. דער ערשטער נצחון האָט געגעבן מוט ווידער צו קעמפן.

אַ געפאַר האָט געדראָט די יידן. יהודה האָט צונויפגערופן אַ פאַרזאַמלונג אין מצפּה. עס איז געווען אַ צופאַל אַז 900 יאָר פריער האָט שמואל צונויפגערופן די יידן אויך אין מצפה, ווען

א שונא האָט זיי געפּרואווט אומברענגען.

יהודה האָט צעטיילט זיין אַרמיי אויף פיר טיילן. זיינע ברי־דער האָבן אויפגעפּאַסט אויף דריי טיילן, און ער האָט גענומען די פערטע. ער האָט אהיימגעשיקט אַלע מענער וועלכע האָבן אָקאָרשט חתונה געהאַט, די וואָס האָבן מיט א קורצע צייט פריער פאַרזייט א וויין־גאָרטן, אָדער אויפגעבויט א הויז, און די וואָס האָבן מורא געהאַט. און ער האָט מאַרשירט צום שונא און אנגעהויבן דעם גרויסן באַפרייאונגס קאַמף.

אין א קורצער צייט האָט יהודה פאַרטריבן די גריכן, און ער האָט אריינגעמאַרשירט אין ירושלים. ער האָט געפונען אַלץ פאַרניכטעט און צעשטערט. די ערשטע אַרבעט איז געווען ארויסצונעמען אַלע אומריינע זאַכן פון טעמפּל. ער האָט די אַר־בעט אָנגעפאַנגען דעם דריטן כסלו, אינעם יאָר 165 פ. ק. די אַרבעט איז געווען פאַרענדיקט ביי דעם 25טן כסלו אין זעלבן יאָר.

די יידן האָבן געזוכט אויל צו מאַכן ליכטיק אין בית המקדש. זיי האָבן געפונען א קריגל אויל מיט דער חתימה פון כהן־גדול. עס איז בלויז געווען גענוג אויף צו ברענגען פאַר איין טאָג. נאָר א נס איז געשען און די אויל האָט געברענט פאַר אַכט טעג. און מען האָט אָנגעפאַנגען פייערן דעם נס פון חנוכה. יעדן יאָר אין דער צייט, פון יעמאָלט אָן, פייערן אַלע יידן דעם יום־טוב חנוכה, דעם 23טן כסלו.

עס איז נאָך אמאָל געווען מלחמה אין יאָר 163. די העלעניסטן האָבן איבערגענומען עקרא.

שמעון האָט ארויסגעשיקט די העלעניסטן דעם 23טן איר פון עקרא.

דער קאַמף צווישן די העלעניסטן און חסידים איז געווען אפשר וויכטיקער ווי דער זיג איבער די גריכן. די העלעניסטן האָבן געפּרואווט אונטערגראָבן ד יסודות פון יידישן לעבן. מען וואָלט אפשר אונטערגעגאַנגען אַלס פאָלק, ווען מען פאָלגט די העלע־ניסטן.

דער זיג פון די חסידים האָט געמיינט דער זיג פון יידישקייט,

פון נאַציאָנאַליזם, פון אייגנאַרטיקייט. די חסידים האָבן געראַטעוועט דאָס יידישע פאָלק פון אונטערגאַנג, און זיי האָבן אונדז איבערגעלאָזט אַ רייכע ירושה פון העלדעשקייט און מאַרטירערטום און אויך אַן אוצר פון אידייען, וואָס האָבן אונדז באַגלייט אויף אונזער גלות וועג פאַר הונדערטער יאָרן.

▼

רבקה בראָדי

פּרושים און צדוקים

אין דעם צווייטן יאָר הונדערט פאַר קריסטוס האָבן די ענדערונגען אין דעם יידיש־פּאָליטישן לעבן געווירקט מער אויף דער רעליגיע ווי אויף דער ליטעראַטור און אַלגעמיינעם לעבן פון דעם פאָלק. רעליגיע איז געווען דער שומר פון דעם פּאָליטישן און סאָציאַלן לעבן. אַלע קאַמפן, אַלע האָפנונגען און שטרעבונגען זיינען פאָרגעקומען אף אַ רעליגיעזן הונטערגרונט. אַרום דעם רעליגיעזן לעבן זיינען געשאַפן געוואָרן פּאַרטייען און סעקטעס מיט פאַרשיידענע מיינונגען וועגן רעליגיזן לעבן, ווי אַזוי צו דינען גאָט, און ווי אַזוי אָנצוהאַלטן אַן אייגן לעבן.

מיר האָבן שוין געזען ביי די וואַלדענזער, אַלביגענזער, זשאַקאַרים, און אַלע אַנדערע פרייהייטס באַוועגונגען, אַז ווען מענטשן זיינען נישט צופרידן מיט עפּעס קעמפן זיי קעגן דעם אָדער זיי שאַפן עפּעס וואָס זיי דענקן איז בעסער. אַזוי האָט פּאַסירט מיט די יידן. זיי האָבן געגלויבט אַז די חשמונאים וועלן ברענגען אַ גרויסע היימלאַנד, אַ שטאַרקע אַרמיי, און אַלץ וואָס זיי האָבן געהאַט אונטער דער הערשאַפט פון דוד. אָבער ווען די חשמונאים זיינען דורכגעפאַלן זיינען די יידן געווען אַנטוישט און האָבן געדאַרפט געפינען עפּעס אַנדערש צו פּרעזערווירן יידישקייט. דער שטאַט איז נישט געווען דערפאָלגרייך און זייער איינציקע האָפנונג איז געווען רעליגיע. צוויי הויפּט פּאַרטייען זיינען געווען אַקטיוו אין יענער צייט. די פּרושים האבן געזאָגט אַז מיר קענען האָבן אַ גוט פאָלק אויב

מיר וועלן פּאָלגן און זיך צוהערן צו אונדזער רעליגיע. און די צדוקים האָבן געזאָגט אַז דער שטאָט קומט פאַר דער רעליגיע. ס'האָט געדאַרפט זיין א פאַרטיי ווי די פרושים ווייל אויב נישט, ווער וואָלט זיך איינגעשטעלט פאַר יידישקייט און וואָס וואָלט געבליבן פון אונדז?

די פרושים זיינען געווען א פאַרטיי וואָס האָט געדענקט אַז אַלע נאַציאָנאַלע טאַטן און פאָלקס אונטערנעמונגען זאָלן ווערן באַשטימט לויט די סטאַנדאַרדן פון דער רעליגיע. איבער אַלץ, האָבן זיי געוואָלט פּרעזערווירן די יידישקייט וואָס זייערע אור־עלטערן האָבן זיי געגעבן. זייערע מיינונגען און האַנדלונגען זיינען רעגולירט געוואָרן פון איין קאַרדינאַלן פּרינציפּ — די נויטיקייט אָפּצוהיטן יידישקייט און זיינע געזעצן. און יעדער פּאַרזוך צו פאַרבייגן דעם פּרינציפּ איז באַטראַכט געוואָרן אַלס פעררעט.

דער נאָמען, פרושים, איז געקומען פון דעם וואָרט פרוש, וואָס מיינט זיך אָפּטיילן, זיין אַנדערש. די פרושים האָבן געמאָן ביידע זאַכן. זיי האָבן געפּרואווט דערקלערן די תורה לויט די נויטן פון דער צייט.

זיי האָבן אָרגאַניזירט א חברותא און מען האָט נאָר אריינגעלאָזט די וואָס זיינען גוט געהייסן געוואָרן פון דריי מיטגלי־דער. דער מיטגליד האָט זיך געדאַרפט פאַרפליכטן (1) לעבן שטרענג לויט דער תורה, (2) נישט האָבן קיינע פאַרבינדונגען מיט אומוויסנדיקע און עמאַראַציִשע יידן, (3) זיי וועלן באַצאָלן יעדן חוב אָדער שטייער צו דעם פּריסטער, שכן, און אָרעמאַן, (4) זיי וועלן רעספּעקטירן יענעמ'ס גלויבן און אייגענטום.

די פרושים האָבן געשפּילט א גרויסע ראָלע אין דער בילדונג פון די יידן. זיי האָבן געגרינדעט שולן און לערן אינסטיטוציעס. זיי האָבן געמאַכט יעדן טאַטע צו זען אַז זיין זון זאָל לערנען די תורה. דאָס איז געווען אימפּעראַטיוו .די פרושים האָבן געמאַכט די תורה א מאַכט פאַר דער בילדונג פון די יידן איבער דער גאַנצער וועלט, און זייער צוועק איז געווען צו מאַכן די געזעצן בויגזאַם גענוג אַז עס זאָל זיך קענען אריינפּאַסן אין דעם לעבן פון דעם גאַנצן פאָלק, אין אַלע זיינע וואוינערטער.

זיי זיינען געווען זייער ליבעראל מיט וועלטליכע געזעצן. שוין אין זייער אדמיניסטראציע פון גערעכטיקייט זיינען זיי אין דער אמתן געווען דעמאקראטיש און האבן געלאזט רחמנות און מענטשלעכע שוואכקייטן הערשן. צוליב דעם האבן זיי געהאט א סך נאכפאלגער. זיי האבן געגלויבט אין גוטסקייט, ריינקייט און גיין אין גאטס וועגן.

ווייל זיי זיינען געווען אזעלכע גוטע קענער פון דעם געזעץ, האבן זיי געהאלטן וויכטיקע אפיציעלע פאזיציעס.

די פרושים זיינען א סאך מאל באשולדיקט געווארן אז זיי זיי־נען געווען היפאקריטן. אין יעדער פארטיי זיינען פאראן פאלשע מענטשן וואס זאגן אז זיי זיינען עפעס וואס זיי זיינען נישט. דעריבער טאר מען נישט באשולדיקן א גאנצע פארטיי פאר די זינד פון איינצעלנע.

זיי זיינען געווען פאנאטיקער, נאר באמת האבן זיי אפגעהיט און פרעזערווירט זייער פארמע פון יידישקייט, און עס האט גע־ווירקט אויף דער געשיכטע נישט נאר פון יידן, נאר פון דער גאנצער וועלט.

די צווייטע פארטיי, די צדוקים, זיינען געווען קעגן די פרושים און זייערע פרינציפן. זיי האבן געגלויבט אין א נאציאנאלער פאליטישער פאליסי. די צדוקים זיינען באשטאנען פון מענטשן וואס זיינען געווען פונקט דער היפך פון די פרושים. זיי זיינען געווען יידישע אריסטאקראטן שטאטסמענער, מיליטער לייט, פריסטער, און גלאט גבירים וואס האבן אנגעזאמעלט א סך געלט און זיינען געקומען אין קאנטאקט מיט דער ארומיקער וועלט. די פרושים זיינען געווען באלמלאכעס און פויערים.

די צדוקים האבן געקראגן זייער נאמען פון איינעם פון זיי־ערע פירער, צדוק. פון אים האבן זיי אויך גענומען א סך פון זייערע אידייען.

אפשר זיינען די צדוקים געווען די ערשטע אסימעלאטארן. זיי האבן נישט געגלויבט אין דער יידישער אנדערשקייט און האבן געוואלט זיך ארייננלעבן אין דער ארומיקער וועלט. פאלי־טישע און פאטריאטישע אינטערעסן האבן זיי געהאלטן העכער

און מער וויכטיק ווי דאָס יידישע געזעץ. זיי האָבן געגלויבט אַז רעליגיע טאָר נישט קיינעם שטערן אין זיין געזעלשאַפטלעכן לעבן. זיי האָבן געגלויבט אין אָנהאַלטן דאָס בוכשטעבלעכע געזעץ — אַן אויג פאַר אַן אויג.

זיי האָבן געזאָגט אַז גאָט האָט געגעבן דעם מענטש פרייהייט אַז ער זאָל קענען אויסאַרבעטן זיין, אייגענעם וואוילזיין און שיקזאַל. זיי האָבן אין גאַנצן נישט געגלייבט אין דער אידייע פון א יענער וועלט און האָבן זיך אָפּגעזאָגט פון אַלע טראַדי־ציעס. צוליב דעם איז פאָרגעקומען א סך קאָנפליקטן צווישן זיי און זייערע קעגנער די פרושים. זיי האָבן אַנערקענט בלויז די וויכטיקסטע זאַכן וואָס איז גרינג פאַרטייטשט געוואָרן פון דער תורה, און ביי זיי האָבן די אַנדערע געזעצן געהאַט א קליי־נעם ווערט.

ביי איינעם פון די גרויסע באַנקעטן וואָס איז געגעבן געוואָרן פון דעם קעניג, הורקנוס, זיינען געווען די פרושים און צדוקים. איינער פון די פרושים האָט אָנגעפאַנגען שרייען וועגן דעם קעניג, אַז הורקענוס זאָל זיין צופרידן מיט זיין קעניג און ער זאָל אָפּגעבן די פּאָזיציע פון כוהן גדול ווייל ער איז נישט באַ־רעכטיקט צו דעם. נאַטירלעך, איז דער מאַן נישט געווען א פאַרטרעטער פון זיין פאַרטיי, נאָר הורקענוס האָט געדענקט אַזוי. פון דעמאָלט אָן האָט ער זיך געחברט מיט די צדוקים און גענומען זיינע אָפיציעלע העלפער פון זיי.

נאָך הורקענוס'ם טויט איז זיין זון געווען קעניג פאַר א יאָר און דאַן זיין ברודער, אַלעקסאַנדער יאנאי, האָט איבערגענומען די מאַכט. ער האָט אַנטייל גענומען אין אַלערליי מלחמות צו פאַרגרעסערן זיינע גרענעצן, און אונטער אים איז געווען א סך קאָנפליקטן צווישן די צוויי פאַרטייען. די פרושים זיינען גע־ווען קעגנער פון דעם קעניג און בשעת ער האָט דורכגעפירט די צערעמאָניע פון דעם יום טוב שבועות, האָבן די פרושים אים און די צדוקים אַטאַקירט. זעקס טויזענט פרושים זיינען דאַן דער־הארגעט געוואָרן.

כאָטש זיין באַציאונג צו די פרושים איז נישט געווען פון די

בעסטע, ווען אלעקסאנדער האט געהאלטן ביים שטארבן, האט ער געזאגט זיין ווייב צו ארגאניזירן א רעגירונג מיט די פרושים אנשטאט מיט די צדוקים. אלעקסאנדרא האט גענומען איר מאן'ס עצה, און צוזאמען מיט אירע העלפער, די פרושים און זייער פירער שמעון בן שטח, האט זי געמאכט דאס לאנד דערפאלגרייך פאר ניין יאר.

די איסייער זיינען געווען זייער א קליינע פארטיי וואס איז ארויסגעקומען אין דער צייט פון די פרושים. זיי זיינען געווען מיד פון דער וועלט און האבן עס אויפגעגעבן כדי צו קענען זיך אפגעבן מיט זייערע אייגענע נשמות. זיי האבן געלעבט קאמונאל, ארעם און פשוט.

דער קאמף צווישן די צוויי פארטייען האט אפגעשפיגלט צוויי אידעאלאגיעס. די פרושים האבן געוואלט מאכן פון יידן א פריסטער פאלק. זיי זאלן נישט זיין אפהענגיק פון א מלוכה אדער א לאנד. גאט'ס קינדער זאלן זיי זיין. די צדוקים האבן געוואלט מיר זאלן זיין מיט לייטן גלייך. א שטארקע מלוכה, א גרויסע ארמיי, און נאציאנאלע דיסציפלין. דאן ווי היינט זיינען יידן נישט געווען פאראייניקט.

▼

עמי שער

די סעקטע איסייער

די סעקטע באקאנט אונטערן נאמען די איסייער איז איינע פון די אינטערעסאנטסטע און אייגנארטיקסטע אין דער יידישער געשיכטע. זיי האבן זיך פארמירט אין דעם לעצטען יאר הונ־דערט פאר דער איצטיקער צייט. עס האבן זיך געפונען יידישע אידעאליסטן וואס האבן נישט געקענט פארטראגן די עוולות אין אומגערעכטיקייטן און זיי האבן באשלאסן זיך צוריק צו ציען און לעבן א גערעכט לעבן. דאס מיינט טאקע דער נאמען אי־סייער, די גערעכטע, די ריינע. זיי האבן געגלויבט אין די זעלבע

זאכן וואס די אביונים אין אליהו׳ס צייטן. זיי האבן זיך אפגעזאגט פון אלע פארגעניגנס און האבן זייער פיינט געהאט מענטשן וואס זיינען רייך. זיי האבן וויניק געהאלטן פון פארגעניגנס. די איסייער זיינען געווען קעגן חתונה האבן, ניט דערפאר ווייל זיי האבן ניט געוואלט אנהאלטן די מענטשלעכע ראסע נאר דערפאר ווייל זיי האבן געהאט זייער א נידעריקע מיינונג וועגן פרויען. מיטן כאאס און קארופציע ביי יידן אין יענער צייט איז געווען נאטירלאך אז די איסייער, וואס האבן געוואלט ראטעווען זייערע נשמות אז זיי זאלן זיך אפזונדערן כדי ניט באפלעקט צו ווערן. זיי האבן אימעגרירט צו די ברעגן פון דעם טויטן ים און זיך דארטן באזעצט. ארום פיר טויזנט האבן דארטן געלעבט א קאמוניסטישן לעבן. די איסייער זיינען געווען די ערשטע צו פארהאסן קנעכטשאפט, נישט נאר אין טעאריע נאר אויך אין פראקטיק. זיי האבן אויסגעקליבן זייערע אייגענע פריסטער און ריכטער, כאטש זיי זיינען געווען קעגן יעדע רעגירונג. זייערע געזעצן זיינען געהאלטן געווארן פאר טיפע סודות. זיי האבן איינגעזאפט די פילאזאפיע פון די גריכן, די סטאאיקער און אויך אידייען פון די פערסיער. זיי זיינען געווען זייער רעליגיעז און זיך אפגעהיט ניט צו באליידיקן אדער ווי צו טאן עמיצן. ס׳איז זייער שווער צו באשטימען ווי ווייט זיי זיינען אפגעזונדערט געווארן פון זייערע מיט מענטשן. זיי זיינען געווען זייער פארשפרייט און האבן ניט געהאט אן אייגענעם ישוב אדער אן אייגענעם שטאט. זיי זיינען געווען צעשפרייט אין די געגנטן ארום דעם ים המלח. אגריקולטור און הויז מלאכות זיינען געווען זייער הויפט באשעפטיגונג און וועג צו מאכן א לעבן. זיי זיינען געווען אינגאנצן אפגעזונדערט פון מענטשלעכע אינטערעסן. אזוי ווי די איסייער זיינען געווען קעגן חתונה האבן, האבן זיי ארדאפטירט קינדער ווען זיי זיינען געווען זייער יונג, און זיי האבן די קינדער דערצויגן אויף זייערע אסקעטישע רעליגיעזע פרינציפן. די איסייער האבן ארויסגעוויזן פיל איינפאכקייט אין זייער עסן און קליידונג. זיי זיינען געגאנגען אנגעטאן נאר אין ווייסע קליידער און נישט געביטן זיי ביז זיי

זיינען געווען צעריסן אויף שטיקלאך. זיי האָבן זיך ניט געשוירן די האָר. זיי האָבן נישט געגעסן קיין פלייש און ניט געטרונקען קיין וויין. זייער טאָג טעגלעכער רוטין איז אָנגעפירט געוואָרן אין זייער א שטרענגן וועג.

פריער פון זון אויפגאַנג האָבן זיי ניט גערעדט ריידן וועגן ניט געטלאַכע זאַכן אָדער וועגן שלעכטע מענטשן.

נאָך זון אויפגאַנג האָבן זיי אנגעהויבן זייער אייגן טאָג טעגלעך לעבן. זיי האָבן אָפּגעטאָן אַלע וואָס זיי האָבן געדאַרפט. זיי האָבן געאַרבעט ביז דער פינפטער שעה. נאָך דעם זיינען זיי אַלע געשטאַנען אויף א שטיק לייוונט וואָס איז געווען פאַרשפּרייט אויף דער ערד און געבעטן גאָט. נאָכדעם האָבן זיי זיך געבאָדן אין קאַלטער וואַסער. און דאַן האָבן זיי זיך אוועקגעזעצט לעבן א טיש און דער בעקער האָט זיי געגעבן אינדעווידועלע חלות. דאַן האָט דער קאָכער אַרויסגעגעבן אינדעווידועלע פּאָרציעס פאַר יעדן איינעם.

די מאָלצייטן זיינען געווען קאָמונאַלע.

א מיטגליד פון דער סעקטע האָט ניט געטאָרט האָבן קיין פּריוואַט אייגנטום. יעדער האָט אריינגעגעבן זיינע פאַרדינסטן אין דער אַלגעמיינער קאַסע און פון דעם זיינען אַלע נויטן באַפרידיקט געוואָרן.

צווישן די איסייער איז גאַרנישט געווען אַזאַ זאַך ווי אָרעם און רייך. אַלע האָבן געלעבט מיט וואָס זיי האָבן געקראָגן פון ייִיערע אייגענע פעלדער און זייערע אייגענע פאַרדינסטן. קיינער האָט קיינעם ניט געטאָרט באַדינען אחוץ פאַר דער אַלגעמיינער קאָמונע.

יעזוס איז זייער שטאַרק צוגעצויגן געוואָרן צו זייער לעבן. זייער לעבן האָט צוגעצויגן אַלע וואָס זיינען געווען אומצופרידן מיט די רוימער און די פּריסטער. יוחנן דער טויפער, איינער פון די פירער ביי די איסייער, האָט גערופן אַלע וואָס ווילן געריינקט ווערן און וואָס ווילן חרטה האָבן אף זייערע זינד. זיי זאָלן זיך אָנשליסן אין דער סעקטע און וואַרטן אויף גאָט'ס קעניגרייך. יעזוס איז געקומען צו די איסייער געריינקט צו ווערן. דער פאַקט איז היסטאָריש ניט זיכער.

כאָטש עס קען ניט באַוויזן ווערן אַז יעזוס איז געווען ביי די איסייער, איז פונדעסטוועגן זיכער אַז זיין לעבן און זיין אַרבעט איז באַאיינפלוסט געוואָרן פון די אידייען און לעבנס פירונג פון די איסייער. ווי די איסייער האָט יעזוס פאַרהערלעכט אָרעמ־קייט און זייער פיינט געהאַט די רייכע.

די איסייער האָבן געפּרואווט איבערזעצן אין פּראַקטיש לעבן די אידייען פון די נביאים און פון די פּרושים. זייער הויפּט חסרון איז געווען, וואָס זיי זיינען אַנטלאָפן פון לעבן און געזוכט זיך אַליין צו ראַטעווען. זיי האָבן געהאַט אַ גרויסן איינפלוס אויף דער אַנטוויקלונג פון קריסטענטום און אויף אַ סך אַנדערע סעקטעס פון יענער צייט.

▼

יהודה רעזווין

די קאַראַאימישע סעקטע

די קאַראַימען — בני מקרא — נאָכפאָלגער פון דער תורה — איז געווען אַ יינקער פליגל וואָס האָט פּרובירט אָפּצופּליען אין איר וועג מיט דער תורה. די סעקטע האָט געהאַלטן פון תורת משה, און ניט פון תלמוד, וועלכן זיי האָבן פאַררעכנט אַלס רבנישע טראַדיציעס און געזעצן וועלכע זיינען נישט גאָט'ס וואָרט אין דער האַנטשריפט פון משה. אַקטואַל האָט די סעקטע געבאָרגט פון רבנישן יידנטום, און פון אַנדערע יידישע סעקטן און אויך פון די מאַכמעדאַנער.

דער גרינדער פון דער סעקטע איז געווען איינער מיטן נאָמען ענען בן־דוד, און אין אָנהייב האָבן זיינע נאָכפאָלגער געהייסן ענעניטן — אָבער אין וואוקס און פאַרבעסערונג פון זיינע ערשטע דאָקטרינען, האָט זיך די באַוועגונג באַפרייט פון די אָרי־גינעלע פּרינציפּן פון ענען און אָנגענומען דעם נאָמען קאַראַימען.

צווישן 780 און 800 איז ענען געשטאָרבן און זיינע נאָכ־פאָלגער און פאַמיליע, זיין זון, זיין אייניקל האָבן עס אויפגע־

נומען די פירערשאפט; זיי זיינען אָבער נישט צו אינטעלעגענט געווען און זיי האָבן נישט איבערגעלאָזט קיינע שטריכן אין דעם ענעניזם אין דער פעריאָד. פון 830 ביז 890 זיינען אויפגעקומען גרויסע קעפ צווישן די קאראימען, וועלכע האָבן ארגומענטירט צווישן זיך און האָבן דערמיט קלאריפיצירט און געביטן די דאָקטרינען פון ענען און אפילו זיינע מעטאָדן פון לערנען. די הויפט קאראימישע פירערס זיינען געווען בנימין־אל־נאהעוואנדי, — ישמואל פון אקבארא און דעניל־אל־קומיסי. ענען האָט געהאט אייגענע אידייען און האָט זיי באזירט אויף דעם ביבלישן טעקסט. זיינע פרינציפן און זיינע פאָרמולעס פאַרן לעבן זיינען געווען צו אסקעטיש און נישט צוגעפאסט פאר מענטשן. א סעקטאנטיש לעבן פון ענען איז פראקטיש אומעגלעך. זיינע נאָכפאָלגער האָבן אָנגעפאנגען צו מאָדיפיצירן די סעקטע זיכער צו מאכן די עקזיסטענץ פון דער סעקטע.

די שטרענגע ענעניטן וועלכע האָבן געהאלטן די אסקעטישע פרינציפן האָבן פארלוירן מאכט און אין 9טן יאָר הונדערט זיינען זיי געווען זייער ווייניק. אין 10טן יאָר הונדערט איז ענעניזם אין גאנצן פארשוואונדן געווארן, ווייל קאראיזם עקזיסטירט נאָך ביזן היינטיקן טאָג אָבער מיט א קליינעם אינטעלעקטועלן כוח.

די אנטי־רבנישע גרופעס זיינען צופרידן געווען אויפצונעמען די נייע סעקטע כדי צו קאָנען עס נוצן קעגן די רבנים, אָבער שפעטער זיינען ענעס אידייעס נישט באליבט געווען. אין די קרייזן פון די קאראימען אין 9טן יאָר הונדערט איז געווען א באוועגונג אוועקצוגיין פון צערעמאָניאלע טראדיציעס, אָפצושאפן שבת און אנדערע יום טובים. דאָס געזעץ פון די שטרענגע קאראימען איז געווען זייער אומפראקטיש. מען האָט פארבאָטן ארויסצוגיין פון הויז שבת, צו טראָגן עפעס פון איין צימער צום צווייטן, צו וואשן דאָס פנים, אויפצומאכן דאָס בעט, און אנדערע שווערע געזעצן.

בנימין־אל־נאהאוואנדי איז געווען א קאראימישער לערער נאָך ענען. פון די מאכמעדאנער האָט ער געבאָרגט די מעטאָדע פין דערקלערן און אינטערפרעטירן די ביבל. ער איז נישט געווען

אזוי שטאַרק קעגן די רבנים ווי ענען און ער איז אויך נישט געווען קעגן תלמוד; אָפּט מאָל האָט ער אפילו פאַרטיידיקט די תלמודיסטן. ער איז געווען דער ערשטער אוועקצוגיין פון ענען און האָט אָרגאַניזירט די נייע סעקטע. זיינע ווערק זיינען די ערשטע קאַראַמישע געשריבן צו ווערן אין העברעאיש. צווישן זיי זיינען באַראַן דער ספר־המגוט, ספר־דניסו און אַ געשפּרעך איבער בראשות. ער האָט געעפנט אַ נייע עפּאָכע אין דער אַנטוויקלונג פון קאַראַיזם. אין דער זעלבער צייט איז געווען אַ קאַראַימישער שרייבער, ישמואל פון ראַקבאַרא, וועלכער האָט אַטאַקירט די אידייען פון דעם גרינדער, ענען, מיט גרויס אימפּעט. ס׳איז געוואָרן אַ קליינע סוב־סעקטע אונטער זיין פירערשאַפט. ער איז געווען דער איינציקער קאַראַימער צו קריטיקירן די ביבל, טאַנענדיק אַז ס׳זיינען געווען גרייזען אין טעקסט און אַז די סעפּטואַגינטאַ איז געווען בעסער ווי דער מאַסאָריק טעקסט. אין דער זעלבער צייט איז געווען אויך נאָך אַ קאַראַימישער שרייבער —משה־אל־קומיסי, וועלכער האָט נאָכגעפאָלגט ענען און אים גערופן ראש המשכילים — ״הויפּט פון די געלערנטע״, אָבער שפּעטער ראש הקסילים — ״הויפּט פון די נאַראָנים״. אזוי אַז ענען איז אין גאַנצן פאַרשוואונדן, לאָזנדיק אָפּען דאָס פעלד פאַר די קאַראַימען אין 10טן און 11טן יאָר הונדערט.

אַ וויכטיקער היסטאָריקער אין דער פעריאָדע איז געווען דער קאַראַימישער אבו־יוסוף־אל־קירקיסאַני. ער האָט געמאַכט זייער א וויכטיקע שטודיע פון דער אַנטוויקלונג פון יידישע סעקטעס, און אויך אַ שאַרפע קריטיק אויף זיינע פריערדיקע קאַראַימען. ער איז געווען דער ערשטער ראַדיקאַלער קאַראַימער, וועלכער האָט געזאָגט אַז מען זאָל נוצן דעם פשוטן שכל צו באַנעמען רעליגיעזע ענינים.

אין מיטן 11טן יאָר הונדערט זיינען נישט געווען קיין נייע שריפטן און די קאַראַימען האָבן זיך אָפּגעגעבן מיט איבערזעצן אַראַבישע ווערק.

די קאַראַימען האָבן זיך אָפּגעזאָגט פון אינדיווידועלע, רבנישע געזעצן און זיך אָפּגעגעבן בלויז מיטן ביבלישן געזעץ און מיט דער מאַכמעראַנער מאָזייאיק געזעץ.

אין סוף פון 9טן און 10טן יאָר הונדערט האָבן רבנישע געלערנטע אויפגענומען דעם שטודיום פון דער ביבל און העברייאישע גראַמאַטיק.

די רבנים זיינען געווען קוואַליפיצירט צו פאַרטיידיקן זייער אַרבעט און א סך פּאָלעמיקס זיינען געשריבן געוואָרן אין אַראַביש קעגן קאַראַיזם פאַר רביניזם. דער אַממערסטן באַוואוסטער פון זיי איז געווען סאַדיאַ־אַל־פאַיומי, וועלכע האָט געהאַט די גרעסטע ווירקונג צו אָפּשטעלן דעם שאָדן וועלכן די קאַראַימען האָבן פּרובירט טאָן צו טראַדיציאָנעלן יידנטום. ער איז געווען דער אָביעקט פון אַטאַקעס פון אַלע קאַראַימישע שרייבער.

אין דער צווייטער העלפט פון 11טן יאָר הונדערט איז קאַראַיזם אַריבערגעטראָגן געוואָרן פון אַזיע קיין אייראָפּע. דער ערשטער אָרט איז געווען אין שפּאַניע וואו די נאָכפאָלגער האָבן צו גרויס געמאַכט זייער האַס פאַר די רבנים און צוויי יידיש־שפּאַנישע שטאַטסלייט האָבן די באַוועגונג באַגראָבען. דער דורכפאַל האָט אָבער אַרויסגעבראַכט א וויכטיק בוך — ספר הקבלה — וואָס איז א ביאָגראַפיע פון די יידן אין שפּאַניע. אין ביזאַנטיע, טערקיי, האָבן די נאָכפאָלגער זיך פאַרנומען מיט איבערזעצן די אַראַבישע ווערק פון די קאַראַימען אין העברייאיש. די דאָזיקע קאַראַימישע פּראָפּאַגאַנדע האָט אָנגעפאַנגען באַגלייט צו ווערן מיט די קאַראַימישע געזעצן און פאָרמולעס פאַר לעבן און געזעלשאַפט.

דעבאַטעס זיינען פאָרגעקומען אין דער קרים צווישן רבנים און קאַראַימען. אין דרום רוסלאַנד און אין קאָנסטאַנטינאָפּל זיינען קאַראַימישע ווערק געשריבן געוואָרן. צום סוף האָט אהרן־בן־אליהו, וועמעס ביכער זיינען פאַררעכנט אַלס די אָטאָריטעטע וועגן דער קאַראַימישע סעקטע, צענטראַליזירט די קאַראַימישע ליטעראַטור. דערוייל איז אין ביזאַנטיע, די קאַראַימישע ליטעראַטור באַרייכערט געוואָרן, און מער צוזאַמענקונפטן צווישן רבנים און קאַראַימען זיינען פאָרגעקומען. אַנדערע רבנים האָבן געוואָלט אינקאָרפּאָרירן די קאַראַימען אין יידישן פאָלק.

די אָריענטאַלישע קאַראַימען זיינען באַזיגט געוואָרן דורך די

ווערק פון רמבם. ער האָט אויסגעראָטן קאַראַימישע מנהגים צווישען אומבאַקאַנטע יידן. די מערסטע פון די געוועזענע קאַראַימען זיינען איבערגעגאַנגען צו די רביניטן.

אַזוי פרי ווי דער 12טער יאָר הונדערט זיינען געווען קאַראַימען אין דרום רוסלאַנד. רבניטן און קאַראַימען האָבן זיך באַזעצט דאָרט; די קאַראַימען זיינען דאָרטן געשיקט געוואָרן אַלס קאָלאָניסטן פון אַ ליטווישן פּרינץ. די קאַראַימען קעמפנדיק קעגן די רבניטן האָבן געהאַלטן אַ קאָראַספּאָדענץ מיט אַנדערע קאַראַימען אין ביזאַנטיע. אַ סאַך באַוואוסטע ווערק זיינען דאָ באַשאַפן געוואָרן קעגן די רבניטן און אויך קעגן די קריסטן. די פריערדיקע קאַראַימישע ווערק זיינען אויך געדרוקט און פאַרשפּרייט געוואָרן. די קאַראַימישע ליטעראַטור איז אויך פאַרשפּרייט געוואָרן, געדרוקט אין רוסיש. די קאַראַימען האָבן געקראָגן פילע פּריווילעגיעס פון דער צאַרישער רעגירונג. אין 18טן און 19טן יאָר הונדערט זיינען די קאַראַימען אַרויסגעלאָזט געוואָרן פון צאָלן טאָפּלטע שטייערן. סוף־כל־סוף האָבן די קאַראַימען זיך אינגאַנצן אָפּגעזאָגט פון יידן און יידנטום. זיי האָבן אָראָפּגעוואָרפן פון זיך דעם נאָמען "עברים" און זיך גערופן די "רוסישע קאַראַימען." די רוסישע קאַראַימען האָבן געקראָגן די פולשטענדיקע רעכט פון רוסישע בירגער אין 1887 פון דעם אַנטיסעמיטישן מיניסטער ניקאָליי איגנאַטיעף. עס האָט די רבנישע יידן פאַרדראָסן די פאַסירונגען אין רוסלאַנד אין דער צייט, אָבער עס האָט אַ סך צוגעגעבן צו דער יידיש רבנישער ליטעראַטור. אין רוסלאַנד זיינען דאָ אַרום 10,000 קאַראַימען, און אין אַנדערע לענדער אַרום 2,000. קאַראַיזם איז געווען אַ ראַדיקאַלע פּראָטעסט באַוועגונג קעגן דער הערשאַפט פון די רבנים.

קאַראַיזם איז נישט דער רעזולטאַט פון פּערזענליכע אַמביציעס, אָבעם עס איז די רעאַקציע קעגן דעם תּלמוד. און זאָגן אַז די ביבל איז דער איינציקער קוואַל פון געזעץ, האָט עס געגעבן אַן אימפּעט צו באַנייען דעם ביבל־שטודיום. די שוואַכקייט איז געווען דער רעטראָגרעסיווער אויסקוק פון דער באַוועגונג,

נעמנדיק פאַרן פונדאַמענט די אַלטע סעקטע דאָקטרינען, איג־נאָרירנדיק די פּראָגרעסיווע עלעמענטן פון די רבנים. זיי האָבן זיך געהאַלטן ביים בוכשטאַב פון געזעץ. שפּעטער האָט קאַ־ראיזם אויפגענומען פיל רבנישע מינהגים. ביסלעכווייז האָבן אָבער די קאַראַימען פאַרלאָזט די יידן און זיינען געוואָרן אַן אַנ־דער פאָלק אין גאַנצן, מיט אַן אַנדערע שפּראַך ווי די שומרונים אַמאָל.

דער דורכפאַל פון קאַראַיזם באַווייזט אַז אין דער יידישער רעליגיע איז נישט מעגלעך געווען קיין סעקטעס און גרופּירונגען ווי ביי די קריסטן. ביי יידן איז רעליגיעזע פאָרמע און פאָלק געווען איינס.

▼

שולמית דאַלניק

משיח באַוועגונגען

ווען מען וויל פאַרשטיין אַן אידייע אָדער אַ פילאָזאָפיע דאַרפן מיר האָבן אַ קלאָרן באַגריף פון די טערמינען וועלכע שטעלן צו־זאַמען די מינדליכע און געשריבענע פילאָזאָפיע פון דער אידייע.

דאָס וואָרט משיח מיינט דער געזאַלבטער. מיט דער צייט האָט דער באַטייט.פון דעם וואָרט זיך געענדערט — דאָס וואָרט מיינט איצט דער דערלייזער, דער באַפרייער פון דער וועלט; און ניט נאָר דער באַפרייער, נאָר אויך מנחם חנינא, דער טרייס־טער אין די פינצטערע יאָרן פון דער יידישער געשיכטע, סיי אין ארץ ישראל און סיי אין גלות.

די אידייע פון משיח, און בכלל וועגן אַ נייער צוקונפט, איז געווען צום ערשטן אַ פּערסישע. יידן האָבן דער אידייע איינ־האַלט און געשטאַלט געגעבן.

די אַנדערע פעלקער האָבן זיך באַפרידיקט מיט אַ גלאָריפי־קאַציע פון זייער פאַרגאַנגענער געשיכטע. די יידן האָבן אויך געגלויבט אין אַ בראשית פון גאָט, אָבער זיי האָבן געלעבט

פאַר אַ קומענדיקער פרייער און בעסערער געזעלשאַפט. דער גלויבן אין משיח זינדערט אָפּ די יידן פון אַלע אַנדערע פעלקער. עס איז אפשר אויך אַ חוב פאַר יעדן יידן צו גלויבן אין משיח.

די משיח אידייע איז נ י ט אָפּהענגיק געווען פון אַ ספּעציעלן קלאַס, פּאַרטיי, געאָגראַפיע אָדער צייט — זי געהערט צו אַ ל ע יידן אין אַלע צייטן. זי איז געבוירן געוואָרן אין דער סביבה פון די נביאים, און האָט געקראָגן פ ל י י ש און ב ל ו ט דורך יידישער געשיכטע. די יידישע געשיכטע איז געווען דער רוקנביין פון יידישער אַנטוויקלונג דורך אַלע צייטן. דער יידישער גאָט איז נ י ט געווען אַ גאָט פון נאַטור — ער איז אַ ל ע מ אָ ל געווען אַ ג אָ ט פ ו ן ג ע ש י כ ט ע. און אָט די געשיכטע איז אַ טרייבינדיקער סימבאָל וואָס האָט דעם גאַנצן צעוויטיקטן שפּאַן יידישן לעבן אַנגעפילט מיט זין, און האָט עס געגעבן אַ ספּעציפישן אופן פון אויסדרוק. די גאַנצע יידישע פילאָזאָפיע איז געווען אַנטי־נאַטור. איינער פון אונדזערע ב אַ ר י מ ט ע נביאים האָט עס גוט אויסגעדריקט ווען ער האָט געזאָגט . . . „און עס וועט קומען אַ צייט ווען אַ וואָלף וועט לעבן מיט אַ שעפּס . . . ” די ווערטער אַליין באַווייזן אַז נ י ש ט נאַטור האָט באַהערשט דאָס יידישע דענקען, נאָר די אידייע פון ג ע ר ע כ ט י ק י י ט און ל י ב ע איז געווען וויכטיק. פונקט ווי יידישע געשיכטע ווערט היינט פאַרוואַנדלט אין לעגענדעס, אַזוי ווערט אויך די צוקונפט פאַרוואַנדלט אין ג ל ו י ב ן א י ן א צ י י ט ווען די יידישע צרות וועלן פאַרשווינדן, און די וועלט דערלייזונג וועט קומען. די מאָדערנע אידייע פון אַ משיח איז געקומען אַלס אַ רעזולטאַט פון די צרות און גזירות וואָס האָבן געפּייניקט יידן אין אַלע צייטן.

די משיח אידייע איז אַן אידעאַליסטישע, אָבער אין דער צייט פון שרעקלאַכע ליידן האָט עס געמיינט מאַטעריעלע, באַלדיקע הילף — אויסלייזונג פון זייער אָרעם לעבן. עס קען פאַרגליכן ווערן צו דעם אמת אין דעם פאַקט וואָס ווערט דערציילט — אַז פיל יונגע סטודענטן קענען נישט גענוי אָפּשאַצן דאָס וואָס זיי לערנען. די זאַך וואָס האָט די יידן געגעבן מ ו ט

אַנצוגיין מיט׳ן לעבן איז געווען ד ע ר ג ל ו י ב ן אין א מ ש י ח וואס וועט ברענגען שלום, ברידערליכקייט, און יושר צו דער וועלט. דער משיח האָט ק י י נ מ אָ ל נישט געמיינט אויסלייזונג פאַר אַן איינצעלנעם אָדער פאַר אַ גאַנצע גרופּע, נ אָ ר פ אַ ר ד ע ר ג אַ נ צ ע ר מ ע נ ט ש ־ ה י י ט. די באַוועגונג האָט זיך קריסטאַליזירט אין דער ווידער אויפלעבונג פון פּאַלעסטינע אַלס אַ קולטורעלער צענטער.

עס איז נאַטירלעך, אַז דורך שרעקלעכע ליידן זאָלן זיך געפינען מענטשן וועלכע זאָלן דענקען אַז זייער מיסיע אויף דער וועלט איז צו זיין משיחים. עס איז אמת אַז דער אידעאַל פון משיח האָט געפונען זיין שאַרפסטן און קלאָרסטן אויס־דרוק אין די אוניווערסאַלע לערע פון די נביאים. נאָר די נביאים האָבן זיך אַליין נ י ש ט פאַרגעשטעלט אַלס משיחים, אָבער זיי האָבן אויך געפריידיקט אַז עס וועט אַמאָל קומען אַ צייט ווען אויף דער וועלט וועט הערשן שלום און יושר, ווען פעלקער וועלן מער קיין מלחמות נישט פירן. זיי האָבן נישט געהאַלטן פון דער אויסערלעכער שיינקייט פון רייכטום, און דערפאַר איז פאַר זיי דער משיח געווען אַ סימבאָל פון אַסקעטישע אָרעמקייט, ערליכקייט, און אינטעליגענץ.

די מענטשן וואָס האָבן זיך פאַרגעשטעלט אַז ז י י זיינען דערלייזער זיינען נ י ש ט געווען פאַלש, נאָר ווייל זייערע מיסיעס זיינען נישט געווען דערפאָלגרייך, האָבן אַ סך פון זיי אנגעהויבן דורכפירן נאַרישע, שווינדלערישע און אומלאָגישע איינפירונגען. אפט מאָל האָבן זיי געפּרואווט אין גאַנצן אָפּווישן די אַלטע און טראַדיציאָנעלע יידישע געזעצן. עס איז נישט נויטיק צו זאָגן אַז די יידן האָבן זיי נישט לאַנג געהאַלטן פאַר אמת׳דיקע דערלייזער.

איך האָב נישט קיין צייט צו דערציילן אייך וועגן אַלע פאַלשע משיחים וואָס זיינען אויסגעוואַקסן אין יידישן גלות. לאָמיר נאָר דערמאָנען ד י וואָס האָבן געשפּילט אַ וויכטיקע ראָלע אין יידישער געשיכטע: שלמה מולכו איז געווען אַן ענטו־זיאַסטישער און אידעאַליסטישער פירער. דוד ראוביני, וועלכער האָט געלעבט אין דער זעלבער צייט, איז געווען אַ פּראַקטישער

דיפּלאָמאַט. עס זיינען געווען אַנדערע וויכטיקע פּערזאָנען וואָס האָבן מיט זיך פאַרגעשטעלט די משיח אידייע — יעזוס קריסטוס איז געווען דער ערשטער, און נאָך אים זיינען געקו־מען מענטשן ווי אברהום און שמואל אבולאַפיע. אָבער דער וואָס האָט געהאַט דעם שטאַרקסטן איינפלוס אויף יידן איז געווען שבתי צבי. זיין לעבן איז געווען טיפּיש פאַר דער ראָלע פון א פערזענלעכן משיח. זיין אונטערדריקונג האָט פאַר־שטאַרקט דעם גלויבן אין אים, און זיין איינפלוס. נאָך זיין טויט איז א באַוועגונג געגרינדעט געוואָרן אין זיין נאָמען, און אַנדערע משיח פּרעטענדענטן האָבן געפּריידיקט אין נאָמען פון שבתי צבי.

די לעצטע פון די יידישע פאַלשע משיחים איז געווען דער פּוילישער, יעקב לייבאָוויץ פּראַנק.

הינטער די גאַנצע רייע פון פאַלשע משיחים איז געשטאַנען די קבלה — וואָס איז געווען א מיסטישער באַגלייטער פאַר די מאַסן אין זייערע משיח באַוועגונגען.

איצט לאָמיר אריבערשפּרינגען צו די מער מאָדערנישע משיח באַוועגונגען. אין דעם נייַנצטן יאָר־הונדערט איז די משיח אידייע געענדערט געוואָרן צוזאַמען מיט דער אַנטוויקלונג פון עמאַנ־ציפּירטן ליבעראַלן יידנטום. די מאַסע איז איצט געווען אומגע־דולדיק, און האָט ניט געהאַט קיין צייט צו וואַרטן פאַר פּער־זענלעכקייטן צו אײַלן משיח׳ס קומען — דערפאַר האָבן זיי אָר־גאַניזירט זייערע אייגענע באַוועגונגען. סאָציאַליזם און רעפאָר־מירטע יידישקייט זיינען א פּאָר פון די אָרגאַניזאַציעס אין וועל־כע די יידן האָבן זיך באַטייליקט. אָבער זיי זיינען ניט ריין יידיש אין כאַראַקטער. איינע פון די סאַמע וויכטיקסטע ניי־יידישע משיח באַוועגונגען איז די אידייע פון ציוניסטישן סאָציאַליסזם— דער גלויבן איז, אז משיח וועט זיין שוין דאָ — אי פאַר די יידן, ווען זיי באַזעצן זייער אייגן לאַנד און האָבן א געזונטן גלות — און אי פאַר דער וועלט, ווען סאָציאַליזם וועט קומען .

די משיח אידייע איז געשריבן געוואָרן סיי אין רעליגיעזע און סיי אין סעקולאַרע ביכער. פון דער ביבל און נביאישע רייד דורך פּרץ׳ס ״גאָלדענע קייט״ און לייוויק׳ס ״דער גולם״ איז

די יידיש־העברייאישע ליטעראטור רייך מיט די משיח און אויסלייז אידייען.

מיר, אלס י י ד ן , און אַלס מ ע נ ט ש ן וואַרטן נאָך אויף משיח, אָבער מיר זיינען נאָך ניט גרייט פאַר זיין קומען. לאָמיר האָפן אַז אונזער וועלט — מאָראַליש, עטיש, גייסטיק און פיזיש וועט זיך אַזוי ענדערן אַז אונזער משיח וועט פון אונדז אליין געבראַכט ווערן.

▼

עוועלין וויינבערג

די חסידישע באַוועגונג

מיט דער חסידישער באַוועגונג בא יידן האָט פּאַסירט די זעלבע טראַגעדיע ווי מיטן קריסטנטום בא די גויעם. עס איז געבליבן דער שאָלאכץ, און דער גרעסטער טייל פון דער יאָדרע איז פאַר־וואָרפן געוואָרן.

ווי באַוואוסט איז דאָס קריסטנטום, ווי ער איז געפּריידיקט געוואָרן פון זיין באַשאַפער אין זיינע ערשטע האָניק יאָרן, גע־ווען א נאָבעלע פאָלקס לערע. מיר וועלן נעמען צום ביישפּיל אייניקע פון זיינע גרונט פּרינציפּן. די אָפּנייגונג פון געוואַלד אקטן, ווי אַז ווען איינער גיט דיר אַ פּאַטש אין באַק, שטעל אונטער די צווייטע; אָבער ווי דער געדאַנק, די אפּנייגונג פון שטראָף קעגן זינד און פאַרברעכן, ווען איר באַגעגנט א זינדיקן מוז דער ערשטער געדאַנק זיין אַנשטאַט אים צו באַשטראָפן זיך צו פרעגן איז ווער פון אונדז ריין פון זינד, אז מיר זאלן זיין די ריכטער. איז ווען די גויעשע וועלט וואָלט זיך געפירט נאָך די אויבן אויסגערעכנטע כללים וואָס דער באַגרינדער פון קריסטנ־טום האָט אזוי ליידנשאַפטלאך געלערנט זיינע תלמידים און נאָכפאָלגער, וואָלט אונדזער וועלט געהאַט איצט גאר אנאנדער פּנים.

די איצטיקע שרעקלאכע וועלט מלחמה, צוזאמען מיט די אלע פריערדיקע מלחמות פון די לעצטע 19 הונדערט יאָר וועלכע

זיינען אנגעפירט געווארן אין גרעסטן טייל פון קריסטן קעגן קריסטן, און פון קריסטן קעגן אנדערע רעליגיעזע גרופעס, איז זיכער דער גרעסטער ווידערשפרוך צו די לערע פון קריסטנטום ווי עס איז געפריידיקט געווארן פון קריסטוס'ן.

דאָס זעלבע קען געזאגט ווערן וועגן חסידיזם, נאָר אין א קלע־נערע מאָס. דער חסידיזם וואס איז פארבליבן איצט און וואָס איז פּראַקטיצירט געווארן אין די לעצטע 50 אדער 75 יאָר, איז בלויז א שאָטן פון דעם חסידיזם וואָס איז פאָרמולירט און גע־פריידיקט געווארן פון זיינע גרינדער, ר' ישראל בעל שם טוב, ר' דוב בער מעזריטשער, ר' לוי יצחק בערדיטשעווער, רב שניאור זלמן, ר' נחמן בראַסלאַווער. איך בין ווייניק באקאנט מיט די היינטיקע חסידים, אָבער דאָס וואס איך האָב געלערנט וועגן דעם חסידיזם פון ר' ישראל בעל שם טוב, אז דער בעסטער וועג צו דינען גאָט איז דורך ליבן מענטשן, ליבן גאָט, און טאָן גוטעס, איז גאָר ווינציק ענלאך צום חסידיזם וואָס מיין טאַטע האָט מיר דערציילט ווי עס האָבן אים פּראקטיצירט די חסידים אין זיין שטעטל, מיטן כאַפּן לאָקשן און ברעקלאך פון דעם רבינס באָרד. אויך איז גאר ווינציק שייכות פאַראַן צווישן דעם חסידיזם פון ר' דוב בער מעזריטשער, אז גאָט לעבט אין מענטשן אזוי גוט ווי אין דער נאַטור און דורך פאַרשענערן זיך און פאַרבעסערן זיך דינט מען גאָט, מיט דעם חסידיזם פון היינט דאָס דער רבי איז אַלץ, דאָס פאר א פדיון קאָן מען ביי אים אלץ דערגרייכן, און געוויינטלאך וואָס גרעסער דער פדיון אלץ מערער קען ער בײַ גאָט ארויסקריגן. נאָך פיל ווינציקער ענלאכקייט איז דאָ צווישן דעם חסידיזם פון די רביים פון דער לעצטער עפּאָכע מיט זייערע הויפן, וועלכע זיינען געווען, מיט קליינע אויסנאַ־מען, כמעט מיניאטור קעניגרייכן אָנגעפּאַקט מיט רייכקייט און לוקסוס, אין פאַרגלייך מיט דעם חסידיזם פון לוי יצחק בערדי־טשיווער, וועלכער איז געווען אן אמת'ער פאָלקס מענטש, זיך קיין מאָל ניט אפּגעגעבן מיט זיך, געווען שטענדיק פאַראינטע־רעסירט אין באַווייזן גאָט וואס פאר א פיין, גוט, ליב פאָלק די יידן זיינען. מען קאָן אויך ווינציג צוגלייכן דעם חסידיזם פון די אויגן־גלאַציקע היינטיקע רביים מיט דעם חסידיזם פון ר'

שניאור זלמן, וועלכער האָט ניט געהאַלטן דאָס דער רבי אָדער צדיק איז אַן איבערמענטש, אַ מופתניק, נאָר גאָר פּשוט אַ לערער און וועג־ווייזער, וועלכער דאַרף פּאַרטייטשן געטלאַכע אידייען און טאַקע אויך טאָן גוטע פּראַקטישע אַרבעט צווישן פאָלק. עס איז אויך גאַנץ שווער צו געפינען ענלאַכקייט צווישן דעם היינטיקן חסידיזם מיט דעם חסידיזם פון ר׳ נחמן בראַצלאַווער, וועלכער האָט געפּריידיקט צו דינען גאָט דורך דער נאַטור. די נאַטור דערוועקט הייליקייט און איבערהויפּט דאָס וויכטיקסטע איז דאָס האַרץ. דער מענטש דאַרף זיין האַרציק גוט, פרייליך און ניגונדיק, און אַ ניגון דאַרף זיין הייליק מיט התלהבות און הייליקייט. געוויינלאַך עס זיינען היינטיקן טאָג מיסתמא אויך ־אַ אויסנאַמען צווישן די חסידים און פיליכט אויך רביים, אָבער זייער צאָל איז ווייניק.

נו, איצט וועל איך פּרובירן איבערגיין צו דער היסטאָרישער זייט פון חסידיזם, זיין גרינדונג, זיין ווירקונג אָפן יידישן לעבן פון יענער צייט און אויך די אורזאַכן וואָס האבן געווירקט אז ער זאָל געשאַפן ווערן. איך זאָג די אורזאַכן וואָס האָבן אים גע־בראַכט צום לעבן, ווייל איך האַלט דאָס כמעט אלע פּאַסירונגען אין לעבן האָבן זייערע אורזאַכן. קיין זאַך פאַלט ניט אַראָפּ פון הימל. ספּעציעל איז דאָס ריכטיק אין באַצוג צו פּאַרטייען און באַוועגונגען. איז אז מיר וועלן זיך באַקאַנען מיט דער עפּאָכע ווען דער חסידיזם איז געקומען צום לעבן וועלן מיר קאָנען ביז צו אַ געוויסן גראַד דערגיין די אורזאַכן וואס האבן אים ארויס־גערופן צום לעבן.

דער אָנפאַנג פון חסידיזם איז געווען אין דעם ערשטן האַלב פון 18טן יאָר הונדערט. אין דעם מיטן פון 17טן יאָר הונדערט האָבן יידן אַדורכגעלעבט איינע פון די שווערסטע פּעריאָדן פון דער יידישער געשיכטע. די שטיקל צייט וועלכע איז באַוואוסט אלס ״כמעלניצקי׳ס צייטן״ אָדער די גזרות תח ו״תט.

כאָטש יידן האָט זיך קיין מאָל צו גוט ניט געלעבט אין די גלות לענדער, האָבן זיי אָבער אין כמעלניצקעס צייט אַדורכ־געלעבט שרעקלאַך גרויזאַמע און פינסטערע טעג, וואָכן, חדשים און יאָרן. די גזירות תח ותט האָבן אָנגעהאַלטן פון דעם יאָר

1648 ביז 1657. גאַנצע יידישע געמיינדעס זיינען פּאַגראָמירט און אויסגעהרגעט געוואָרן און פילע פון די וואָס זיינען איבער־געבליבן, ספּעציעל די שיינע יידישע מיידלאַך, האָט מען גע־צוואונגען זיך שמאַדן און זיי גענומען פאַר ווייבער. איז עס גע־ווען גאַנץ נאַטירלאַך דאָס אין אַזוינע שווערע צייטן האָבן יידן געדאַרפט האָבן עפּעס וואָס זאָל זיי שטאַרקן, דערמוטיקן און אנהאַלטן ווייער גלויבן און האָפנונג. האָט זיך דער משיח געדאַנק שטאַרק פאַרשפּרייט און געוואַקסן צווישן די יידן. יידן האָבן ניט נאָר געגלויבט, נאָר זיי זיינען געווען זיכער אַז משיח קומט , די גאולה איז גאָר נאָענט, באַלד וועט דאָס גאַנצע יידישע פאָלק באַפרייט ווערן און אויסגעלייזט ווערן פון זיינע צרות און ליידן. און עס האָט זיך טאַקע צווישן די יידן באַוויזן אַ מענטש וואָס האָט געגלויבט, אַז ער איז דער דערלייזער, דער משיח, דאָס איז געווען יעקב פראַנק.

פּונקט אַזוי ווי אין שפּאַניע, אין די צייטן פון די מאַראַנען, ווען יידן האָבן אַדורכגעלעבט שווערע, פינסטערע טעג און יאָרן, האָט זיך באַוויזן אַ משיח אין דער פּערזאָן פון שבתי צבי.

און טאַקע ווי פון שבתי צבי'ס משיחיזם איז גאָר ניט געוואָרן אַזוי אויך האָט זיך אויסגעלאָזן מיט יעקב פראַנק. ער איז שנעל פאַרשוואונדן געוואָרן פון יידישן לעבן. און יידן זיינען ווידער געבליבן אַנטוישט און האָפענונגסלאָז. און זיי האָבן זיך שטאַרק געגוויטיקט אין עטוואָס וואָס זאָל זיי העלפן שלעפּן דעם שווערן יאָך און אַריבערטראָגן די צרות. און דאַן האָט זיך באַוויזן דער חסידיזם, וועלכער איז געקומען ווי אַ דערלייכטערונג און טייל־ווייזע דערלייזונג. דער חסידיזם האָט דערנענטערט דעם הימל צו דער ערד. דער ערשטער באַגרינדער פון חסידיזם איז געווען דער בעל שם טוב. ער האָט געלערנט דאָס גאָט דאַרף מען דינען ניט בלויז מיט דאַוונען נאָר מיט מענטשלאַכקייט און מיט גוטס־קייט. ער האָט געלערנט דאָס גאָט איז אין אַלעס, אין די פעל־דער, אין די בוימער און אין די גראָז און אויך אַלץ וואָס רינגלט אינז אַרום. און דאָס פאָלק האָט אים געגלויבט און פאַרהערליכט.

דער צווייטער באַגרינדער פון חסידיזם ,אַ נאָכפאָלגער פון

בעל שם טוב, איז געווען ר׳ דוב בער מעזריטשער. ער האָט פּינקט ווי זיין רבי דער בעל שם טוב, געבויט זיין חסידיזם אָף דער פאַרבינדונג צווישן גאָט און נאַטור און דאָס גאָט לעבט ניט נאָר אין דער נאַטור נאָר אויך אין מענטש. נאָכן טויט פון ר׳ דוב בער מעזריטשער איז דער נייער פירער פון חסידים געווארן ר׳ לוי יצחק בערדיטשעווער, איינער פון די באַליבסטע און פּאָפּולערסטער פירער פון חסידיזם. ער האָט געטאָן אַלץ צו באַווייזן גאָט, אַז דאָס יידישע פאָלק איז ריין, גוט און הייליק. עס ווערט דערציילט אז ער פלעגט גיין מיט אַ ליכט און זוכן אונטער די בענקלאך אין שול און ריידן מיט גאָט און אים באַווייזן אז קיין שיכורים געפינען זיך דאָרטן ניט.

נאָך אַ פּאָר גרויסע פירער פון חסידיזם זיינען געווען ר׳ שנייאור זלמן און ר׳ נחמן בראַצלאַווער. איבערהויבט וואָלט מען זיך געדאַרפט אָפּשטעלן אויף ר׳ נחמן בראַצלאַווער, ווייל איך דענק אז ער איז געווען פון די גאָר גרויסע פירער פון דעם חסידיזם, אן אור־איניקל פון בעל שם טוב, איז ער געווען זיין אמת׳ער נאָכפאָלגער. און ווי דער בעל שם טוב האָט ער געפּרידיקט צו דינען גאָט דורך דער נאַטור און מיט הארץ און ליבע. איך וואָלט אויך געדאַרפט דערמאָנען די בארימטע מעשות פון ר׳ נחמן בראַצלאַווער, וועלכע זענען געווען פול מיט קאָליר, פאַנטאַזיע, און וואונדערליכע געשעענישן. איך וואָלט זיך אויך געדאַרפט אפּשטעלן אָף דעם שטאַרקן קאַמף וואָס איז אָנגעגאַנגען פאַר לאַנגע יאָרן צווישן די מתנגדים און חסידים. נאָר מיין אָפּהאַנדלונג האָט זיך שוין אזוי אויך צולאַנג פאַרצויגן, און איך וועל בלויז פאַרענדיקן מיט דעם געדאַנק דאָס דער חסידיזם אויסער וואָס עס איז געווען אַ רעליגיעזע באַוועגונג איז דאָס געווען אַ פאָלקס באַוועגונג, וועלכע האָט באַרייכערט די יידישע ליטעראַטור מיט אירע מעשיות. חסידישע מעשיות האָבן באַרייכערט די יידישע שפּראַך און חסידישע ניגונים האָבן באַרייכערט דעם יידישן גייסט און פאַרלענגערט זיינע שבתים און יום טובים.

דער חסידיזם איז געווען אַ רעוואָלט פון דעם פשוטן יידן

קענען לומדות. דער חסידיזם האָט געלערנט, אז מען קאָן דינען גאָט ניט מיטן קאָפּ, נאָר מיטן הארץ. דער חסידיזם האָט צוגע־גרייט דעם באָדן פאַר די דעמאָקראַטישע און פּראָגרעסיווע באַוועגונגען סוף 19טן יאָר הונדערט.

▼

פּעסי געלער

די השכלה באַוועגונג

די השכלה באַוועגונג שטעלט מיט זיך פאָר דעם אָנפאַנג פון א באַוועגונג צווישן יידן אין דייטשלאַנד וואָס האָט זיך פאַר־שפּרייט אין מזרח אייראָפּע אין דעם לעצטן טייל פונם 18טן יאָר הונדערט. עס איז געווען א באַוועגונג אויפצוגעבן דאָס געטאָ לעבן, כדי צו קאָנען זיך באַקאָנען מיט דער וויסנשאַפט, מאַניערן און אַספּיראַציעס פון דער אַרומיקער וועלט.

דאָס וואָרט השכלה מיינט וויסנשאַפט אָדער פארשטענדעניש. אין דעם מאָדערנעם זין האָט עס באַדייט אויפקלערונג, ליבעראַ־ליזם. אין אמת'ן האָט עס געמיינט דער שטודיום פון העברעאישע ליטעראַטור. אנשטאָט תלמוד האָבן זיי געלערנט מאָדערנע גע־גנשטאַנדן (אגריקולטור און מלאכות צווישן יידן). די אָנהענ־ער פון דער באַוועגונג האָט מען גערופן משכילים.

יידישקייט אין יענער צייט איז געווען גייסטיג דערשעפּט. די צאָל יידן אין דייטשלאַנד איז געווען זייער קליין, און דערצו־נאָך זיינען זיי געווען צעשפּרייט אין קליינע קהילות איבערן גאַנצן לאַנד. דייטשלאַנד (אין יענער צייט) איז געווען צעטיילט אין דריי הונדערט קליינע פּראָווינצן, יעדערע פון זיי האָט גע־האַט אייגענע געזעצן און פאַראָרדנונגען וועגן יידן. פאָלגלעך איז אן ארגאַניזירט יידיש לעבן ניט געווען מעגלעך.

דערצונאָך האָבן די אַלטע פאַרפאָלגונגען אויסגעשעפּט זייערע גייסטיקע כחות א.קאַדעמיעס זיינען אונטערגעגאַנגען דורך דעם וואָס ס'איז געווען זייער ווייניק סטודענטן און חכמים דאָרט.

געלערנטע האָט מען אימפּאָרטירט פון אַנדערע לענדער. די עקאָ־נאָמישע און פּאָליטישע לאַגע איז ניט געווען בעסער. די דיסקרימינאַציס קעגן יידן זיינען געווען גרויס. זיי האָבן בלויז געמעגט וואוינען אין באַגרענעצטע ערטער און ארבעטן אין באַ־שטימטע פאַכן. שטייערן זיינען געווען מער ווי גענוג. נאָר אַ פּאָר פּריווילעגירטע יידן, שוטץ־יידן, האָבן געמעגט וואוינען אין די שטעט. יידן איז ניט דערלויבט געווען קויפן לאַנד אָדער זיך באַשעפטיקן מיט ערד־אַרבעט.

די דיסקרימינאַציעס האָבן זיך איינגעגעסן אין די הערצער און געמיטער פון פיל יידן; אַ צאָל פון זיי האָבן געוואָלט אַרונ־טערוואַרפן דעם שווערן יאָך. זיי האָבן געוואָלט בייטן אַלע וועגן פון יידישען לעבן.

אַ באַשטימטע גרופּע יידן זיינען בייגעקומען די שוועריקייטן און האָבן אָנגעזאַמלט אַ סך רייכטום, אַלס געלט־הענדלער און הויף־אַגענטן. אין בערלין זיינען די נעמען פון וויטעל, איציג, און העלפמאַן באַרימט אין דעם האַנדל און אינדוסטריע.

אויך דורך די טויערן פון דער געטאָ האָבן אריינגעדרונגען די געדאַנקען און אידייען וועלכע האָבן אינספּירירט די פראַנ־צויזישע רעוואָלוציע. פיל פון דער יוגנט האָבן אויפגענומען דאָס קול. די רייכע יידן האָבן געשיקט זייערע קינדער אין אוניווער־סיטעטן און גימנאַזיעס, אַנשטאָט חדרים און ישיבות. דורך אַזאַ דערציאונג האָבן זיי פאַרלאָרן די נויטיקע ליבע צו זייער פאָלק און זיינען אָפּגעריסן געוואָרן פון יידן.

פונדעסטוועגן. האָבען די ארומיקע גויעם זיי ניט אנערקענט אַלס גלייכע בירגער, זייער פיינטשאַפט צו יידישקייט איז גע־וואָרן שטאַרקער. אַ טייל פון די יידן האָבן זיך געשמד.

אַלס אַ וועג צו באַקעמפן די שמד, האָט אויפגעבליט די השכלה באַוועגונג. פיל האָבן געטראַכט אז די יידישקייט פון אַמאָל מוז זיך בייטן און זיך צופּאַסן צו די נייע אומשטענדן.

דער הויפּט פירער פון וועלכן די באַוועגונג האָט געקראָגן אינספּיראַציע איז געווען משה מענדלזאָן, אַ זייער געלערנטער ייד. ער איז געווען אַ גרויסער למדן און אַ פילאָזאָף. אַ חוץ דעם איז ער אויך געווען אַ פיינער קענער פון דער דייטשער

שפּראַך. ער האָט איבערגעזעצט דעם תנ״ך אויף דייטש און גע־מאַכט דערקלערונגען אויף די ביבלישע טעקסטן. דורך דעם האָבן פיל יונגעלייט זיך אויסגעלערנט דייטש און האָבן שטוד׳רט די ווערק פון העגעל, שילער, לעסינג, געיטע, און אַנדערע דייט־טשע פילאָזאָפן און דיכטער. ער איז געווען א פריינט פון לע־סינג — איינער פון די גרעסטע יידן פריינט. מענדעלסאָן איז געוואָרן א וויכטיקע פילאָזאָפישע פיגור אין דייטשלאַנד. דאָס האָט געהאָלפן אים געבן פּרעסטיזש צווישן יידן.

אויך א וויכטיקע פערזענליכקייט אין דער דייטשישרע השכלה איז געווען הארטוויג וועסערלי. ער האָט געשריבן פיל ביכער און פאַמפלעטן וועגן השכלה. יידן איבעראַל האָבן אים פאַר־דאַמט. אָבער דאָ און דאָרט האָט ער געפונען פריינט צווישן די דייטשישע געלערנטע און רבנים פון איטאַליע. די קעמפער פאַר דער העברעאישער שפּראַך האָבן געגרינדעט אַן אָרגאַני־זאַציע און האָבן געדרוקט א העברעאישן זשורנאַל מיט דעם נאָמען המאסף.

אין דייטשלאַנד איז דער ערשטער דור השכלה אויך געווען דער לעצטער. יידן וועלכע האָבן געהאַט די מעגלעכקייט זיינען געוואָרן אַקטיוו און פּראָמינענט אין דעם סאָציאַלן און אינטע־לעקטועלן לעבן פון דייטשלאַנד. די פריינט פון העברייאיש, וועלכע האָבן באַלד פאַרלאָרן אינטערעס אין העברייאיש, האָבן געביטן זייער מיינונג און האָבן אַזויערנאָך געצייכנט דעם אי בערגאַנג פון פיל אינטעלעקטועלע דייטשישע יידן פון השכלה צו אַסימילאַציע, און אין פיל פאַלן צו שמד.

די השכלה האָט זיך איבערגע׳חזר׳ט אין די אַנדערע לענדער וואו יידן האָבן געלעבט, אָבער אין פאַרשיידענע אַנדערע פאָר־מען. אין געגנטן פון גאַליציע זיינען די אומשטענדן געווען פיל אַנדערש. די שפּראַך פון די אַרומיקע האָט ניט געהאַט קיין שום שייכות צו דעם יידישן לעבן, און די קולטור זייערע איז געווען אויף אַ פיל נידעריקער שטופע אין פאַרגלייך מיט דער יידישער קולטור. די יידן האָבן געלעבט אין גרויסע, פיין־אָרגאַניזירטע קהלות וואו זיידן זיינען געווען אין דער מערהייט. די אָרעמקייט

צווישן די מאַסן האָט זיי געמאַכט פאַרגעסן, אָדער ניט באַמערקן די פיינערע זאַכן אין לעבען, און אַלע מאָל האָבן זיי אָנערקענט אַז זיי וועלן קיינמאָל ניט ווערן גלייך מיט אַנדערע פעלקער. דעריבער האָבן זיי געפונען טרייסט אין דער מיסטיק פון דעם חסידיזם און די פירערשאַפט פון צדיקים. אַז זיי האָבן זיך דער־וואוסט וועגן דעם טאָלעראַנץ עדיקט, וואָס האָט זיי באַפוילן זיך צו אַסימילירן האָבן זיי פאַרדעכטיקט אַז אין אמת'ן מיינט עס זיך שמד'ן. גיין אין די רעגירונג שולן איז געוואָרן אַ גזרה פונקט ווי שמד'ן זיך.

אָבער אין אַזעלכע שטעט ווי לעמבערג און בראָד זיינען דווקא יאָ שולן געגרינדעט געוואָרן. העברייאישע צייט־שריפטן זיינען געדרוקט געוואָרן אין ווין, לעמבערג און אַנדערע ערטער. זיי זיינען געווען פיין געשריבן. די שרייבער און לערער זיינען געווען הויך געלערנטע מענטשן, פירער אין דער געזעלשאַפט.

אין רוסלאַנד אָבער איז דער פּראָגרעס פון דער השכלה געווען פיל אַנדערש, אַ דאַנק אַנדערע אומשטענדן. די עקאָנאָמישע לאַגע פון יידן אין רוסלאַנד איז געווען פונקט אַזוי שלעכט ווי אין עסטרייך. אָבער קולטורעל זיינען זיי געווען אויף אַ פיל העכערן מצב, באַזונדערס אין ליטע. ביז דער צייט ווען די רע־גירונג האָט גענומען צווינגען יידן אויפצונעמען די השכלה זיינען זיי ניט געווען פיינטלעך צו דעם שטודיום פון וועלטליכע וויסנשאַפטן. פיל פון די רבנים זיינען נישט געווען קעגן דעם. פאַר דער צייט פון די משכילים האָבן יונגע תלמודיסטן געלערנט אין די אוניווערסיטעטן פון דער וועלט; אייניגע זיינען געווען באַהאַוונט אין פיל שפּראַכן, ווי דייטש, ענגליש, פראַנצויזיש, לאַטיין, און זייער שטאַרק אין העברייאיש. צווישן זיי זיינען געווען דיכטער, שפּראַך־קענער, פילאָזאָפן און דאָקטוירים. עט־ליכע פון זיי ווי שלמה דובאָ, ישראל משה, מענדל לעווין, און שלמה מיימאָן זיינען געווען וואַרימע פריינט פון משה מענ־דעסאָן און האָבן צוגעגעבן פיל צו די מעספים. דער ווילנער גאון האָט (צוגעגעבן) אַז וועלטליכע וויסנשאַפט איז וויכטיק אין דעם לערנען פון תלמוד. ער האָט אליין געשריבן אַרטיקלען וועגן דקדוק, געאָמעטריע און אַסטראָנאָמיע.

ווען אלעקסאנדער דער ערשטער איז געקומען צו דער מאכט האט ער געהאט ליבעראלע מיינונגען וועגן יידן. פיל יידן האבן געהאפט אז דורך אים וועלן זיי קריגן גלייכע רעכטן. צום ערשטן מאל, אין דעם יאר 1811, זיינען אוניווערסיטעטן געווען אפן פאר יידישער יוגנט צו שטודירן פאר די פארשידענע פראפעסיעס. לאבאראטאריעס און שולן זיינען געעפנט געווארן כדי אויפצוקלערן די מאסן. אנדערש פון די משכלים אין דייטשלאנד האבן זיי גענוצט סיי העברייאיש און סיי יידיש אלס א מעטאדע פון אויפקלערונג.

צום באדויערן אבער, האט אלעקסאנדער זיך ארויסגעוויזן אלס א שונא פון יידן. זיין פלאן איז ניט געווען אויפצוקלערן יידן, נאר זיי מאכן פאר אויס־יידן. נעמען יונגע לייט אין מיליטער דינסט און קאלאניזירן יידן אין סיביר זיינען געווען א פאר פון זיינע מעטאדן. ווען דר. ליליענטאל האט צוגעשטימט צו דעם געדאנק פון רוסיפיקאציע, האבן יידן אים אזוי באפאלן, אז ער האט באלד פארלאזט רוסלאנד קיין אמעריקע. די שטארקע רעאקציע וואס איז דורך אים ארויסגערופן געווארן האט נקמה גענומען אין דער השכלה באוועגונג. דאס ליינען א העברייאישן ביך איז געווען אפיקורסות. סיי מתנגדים און סיי חסידים האבן זיך פאראייניקט קעגן זייער געמיינשאפטלעכן שונא, השכלה. אזויערנאך האבן די שולן וואס די משכלים האבן אויפגעבויט, דורך דער אינספעראציע פון לעווינסאן, דער מענדעלסאן פון דער רוסישער השכלה, אונטערגעגאנגען. דאס איינציקע גוטס וואס די השכלה האט אויפגעטאן איז די גרינדונג פון א געזעלשאפט פאר דער פארשפרייטונג פון קולטור צווישן יידן, און דאס ווידעראויפבליען פון דער ניי־העברייאישער ליטעראטור, אי שרייבן, אי ליינען.

די בונדישע און ציוניסטישע באוועגונגען זיינען פון פיל באטראכט געווארן אלס אן ארויסוואוקס פון דער השכלה באוועגונג.

די השכלה האט בלי שום ספק באריכערט דאס יידישע לעבן, אריינגעבראכט פרישע לופט, נייע אידייען און אן אינטעלעקטועלן שטוים.

נעמי גינזבורג

נאַציאָנאַלע באַוועגונגען ביי יידן

דער אָנהויב 80־קער יאָרן פון פאָריקן יאָר הונדערט דאַרף באַצייכנט ווערן אַלס איינער פון די וויכטיקסטע ווענדפונקטן אין יידישן לעבן. די פּאָגראָם־כוואַליע, וואָס האָט אין 1881 פאַרפלייצט א גרויסן טייל פון יידישן תחום, האָט גרינטלעך צעטרייסלט די יידישע געמיטער, איבערהויבט די געמיטער פון דער יידישער אינטעליגענץ, ביי וועמען זי האָט אַרויסגערופן א ראַדיקאַלן, גייסטיקן, און געזעלשאַפטלעכן איבערבראָך. צער און צאָרן האָט זיך צונויפגעגאָסן מיט גלויבן און האָפענונג, מיט מוט, מונטערקייט, און געוואַגטן אויפטו. עס האָבן זיך אנגעהויבן אויסשפרייטן נייע, הגם גאַנץ נעפלדיקע נאַציאָנאַלע האָריזאָנטען. פיל הערצער זיינען פאַרכאַפּט געוואָרן פון גאולה־טרוימען. מען האָט אנגעהויבן זוכן א מקום מקלט. איינע פון די אידעאָלאָגישע אימיגראַנטן איז געווען די בילו גרופּעס, וואָס האָבן מיט זיך פאָרגעשטעלט א רינג אין דער חיבת־ציון באַוועגונג. דאָ האָט מען זיך געלאָזן צו די אוראַלטע געשיכטלעכע קוואַלן, מ׳האָט אויפגענומען שטרעמונגען און מאָטיוון, וואָס זיינען טיף פאַרוואָרצלט אין יידישן געשיכטלעכן לעבן. די בענקשאַפט נאָך ארץ ישראל, דער טרוים וועגן גאולה, וועגן אויסלייזונג פון גלות—דאָס זיינען דאָך מאָטיוון, וואָס כמעט די גאַנצע יידישע געשיכטע פון נאָכן חורבן ביז דער עמאַנסעפּאַציע תקופה איז געווען דורכגעוועבט מיט זיי. די ניי אויפקומענדיקע נאַציאָנאַלע באַוועגונג האָט בלויז אין נייעם אַריינגעבראַכט אין איינקלאַנג מיט׳ן כאַראַקטער פון דער נייער צייט, מיט די באַדינגונגען פון מאָדערנעם לעבן. זי האָט די אַלע מאָטיוון, וואָס האָבן געטראָגן א רעליגיעז־מיסטישן כאַראַקטער, געשטרעבט צו פאַרוועלטלעכן, פאַרקערפּערן אין בלוט און פלייש פון עקאָנאָמישע און פּאָליטישע מעשים.

אין די לעצטע צענדלינגער יאָרן פון פאָריקן יאָר הונדערט האָט די אַנטיסעמיטישע באַוועגונג אויפגעבליט אין מערב־

אייראָפּע, ניט בלויז אין די קלאַסישע לענדער פון אַנטיסעמי־טיזם — דייטשלאַנד און עסטרייך־אונגאַרן — נאָר אויך אין פראַנקרייך, וואו דער באַרימטער דרייפוס פּראָצעס האָט אויפ־גערודערט דאָס לאַנד און כמעט די גאַנצע וועלט. אויף געוויסע קרייזן פון דער יידישער אַסימילירטער אינטעליגענץ אין מערב־אייראָפּע האָט דאָס געהאַט אַ דערשיטערנדיקע ווירקונג און אַרויסגערופן ביי זיי אַ ראַדיקאַלע "איבערשאַצונג פון ווערטן". אין ענלעכע צו דער, וואָס איז פאָרגעקומען מיט אַ טייל פון דער יידישער אַסימילירטער אינטעליגענץ אין רוסלאַנד נאָך די פּאָג־ראָמען פון 1881. דעם שטאַרקסטן אויסדרוק האָט עס געפונען ביי דעם מענטשן, וואָס אַט דער גייסטיקער איבערבראָך האָט דורכגענומען זיין גאַנצן וועזן, ביי דר. טעאָדאָר הערצל.

אין 1895 שרייבט ער זיין בוך "דער יידנשטאַט", וואו אומ־אָפּהענגיק פון דר. פּינסקער און משה העס, מיט זייערע ביכער "אויטאָ־עמאַנסיפּאַציע" און "רוים און ירושלים", קומט ער צום זעלבן אויספיר, אַז אַסימילאַציע קאָן ניט געבן די לייזונג פון דער יידן פראַגע און בכן "איז פאַר יידן ניטאָ קיין אַנדער אויס־וועג און רעטונג, ווי נאָר זיך אומקערן צו דער אייגענער נאַציע און זיך צוריק באַזעצן אין אַן אייגן לאַנד."

הערצל'ס ערשטער גרויסער אויפטו איז געווען, וואָס ער איז גלייך צוגעטראָטן צו רעאַליזם, דאָס צונויפרופן אַ יידישן וועלט־קאָנגרעס, וואָס זאָל פאַר דער ברייטער עפנטלעכקייט פון דער גאַנצער וועלט פייערלעך פּראָקלאַמירן די אידעע פון יידישער נאַציאָנאַלער אויפלעבונג אין אַן אייגן לאַנד און וואָס וועט ווערן די רעפּרעזענטאַטיווע קערפּערשאַפט פון דער פאָלקס־באַוועגונג, וואָס זאָל די אידעע פאַרווירקלעכן אין לעבן. דאָס האָט צוגעצויגן צו זיך די ברייטע געזעלשאַפטלעכע אויפמערק־זאַמקייט, און פון איין זייט געשאַפן, דער עיקר צווישן די נאַ־ציאָנאַל ־ געשטימטע קרייזן, באַגייסטערטע אָנהענגער און, פון דער אַנדערער זייט, געוואָרפן עפּעס אַ מין פּחד און אַרויסגערופן די שאַרפע קעגנערשאַפט, איבערהויבט מצד געוויסע בורזשו־אַזע קרייזן און פון דער שטאַרק אַסימילירטער אינטעליגענץ.

ציוניזם, צעירי ציון, די פּועלי ציון און ס"ס האָבן איינגע־

שלאָסן אין זיך די איבערוועגנדיקע מערהייט פון די יידישע נאַ־ציאָנאַלע געשטימטע ארבעטער און אינטעליגענץ. אויך זיי זיינען ארויסגעגאַנגען פון דעם קאָנסעקווענטן טעראַטאָריאַליס־טישן פרינציפּ — זיי האָבן אָבער געהאַלטן, אַז פּאַלעסטינע איז די איינציקע מעגלעכע און צוגעפּאַסטע טעריטאָריע פאַר דער פאַרווירקליכונג פון טעריטאָריאַליזם. בראש פון אָט דער אָר־גאַניזאַציע האָט זיך געשטעלט בער באָראָכאָוו. ער איז געווען דער אידעאָלאָג פון סאָציאַליסטישן ציוניזם.

די ווירקונגען און דער כסדרדיקער וואוקס פון דער ציוניס־טישער אידייע אויף דער ברייטער און פאַרצווייגטער יידישער געזעלשאַפטלעכקייט האָבן געבראַכט דערצו אז די אידייען האָבן ביסלעכוויז אַנגעהויבן אריינדרינגען אויך אין יענע ספערעס פון אָרטאָדאָקסישן יידנטום וואָס זיינען תמיד געווען ווייט פון די נייע יידישע געזעלשאַפטלעכע שטימונגען. ווי אַ דירעקטער שטוים קראַפט האָבן דאָ געווירקט דער וואוקס און פאַרשפּרייטונג פון דער ציוניסטישער באַוועגונג, דער עיקר פון איר רעליגיעזן טייל, אין דער קאָלאָניזאַציע פון ארץ ישראל. דאָס אַלץ האָט געשאַפן פאַר דער יידישער אָרטאָדאָקסיע אַ נייע סיטואַציע און ארויסגערוקט פאַר איר אַ רייע וויכטיקע און אַקטועלע פּראָבלעמען צו וועלכע זי האָט געמוזט נעמען אַן אַקטיווע שטעלונג ווי אַ געזעלשאַפטלעך אָרגאַניזירטע קער־פּערשאַפט. אין מאַי, 1912, קומט זיך צונויף אין קאַטאָוויץ אַן אָרטאָדאָקסישע קאָנפערענץ, וואו די מזרחיסטישע באַוועגונג ווערט אָרגאַניזירט.

די טעריטאָריאַליסטן זיינען באַשטאַנען פון די וואָס האָבן פאַרלאָזן די ציוניסטישע רייען און האָבן געגרינדעט די יידישע טעריטאָריאַליסטישע אָרגאַניזאַציע. זיי האָבן געהאַט פאַר זיך ברייטערע פּאָליטישע פּערספּעקטיוון ווי די ציוניסטישע. זיי האָבען אויך געקאָנט אויסאיבן אַ ברייטערע געזעלשאַפטלעכע ווירקונג.

די פּאַרטייען מיט אַן אייגן לאַנד אַלס ענד ציל זיינען געבוירן געוואָרן אין יידישע צרות, אַנטוישונגען, יאוש און פּאָגראָמען, אָבער זייער זאַפט האָבן זיי געזויגן פון דעם אַלטן יידישן

הלום אויסגעלייזט צו ווערן און צו לעבן ווי מענטשן אין אן אייגענער היים. און ווי אין אלע געשיכטלעכע עפאכעס האבן באזונדערע באדינגונגען געגעבן כאראקטער און אייגנארטיקייט די פארטייען. דאס איז אויך אמת וועגן דער ציוניסטישער באַוועגונג און אלע אפצווייגונגען וואס האבן געקראגן געבורט אין די 80־קער יארן. א גרויסן שטויס האט דער ציוניזם געקראגן אין 1917 פון דער באלפור דעקלאראציע. לאמיר האפן אז די אידייע וועט פארווירקלעכט ווערן צום סוף פון דער היינטיקער מלחמה. עס איז שוין צייט יידן זאלן באפרייט ווערן פון צרות.

▼

חנה דאלינסקי

די יידישע סאציאליסטישע באוועגונג

די מאדערנע סאציאליסטישע באוועגונג איז אויפגעקומען ווי א רעזולטאט פון א פארבינדונג צווישן „וויסנשאפט" און „אר־בעטער קלאס", ווי עס האט זיך אויסגעדריקט פערדינאנד לאסאל. אט די צווי באשטאנד־טיילן פון א סאציאליסטישער באווע־גונג זיינען אויפגעקומען אויך ביי די יידן אין רוסלאנד אין די 70־ער און 80־ער יארן פון 19־טן יאר הונדערט.

די אויפקומענדיקע יידישע אינטעליגענץ אין צארישן רוסלאנד האט זיך אין ביידע אידעע צווייגן, סיי אין דעם משכילישן טייל, וואס איז דערצויגן געווארן אין די ישיבות און איז גייסטיק ארויסגעוואקסן פון דעם יידישן לעבן, סיי אין דעם אייראפע־איש־אסימילירטן, וואס האט באקומען זיין בילדונג אין די שולן און אוניווערסיטעטן פון דער רוסישער מלוכה, געפונען אונטער דעם שטארקן איינפלוס פון די סאציאליסטישע שטימונגען וואס האבן געהערשט אין דער רוסישער, און טיילווייז אויך אין דער פוילישער ליבעראלער געזעלשאפט.

די באוועגונג האט געטראגן צווערשט א סענטימענטאלן פאלקיסטישן, פויערים־פריינטלעכן כאראקטער מיט הומאניטאר־

ליבעראלע טענדענצן. זי האָט דערנאָך, צוליב די פאַרפאָלגונגען פין דער צאַרישער רעגירונג, אנגענומען שאַרפע, רעוואָלוציאָנער־סאָציאַליסטישע פאָרמען, און איז צום סוף פאַרוואנדלט געווארן אין דער רעוואלוציאָנער ־ טעראריסטישער באוועגונג פון „נאַראָדנאַיאַ וואָליאַ."

ווי אין אייראָפּע בכלל, אזוי איז אויך ביי יידן דער מאָדערנער סאָציאַליזם פאַרבונדן מיטן אויפקום און וואוקס פון אַרבעטער קלאַס. דער קעגנזאַץ פון אָרעם און רייך איז אויך אין אלטן יידישן לעבן געוועז געניג באַקאַנט, און האָט געפונען געניג אויסדרוקן אין פאַרשיידענע פאָרמען.

איינצלנע ידיעות וועגן קאָנפליקן צווישן בעלי בתים און אַרבעטער אָדער וועגן פּרואוון אין יידישן פּויכן צו גרינדן באַזונדערע ארבעטער־חברות זיינען שוין פאַראַן פון דער ערשטער העלפט 19טן יאָר הונדערט. לאָמיר אבער אריבערהיפּן די יארן ביז 1897, ווען די פּרוכטבאַרע פּעריאָדע האָט זיך אנגעפאנגעז

אין די טעג פון 25-27טן סעפּטעמבער, 1897, זיינען זיך אין ווילנע צונויפגעקומען דעלעגאַטן פון וויכטיקערע יידישע סאָציאַליסטישע אָרגאַניזאציעס אין רוסלאַנד. די קאָנפערענץ האָט באַשלאָסן זיך צו קאָנסטיטואירן אַלס אַ יידישע סאָציאַליסטישע אַרבעטער אָרגאַניזאַציע אונטערן נאָמען, "אַלגעמיינער יידישער אַרבעטער בונד פון רוסלאַנד און פּויכן". דערמיט איז די דאָזיקע באַראַטונג פאַרוואַנדלט געווארען אין דעם גרינדונגס צוזאַמענפאָר פון „בונד" און צוזאמען מיט דעם איז געשאפן געווארן א באַזונדערער יידישער צווייג פון אינטערנאציאנאלן סאָציאַליזם. ביז דעמאָלט איז געוועזן א צייט פון לאָקאַלע סאָציאַליסטישע גרופּעס, אָבער די עפּאָכע האָט זיך מיטן שאַפן פון „בונד" פאַרענדיקט. סאָציאַליזם און ארבעטער באַוועגונגען זיינען געווארן אַן אָרגאַנישער טייל פון יידישן נאַציאַנאַלן לעבן. דער „בונד" האָט געשטרעבט סיי צו העלפן יידישער עמאַנסיפּאַציע, און סיי צו אָרגאַניזירן די ניט־יידישע אַרבעטער, כדי מעגלעך צו מאַכן געמיינזאַמע עקאָנאָמישע און פּאָליטישע אקציעס פון גאַנצן רוסלענדישן פּראָלעטאריאַט.

אין מאַי, 1898, איז דורך דער איניציאַטיוו פון „בונד" און

א רייע סאָציאַל דעמאקראטישע גרופּעס זיך צונויפגעקומען אין מינסק דער ערשטער צוזאמענפאָר פון דער רוסלענדישער סאָציאַל דעמאקראטישער פּארטיי. לײדער, האָבן זיך באַלד נאָכן צוזאמענפאָר פארשטארקט די רדיפות קעגן דעם „בונד". מען האָט פארכאַפּט אלע וויכטיקסטע טוער, אָבער אנשטאָט סע זאָל זיין א טויט קלאַפּ פארן „בונד" האָט עס זיך ארויסגעוויזן די לעבנס־קראַפט און די ווידערשטאנדס־פעיקייט פון דער יידישער ארבעטער באוועגונג.

די יארן 1904 און 1905 זיינען געווען אין רוסלאנד א פּער־יאָד פון געוואלדיקן רעוואָלוציאָנערן אויפשטייג. אין דעם 11טן יאנואר האָבן זיך סטרייק־כוואַליעס אין א ריי שטעט אנגע־הויבן. די יאנואר באוועגונג איז געווען נאר א מין פאָרשפּיל צו א גוואַלטיקער סטרייק־כוואַליע. אין פעברואר, ווען די אלגע־מיינע פּאָליטישע אויפרעגונג, וואס האט ארומגעכאפּט די יידישע אַרבעטערשאַפט, און אזוי איז עס אנגעגאנגען מיט א העכערער און העכערער טעמפּאָ ביז דעצעמבער. דאָן, נאָך דעם דורכפאַל פון מאָסקווער דעצעמבער אויפשטאנד אין 1905, איז עס גע־ווארן קלאָר אז די רעוואָלוציע האָט שוין איבערגעטראטן איר העכסטן פּונקט, ניט באוויזנדיק ענדגילטיק צו צעשטערן די מאַכט פון צארישן רעזשים. א וואַרט עפּאָכע און צוגרייטונגס צייט האָט זיך אנגעהויבן פאר דעם גרויסן מאָמענט.

ביז 1903 איז דער „בונד" פאקטיש געווען די איינציקע יידישע סאָציאליסטישע פּארטיי אין רוסלאנד. אבער אין דעם יאָר זיינען געגרינדעט געווארן א רייע סאָציאליסטישע און ציו־ניסטישע ארבעטער אָרגאניזאציעס.

די יאָרן פון 1907 ביז 1911 זיינען געווען יאָרן פון רעאקציע. די פאָרפאָלגונגען קעגן רעוואָלוציאָנערע ארויסטרעטונגען און קעגן די רעוואָלוציאָנערע פּארטייען האָבן אנגענומען די פארם פון א רעגירונגס טעראָר וואס האט געארבעט מיט שטראַף־עקס־פּעדיציעס, קריגס־געריכטן און תליות. אין די יאָרן איז די פּאָ־ליטישע און עקאָנאָמישע לאגע געווען א ביטערע.

די מלחמה האָט מיט אמאָל געביטען די גאנצע פּאָליטישע

לאגע אין רוסלאנד. די רוסישע סאָציאַליסטישע פּאַרטייען זייַנען אין דער פּראַגע פון מלחמה געווען צעטיילט אין פאַרשידענע לאַגערן א טייל האָבן געהאַלטן אז די ארבעטערשאַפט מוז זיך אקטיוו באַטייליקן. א צווייטע גרופּע (אין וועלכע עס איז געווען לענין און א טייל באָלשעוויקעס) איז געבליבן קעגן דער מלחמה.

די רוסישע רעוואָלוציע פון מערץ 1917 האט פון ערשטן מאָמענט אן אויפגעשטעלט פון דאָס נייַ די העגאמאניע פון די סאָציאַליסטיש - רעוואָלוציאָנערע פּאַרטייען. אלע יידישע פּאַרטייען האָבן זיך באַלד ווידער באַוויזן אויף דער פּאָליטישער סצענע. די מלחמה און די רוסישע רעוואָלוציע האבן צעריסן די יידישע מאסן אויף פאַרשידענע טיילן. מיינונגען וועגן דעם כאַראַקטער און מעטאָדן פון דער רוסישער רעוואָלוציע האָבן צעשפּאַלטן די יידישע סאָציאַליסטישע גרופּעס אין אַלערלייי ריכטונגען.

אין 1917 האט עס געקענט אויסווייזן אז די צוויי וויכטיקסטע ריכטונגען אין יידישן לעבן, דער ציוניזם און דער בונדיזם שטייען ערב די רעאַליזירונג פון זייערע פּראָגראַמען.

מיט דער באַפרייאונג פון רוסלאנד אונטער דער ציטווייליקער רעגירונג פון קערענסקי איז געקומען די פּאָלשטענדיקע גלייכבאַרעכטיקונג און פרייהייט פאר יידן, וואס האט אויך איינגעשלאָסן די נאַציאָנאַל קולטורעלע אויטאָנאָמיע וואָס איז געווען דער הויפּט פּונקט אין דעם יידישן פּראָגראַם פון בונד.

די באַלפור דעקלאַראַציע וועלכע האָט צוגעזאָגט אז די בריטישע רעגירונג וועט העלפן מיט אלץ וואָס נאר מעגלאך די שאַפונג פון א יידיש היימלאנד אין ארץ ישראל, האָט געזאָלט באַפרידיקן די ציוניסטיש געשטימטע יידישע מאַסן.

אָבער מיט דער צווייטער פאַזע פון דער רוסישער רעוואָלוציע אונטער דער מאַכט פון די באָלשעוויקעס האט די פרייהייט און רעכט פון די יידן גענומען ליידן דורך א נישט דירעקטער אַנטייידישער געזעצגעבונג וועגן אפשאפן פריוואט קאַפּיטאַל, אינדוסטריע און האנדל איבער דעם וואס די איבערוועגנדע מערהייט פון די יידישע באַפעלקערונג אין רוסלאנד, אַלס רעזולטאַט פון

די צארישע צייטן, האָבן די מערסטע יידן געמאכט א לעבן פון די פריער דערמאָנטע פראָפעסיעס, און זיינען דערפאַר געבליבן אָן באשעפטיקונג און ברויטלאָז. „אם אין קמח אין תורה" פּאסט זיך צו יענער לאגע, ווען זיי זיינען געבליבן אָן ברויט צו קענען גע־ניסן פון אלערליי פרייהייטן, וועלכע זיינען מיט דער אנטוויק־לונג פון דער־ באלשעוויסטישער מאכט ביסלעכוויים פאר־שוואונדן, ניט נאר פאר די יידן נאר פאר אלע רוסלענדישע ביר־גער.

די באלפור דעקלאראציע, וועלכע האט זיך געלייענט גאנץ שיין אויפן פּאַפּיר, איז אין דער ווירקלאכקייט גאנץ אַנדערש אויסגעטייטשט און דורכגעפירט געווארן פון דער בריטישער רעגירונג און אירע קאָלאָניאַלע מיניסטאָרן, ווי דאס האבן גע־וואלט אויסטייטשן און דורכפירן די ציוניסטישע פירער און זייערע אָנהענגער.

די אלגעמיינע כוואליע פון פרייהייט און דעמאקראטיע וואס האָט זיך פארשפרייט באלד נאָך דער ערשטער וועלט מלחמה האָט ארויסגערופן גרויס פרייד און האָפנונג אין דער סאָציא־ליסטישער באוועגונג אין אלע לענדער, ווייל דורך דעמאקרא־טיע איז דער וועג א לייכטערער און לאָגישער צום סאציאליזם, אָבער דאס האָבן אויך פארשטאַנען די הערשענדע קלאסן פון דער איצטיקער געזעלשאפט און האָבן געזוכט מיטלען ווי אזוי זייער מאַכט אנצוהאלטן.

די אלטע מעטאָדן פון הערשן פון אויבן מיט געוואלד מיטלען האָט זיי מער נישט געקענט העלפן. האָבן זיי זיך צום דינסט גע־נומען דעם פאַשיזם, א באוועגונג וועלכע קען דורך פאלשע לאָ־זונגען באהערשן און אויסנוצען אומוויסענדע מאסן. אבער מיט דעם האָבן זיי ארויסגערופן גייסטער וועלכע זיי האָבען שפּע־טער נישט געקענט באהערשן. היטלער, מוסאָליני און הערא־היטאָ האָבן לאנג נישט געקענט נארן די הונגעריקע מאסן, און דעריבער געמוזט זיי געבן האָפענונגען פון וועלט פארכאפונג און וועלט באהערשונג וואָס האט געבראכט צום איצטיקן בלוטיקן וועלט קריג.

היינט צו טאג קענען מיר שוין מיט אביסל א רואיקן געמיט

באהויפטן אז אין דער ווילדער פארניכטונג פון דעם וועלט קריג זעען זיך שוין די שטראלן פון דעם ליכטיקן מארגן ווען אלע פינסטערע כוחות וועלן באזיגטע פארשווינדן פון דער וועלט און די אויפגייענדיקע זון וועט באשיינען א נייע וועלט, א וועלט פון יושר און גערעכטיקייט פאר אלע מענטשן־קינדער און צווישן זיי א פריי און גליקלאך יידיש פאלק.

▼

חיה פישמאן

יידישע ארבעטער באוועגונג אין אמעריקע

די יידישע ארבעטער באוועגונג איז אריינגעקומען אין אמעריקע צוזאמען מיט די רוסישע אימיגראנטן אינם יאר 1905. זיי האבן מיט זיך געבראכט נייעם מוט און גלויבן אין די רעכטן פון ארבעטער, אין נייע אידייעס און מעטאדן ווי אזוי די רעכטן צו קריגן. די יוניאנס און ארגאניזאציעס וואס זיינען געווען אין יענער צייט אין אמעריקע, האבן זיי פארשטארקט און פארגרעסערט. זיי האבן נישט בלויז פארגרעסערט די צאל פון מיטגלידער ,נאר האבן אויך א סך בעאיינפלוסט די פראגראם און אידעאלן פון זייערע אייגענע ארגאניזאציעס און אויך אמעריקאנער ארגאניזאציעס. פריער זיינען די בענעפיטן און אינסטיטוציעס פון דער ארגאניזאציע געווען די הויפט זאך, אבער מיטן אנקום פון נייע אימיגראנטן איז מער אונטערגעשטראכן געווארן די אידעאלן און דאס אינטעלעקטואלע לעבן פון דער ארגאניזאציע. פריער זיינען זיי געווען פאראינטערעסירט בלויז אין באלדיקע אויסבעסערונגען — שפעטער האבן זיי געקוקט אין דער צוקונפט. פריער זיינער זיי געווען קאסמאפאליטיש אין זייער אויסבליק — שפעטער האבן זיי אנגעהויבן צו ווערן נאציאנאליסטיש און יידיש.

יידישע טרייד יוניאנס, ווי די אמאלגאמייטעד קלאדינג וואר־קערס און די אינטערנעשאנאל ליידיס גארמענט ווארקערס יו־

ניאָנס, צוויי פון די שטאַרקסטע און פּראָגרעסיווסטע יוניאָנס אין אמעריקע, האָבן געהאַט פיל סטרייקס, און אויסגעבעטערט די עקאָנאָמישע לאַגע פון די אַרבעטער. זיי האָבן שטאַרק געקעמפּט פאַר די רעכטן פון יידישע אַרבעטער, און האָבן זיי געהאָלפן נישט נאָר עקאָנאָמיש, נאָר אויך סאָציאַל, דורך זייערע אינסטיטוציעס און בענעפיטן. די אַרבעטער האָבן זיך נישט באַנוגנט בלויז מיט עקאָנאָמישע אויסבעסערונגען. זיי האָבן אויך געשאַפן אָרגאַניזאַציעס, וואָס זאָל העכער מאַכן זייער לעבן, גיבן עם אינהאַלט און חשיבות.

פּראָדוקטן פון דער יידישער אַרבעטער באַוועגונג.—קולטורעל סאָציאַל, עקאָנאָמיש, פּאָליטיש און גייסטיק האָט דער אַרבעטער רינג געהאַט א געוואַלדיק גרויסע ווירקונג אויף דער יידיש־אַמעריקאַנישער וועלט. דער אַרבעטער רינג האָט געהאָלפן דעם יידישן אימיגראַנט זיך פילן היימיש אין נייעם לאַנד. דער אַרבעטער רינג האָט פאַרזאָרגט דעם אימיגראַנט מיט אַלץ וואָס ער האָט געדאַרפט. עס האָט אים געגעבן חברשאַפט, מעדיצינישע הילף, פאַרוויילונג און בילדונג. דער בילדונגס דעפּאַרטמענט אין אַרבעטער רינג פאַרזאָרגט סיי די גרויסע און סיי די קינדער. נישט בלויז לערנט מען די קינדער, נאָר מען לערנט אויך די עלטערן. קינדער וואָס גייען אין אַרבעטער רינג שולן קריגן נישט נאָר א גוטע דערציאונג אין יידיש, געשיכטע, ליטעראַטור, א. א. וו., נאָר זיי קריגן אויך א דערציאונג אין די עקאָנאָמישע, סאָציאַלע, און פּאָליטישע פּראָבלעמען פון זייער צייט. די שולן ברענגען אַרויס רייפע קולטורעלע און וויסנשאַפטלעכע דענקער —פיין דערצויגענע מענטשן, און גוטע יידן.

די עלטערן האָבן פאָרומס, לעקציעס, זשורנאַלן, און אַנדערע קולטורעלע אַקטיוויטעטן. די יונגוואַרג ווערט דערצויגן מיט די בעסטע טראַדיציעס פון יידנטום, און מיטן ראַדיקאַלן אויסבליק וואָס איז דער גייסט פונם אַרבעטער רינג. און די עלטערן ווערן באַקאַנט מיט די האָפענונגען און אַספּיראַציעס פון דער אָרגאַניזירטער, סאָציאַליסטישער באַוועגונג אין אַמעריקע, און פון גאַר דער וועלט.

דער אַרבעטער רינג פירט אַן קאָלעקטיווע מעדיצין, מיט די

בעסטע דאָקטוירים און כירורגען. דער ארבעטער רינג האָט פיי־נע זומער קעמפּס פאַר די קינדער. אָבער עס איז נישט בלויז די פיינע אינסטיטוציעס וואָס מאַכן דעם אַרבעטער רינג וויכ־טיק. עס איז דער גייסט פון חברשאַפט, מיט הילף און פריינד־לעכקייט וואָס מאַכן דעם ארבעטער רינג פאַר די וויכטיקסטע יידיש־אַמעריקאַנער אָרגאַניזאַציע. דער א. ר. איז באַקאַנט אַלס „דער רויטער קרייץ פון דער אַרבעטער באַוועגינג."

זייער א וויכטיקער טייל פונם ארבעטער רינג איז דער יאַנג סוירקל ליג. ווייל כדי צו לעבן און בליען, דאַרף אַן אָרגאַניזאַ־ציע האָבן יונג בלוט. דער יאַנג סוירקל ליג איז א קוואַל פון אַזאַ פרישקייט, און עס איז די יונגוואַרג וואָס וועט פאָרזעצן און פּרעזערווירן די אידעאַלן פונם ארבעטער רינג. אין זייערע הענט ליגט די צוקונפט פון דער ארגאַניזאַציע. דער ארבעטער רינג האָט געהאָלפן אַלע קאַמפן אויף דער יידישער גאַס. ער האָט געהאָלפן שיקן סאָציאַליסטן אין קאָנגרעס; ער האָט געהאָלפן אַלערליי יידישע און סאָציאַליסטישע אונטערנעמונגען; ער העלפט בכלל אין דער אַנטוויקלונג פון יידיש געזעלשאַפטלעכן לעבן אין אמעריקע.

דער יידישער אימיגראַנט האָט געשאַפן א ריזיקע קולטור באַוועגונג מיט גרויסע צייטונגען, וואס האָבן הונדערטער טויזנ־טער לעזער. ספּעציעל איז דער „פאָרווערטס" באַוואוסט אַלס די שטאַרקסטע צייטונג אין אַנאַנדער שפּראַך ווי ענגליש. פילע זשורנאַלן און ביכער זיינען געווען א רעזולטאַט פון די באַוועגונ־גען, וואס האָבן סטימולירט דאָס יידישע לעבן און געוועקט צו טעטיקייט. דער אַרבעטער רינג און דער יידישער אימיג־ראַנט בכלל האט א סך געהאָלפן אנטוויקלען דאָס יידישע לעבן אין אמעריקע.

עס זיינען אויך געשאַפן געוואָרן אין דעם אויפבויז פון גייס־טיקער ענערגיע פילע ארגאַניזאַציעס און באַוועגונגען ווי דער יידישער קאָנגרעס, דער נאַציאָנאַלער ארבעטער פאַרבאַנד מיט א נעץ פון שולן איבערן לאַנד, און א פיינע נאַציאָנאַלע טעטיקייט פאַרן אויפבוי פון ארץ ישראל, און פאַר ארבעט צווישן די יידישע

מאָסן אין אמעריקע. דער ייווא, אָרט, יידישער אַרבעטער קאָמיטעט, יידיש סאָציאַליסטישער פאַרבאַנד, און פילע אַנדערע יידישע אָרגאַניזאַציעס.

די דייטשע יידן האָבן אויך דאָ געשאַפן לערן אינסטיטוציעס, וויסנשאַפטלעכע זשורנאַלן, און א ריזיקע טעטיקייט פון רעליף. נאַטירלעך, איז זייער טעטיקייט אויף דער ענגלישער שפּראַך. אָבער עס העלפט באַרייכערן אונדזער לעבן. זיי האָבן אויך פיל רעליגיעזע און געזעלשאַפטלעכע אָרגאַניזאַציעס, וואָס פּרואוון זיך צופּאַסן צום אַמעריקאַנער לעבן.

עס זיינען דאָ וויניק יידישע אָרגאַניזאַציעס, וואָס דער אַמעריקאַנער קלימאַט און די אַמעריקאַנער ערד האָט זיי געבוירן. מיר זיינען נאָך נישט לאַנג גענוג אין לאַנד צו האָבן ריין אַמעריקאַנער אָרגאַניזאַציעס. אָבער עס איז זיכער אַז מיט דער צייט וועלן סיי דער אַרבעטער רינג און סיי אַלע אַנדערע אָרגאַניזאַציעס אָננעמען אַמעריקאַנער פאָרמען.

מיט דער גרויסער יידישער און סאָציאַליסטישער ירושה וועלן מיר זיכער בויען אייגנאַרטיקע יידישע אָרגאַניזאַציעס, וועלכע וועלן פאַרזיכערן אונדזער צוקונפט דאָ אין לאַנד. אין אַמעריקע וועלן מיר דאַרפן אויפבויען מאָדערנע אַקאַדעמיעס ווי אַמאָל אין בבל אָדער אין שפּאַניע. מיר האָבן געוויזן אַז מיר קאָנען. לאָמיר נאָר שטאַרק וועלן.

עסייען

מ. באָגדאַנסקי אַרבעטער רינג שול

אסתר באַדין

פאַרוואָס שלאָגט זיך אַמעריקע?

אסך מענטשן פרעגן די פראַגע: פאַרוואָס שלאָגט זיך אַמע־ריקע אין דער מלחמה? און אַ סך אַנדערע פּרובירן צו ענטפערן. מיר זיינען דאָ אין אַמעריקע און מיר שלאָגן זיך אין אַנדערע לענדער וואָס זיינען טויזענטער מיילן אַוועק, צו פאַרטיידיקן וואָס מיר דענקן איז גערעכט, און פאַר די אידעאַלן אין וועלכע מיר גלויבן. אַ סך פון אונדזערע העראָאישע מענער גיבן אַוועק זייערע לעבנס, אַז די מלחמה זאָל נישט קומען צו אונדזער לאַנד.

אין אונדזער לאַנד האָבן מיר פרייהייט, אַ געבענטשטע פרייהייט פאַר די נויטן פון יעדן אַמעריקאַנער בירגער. אַט די פרייהייט האָבן מיר אויסגעקעמפט לאַנגע יאָרן צוריק. מיר האָבן עס באַדאַרפט פאַרטיידיקן אַ סך מאָל זינט דאַן. מיר האָבן נאָך די פרייהייט איצטער, און האָפן זי אַנצוהאַלטן, דערפאַר דאַרפן מיר אין אַ וועלט פון מלחמה קריזיס זיך מאָביליזירן און זיך שלאָגן אַזוי אַז מען זאָל האָבן די פרייהייט אין די שפּעטערדיקע יאָרן. מיר דאַרפן אַרבעטן און שלאָגן און געבן אונדזערע לעבנס אויב נויטיק צו פאַרזיכערן די פרייהייט, מיר מוזן אַנהאַלטן דאָס רעכט פון פרייען וואָרט.

אין אַ סך פון די אייראָפּייאישע לענדער האָבן מענטשן ניט דאָס רעכט צו רעדן פריי, זיי קענען נישט רעדן וואָס זיי דענקן, נישט אַלע לענדער האָבן פרייהייט פון דער פרעסע, זיי נען, און די מענטשן, די לייענערס, זיי דאַרפן ניט לייענען גע־קענען ניט שרייבן זייערע מיינונגען אַז אַלע מענטשן זאָלן לייע־ווישע צייטונגען אויב זיי ווילן נישט. אין אונדזער לאַנד, מיר דאַרפן נישט איינשטימען מיט וואָס די רעגירונג זאָגט.

נאָך אַ גוטע זאַך וואָס מיר האָבן אין דעם לאַנד איז רע־ליגיעזע פרייהייט. קיינער הייסט אונדז נישט גיין אין אַ געוויסע שול אָדער צו גלויבן אין אַ געוויסן גאָט. מיר האָבן דאָס רעכט אויסצוקלייבן אונדזער אייגענע רעליגיע. מיר האָבן אויך אַ דזשורי אין געריכט, און אַ מענטש איז נישט שולדיק ביז די

דזשורי זאָגט אזוי. מיר האָבן נישט דאָ קיין שטורם־טרופערס, און דאָס וואָרט פון איין מאן איז נישט דער געזעץ פון לאנד.

פארוואָס שלאָגן זיך די העלדישע אמעריקאנער הונדערטער מיילן אוועק פון זייער היים?

פאר די אַלע זאַכן, און אַ סך אנדערע. מיר שלאָגן זיך נישט נאָר פאר דער איצטיקער צייט, אָדער פאר דער פארגע־סענער און פארגאנגענער צייט, נאָר אויך פאר דער קומענדיקער צייט. א דאנק דעם איצטיקן קאמף וועלן מיר מאכן אונדזער צו־קונפט א ליכטיקע און א גליקליכע, א צוקונפט ווען מענטשן וועלן שאפן און בויען און העלפן און העלפן דער גאנצער וועלט. עס וועט זיין א צוקונפט ווען מענער וועלן קענען בויען היימען און דרציע זייערע קינדער מיט א גליקליך הארץ און א ריינעם גע־וויסן, ווייל עס וועט נישט זיין דער געפאר פון מלחמה.

אונדזערע מענער שלאָגן זיך איצט אז די מלחמה זאָל זיין די לעצטע, און אז דער שלום וואָס קומט נאָך דעם זאָל זיין אזא וואָס זיי ווילן און אז די מענטשן וואָס האָבן געגעבן זייערע לעבנס אין דעם קריג זאָלן נישט שטאַרבן אומזיסט.

▼

עטל קאַטאַפּסקי

דאַרפן יידן אַן אייגן לאַנד?

מען רופט יידן דאָס וואנדער פאָלק. שוין לאנגע, לאנגע יאָרן זיינען יידן געטריבן געוואָרן פון לאנד צו לאנד. עס האָט זיך אָנגעפאנגען מיט די באבילאָניער און עס געדויערט נאָך אַלץ מיט היטלערן. די באבילאָניער האָבן אונדז פארטריבן פון אונדזער אייגן לאנד. און נאָכדעם, ערשט, ווען מיר זיינען צו־ריקגעקומען אין אונדזער אייגן לאנד האָבן די רוימער אונדז איינגענומען און פארטריבן. און אזוי איז עס געגאנגען דורך די יאָרן ביז מיר זיינען געוואָרן א צעטיילט פאָלק. א ביסל יידן אין פראנקרייך, אביסל אין איטאַליע, אביסל אין שפאניע, אביסל

אין דייטשלאנד, און אביסל אין אמעריקע—אמעריקע, דאָס פרייע לאנד, פון דאַנען וועט מען אונדז ניט ארויסטרייבן.

אָבער וואָס קאָן מען טאָן מיט די איבערגעלאָזענע יידן וואָס קאָנען ניט וואוינען אין פרעמדע לענדער, וואָס ווערן ארויסגעטריבן פון פרעמדע לענדער די מינוט וואָס זיי שטעלן ארויין א פוס?

איז — כדי צו זיין א פאראייניקט פאָלק דארפן די יידן האָבן אן אייגן לאנד. זיי דארפן זיין באזונדער פון אנדערע פעלקער, זיי דארפן זיין זעלבסטשטענדיק. די יידישע קינדער ווערן ניט קיין יידן אין אנדערע לענדער. די ייישע מאמעס און טאַטעס קאָנען וועגן דעם גאָרניט טאָן. זיי קענען ניט שיקן זייערע קינדער אין יידישע שולן צו ווערן אמתע יידן. זיי קאָנען אפילו ניט דערציען זייערע קינדער אין א שטרענגע יידישע אַטמאָספערע אין זייער היים.

די קינדער מוזן האָבן יידישע חברים, יידישע לערער, און די יידישע שפראך. די עלטערן וואָס "קיטשענען" די וועלט אוועק קאָנען ניט האָבן אמתע יידישע קינדער.

און איצט וועט איר פרעגן: "איז פארוואָס גייען מיר ניט אין אונדזער אייגן לאנד?" ווייל מיר האָבן ניט אן אייגן לאנד! ארץ ישראל איז צעטיילט געוואָרן אויף דריי טיילן, און כדי צו האָבן אן אייגן לאנד דארפן מיר ארויסטרייבן די פעלקער וואָס לעבן דאָרט איצט.

אָבער וואָס וועלן מיר טאָן מיט די יידן וואָס ווילן ניט האָבן א היים לאנד און ווילן דערציען זייערע קינדער אין אמעריקע?" דאָס איז שוין אנאנדער מעשה. די יידן קאָנען לעבן אין אמעריקע אויב זיי ווילן. אָבער זיי זאָלן האָבן די יידישקייט אין הארץ און זאָלן זיי ניט פאַרגעסן דאָס וואָס יידן האָבן זיך פאר זיי געשלאָגן. זאָלן זיי אויך האָבן אין זייער הארץ ארץ־ישראל און זאָלן זיי דאָס הייליק לאנד ניט פארגעסן. זאָלן זיי דערציען זייערע קינדער אזוי יידיש ווי מעגלעך און זאָלן זיי קיינמאָל ניט פארגעסן די יידישקייט. אָבער די וואָס ווילן ווייטער

האבן אן־אייגן לאנד, א פריי לאנד און א ניי לאנד דאַרפט איר גיין קיין ארץ ישראל!

לאָמיר גיין, גיין, גיין,
לאָמיר גיין, גיין, גיין,
צו דעם קאַמף פון זיג פאַרויס!
לאָמיר גיין, גיין, גיין,
לאָמיר גיין, גיין, גיין,
צו דעם קאַמף פון זיג פאַרויס!

▼

עלים קעי

אַ פּאָר ווערטער אין אַ מאָמענט פון טריאומף

אמעריקע שלאָגט זיך פאַר פרייהייט. אָבער וואָס איז פרייהייט פרייהייט איז דאָס רעכט צו דינען גאָט ווי מען וויל, און זאָגן וואָס מען וויל אבי ס׳איז נישט ליגן וואָס מיר זאָגן. עס מיינט אז מען קען שרייבן און לייענען וואָס מען וויל. אָבער עס מיינט נישט אז מיר קענען הרג׳ענען און צונעמען דאָס וואָס באַלאַנגט נישט צו אונדז.

ווען א פאָלק איז פריי, קען עס ארויסגעבן איר קולטור צו דער וועלט. שרייבערס, פּאָעטן, און מאָלערס קענען נישט לעבן און שרייבן אָדער מאָלן ווען זיי זיינען שקלאַפן.

אין א קליין שטיבעלע אין רוסלאַנד, זיצן צוויי קינדער און א לערער. די שטוב איז קאַלט און האָט בלויז א קליינעם טיש אין מיטן. א קליין ליכטל שטייט אויף דעם טיש. ס׳איז דאָ בלויז איין פענסטער אין צימער, א צעבראָכענס, מיט א שוואַרצע שמאַטע עס צו צודעקן. אין דרויסן שנייט און דער ווינט בלאָזט דורכן פענסטער און וויינט ווי א ליד פון טרויער און פיין. דאָס קליינע ליכטל טאַנצט בשעת דער לערער לייענט. זיין שטימע ווערט העכער און דאַן ווערט זי זייער שטיל. די קינדער הערן מיט גרויסע אויגן און אָפענע מיילער. — דער ווינט בלאָזט הע־

כער און דאָס לידל ווערט העכער, דאָס ליכטל טאַנצט און דער שנײַ פאַלט נאָך גיכער. אָבער די קינדער הערן נישט ווייל זיי זיינען טויט.

די זעלבע סצענע קומט פאָר אין אמעריקע — אָבער די קינ־דער זיינען נישט אזוי גוט. זיי טומלען און ריידן אין דער שטיל. זיי ווייסן נישט וואָס הונגער מיינט און ווייסן נישט וואָס זיי האָבן פאַרלאָרן אין נישט הערן, די וואונדערלעכע מעשות וואָס דער לערער לייענט — און זיי הערן נישט — זיינען די בעסטע און שענסטע מעשות אין דער וועלט.

ס'איז פאַר די אָרימע קינדער אין פּוילן און איבער דער גאַנצער וועלט. ס'איז פאַר זיי וואָס מיר שלאָגן זיך.

און א טאָג וועט קומען ווען די גאַנצע וועלט וועט ווערן פריי!

▼

ראָזעלע ראָסמאַן

וואָס מיר זאָלן טאָן מיט די נאַציס נאָך דער מלחמה

די נאַציס, היטלער, מוסאָליני; וואָס זאָלן מיר טאָן מיט זיי נאָך דער מלחמה? א פאָלק וואָס מאָרדעט, וואָס פאַרברענט.

איך האָב גערעדט צו א רוסישן פליער. איך האָב אים געפרעגט וועגן די נאַציס. האָט ער מיר דערציילט א געשיכטע פון א שטעטל לעבן לענינגראַד. ער האָט מיר דערציילט אז ער איז געווען אין אַ נאַצי געפענגעניש און איין טאָג האָט ער ארויסגעקוקט דורך א פענסטער און האָט געזען ווי א נאַצי, שטאַרק ווי אן אייזן שלאָגט אַן אָרעמע רוסישע פרוי איבערן קאָפּ. און איר קליין מיידעלע האָט ער אויך א קלאַפּ געגעבן, נאָכדעם ווי ער האָט די פרוי דערשאָסן. נאָכדעם איז צוגעגאַנ־גען א קליין אינגעלע און האָט געוואָלט אוועקנעמען דאָס קליינע מיידעלע פון איר טויטע מאמע. דער נאַצי האָט ארויסגענומען זיין ביקס און האָט די ביידע קליינע קינדער דערשאָסן.

טויט איז צו גוט פאר די מערדער. די נאצי סאָלדאַטן האָבן געלערנט פון קליינערהייד אָן צו גלויבן אז אַלע מענטשן זיינען ווערים, נאָר די נאַצים זיינען די העכסטע. זיי האָבן זיי געלערנט צו מערדערן, האסן, פארברענען. און ווען די עלטסטע נאַצים האָבן די יונגערע נאצים גענוג געלערנט האָבן זיי אָנגעהויבן א צווייטע מלחמה.

ווען די נאצים זיינען אריינגעקומען אין פוילן האָבן זיי באַלד געמאכט לובלין פאר א שעכט הויז, וואו ער היטלער, האָט פארברענט, טויזנטער און טויזנטער אידן: טאטעס, מאַמעס, פּיצעלעך קינדער אַלעמען גלייך פארברענט. אין א שטאָדט וואו עס האָבן זיך געפונען צען טויזנט אידן, זיינען איבערגעבליבן לעבן ארום צוויי הונדערט, און די וואָס זיינען איבערגעבליבן לעבן זיינען געווען האלב נאקעט און באָרוועס, רופט מען זיי די גליקליכע.

די נאצים נאָך דער מלחמה וועלען גיין אונטער דער ערד, זיי וועלן אָנהייבן א דריטע מלחמה, אויב מיר וועלן זיי ניט אָפּהאַלטן. מיר דארפן די אַלטע מאכן צו ארבעטן און די יונגע לערנען צו זיין גוטע מענטשן.

זאָלן מיר אַלע בעטן גאָט אז ער זאָל אונז העלפן מיט דער גרויסער אויפגאבע.

▼

יאָסל שונערמאַן

יידן: א פאָלק פון צרות

יידן, א קליין פאָלק האָט איבערגעלעבט א סך צרות פון אברהם אבינו ביז היינט. אין די טויזנטער יאָרן פון דעם יידישן לעבן זיינען די צרות געקומען פון פארשיידענע זאכן. אין די צייטן פון די גרעסטע צרות זיינען יידן געבליבן געטריי צו זייער פאָלק און גלויבן. אז מען פרעגט מיך וואָסער פאָלק האָט באַוויזן די בעסטע בראַווקייט און געלערנטקייט וועל איך ענטפערן —יידן.

פון די שומרונים האָבן יידן געהאַט צרות. די שומרונים זיינען מענטשן וואָס האָבן געלעבט אין דער הויפּט שטאָדט פון מלכות ישראל נאָך דעם פאַלן פון ישראל, און וואָס האָבן זיך אויסגעמישט מיט אַנדערע פעלקער. די שומרונים האָבן זיך געהאַלטן פאַר יידן. אָבער, יידן האָבן ניט געוואָלט האָבן צו טאָן מיט זיי. דאָס האָט זיי פאַרדראָסן און פאַרביטערט און זיי האָבן אָנגעמאַכט צרות פאַר יידן.

די אַרומיקע פעלקער האָבן אויך געמאַכט צרות פאַר יידן. אין די ערשטע יאָרן, ווען יידן האָבן געקראָגן אַן אייגן לאַנד, האָבן די פּלישתים געהאַלטן מלחמה מיט יידן. זיי האָבן געוואָלט אָוועקנעמען דאָס לאַנד פון די יידן, און פון די שלאַכטן מיט די פּלישתים זיינען אַרויסגעקומען אַ סך מעשות וועגן העלדן פון יענער צייט. די עמלקים האָבן אויך געמאַכט צרות, זיי זיינען אָנגעפאַלן אויף יידן אין אַ שלעכטער צייט. די עגיפּטער, די אַסיריער, די באַבלאָנער, די פּערסיער, די גריכן און די רוימער האָבן איינגענומען דאָס יידישע לאַנד. די אַסיריער האָבן חרוב געמאַכט מלכות ישראל, די באַבילאָנער יהודה, די גריכן האָבן געוואָלט העלעניזירן די יידן. פון פּערסיע איז אַרויסגעקומען דער יום טוב פּורים, מיט דער מעשה וועגן מרדכי, אסתר און המן, פון די גריכן דעם יום טוב חנוכה — ווייל יידן האָבן זיך געפרייט ווען די צרות זיינען פאַריבער, דאַן האָבן אַנדערע פעלקער געבראַכט צרות אויף יידן.

פון יידן אַליין האָבן זיך גענומען אַסך צרות, פון די פּאַרטייען וואָס האָבן זיך באַוויזן פון צייט צו צייט און פון די קעניגן און כהנים, פון די העלעניסטן, איינע פון די פּאַרטייען ווייל די העלעניסטן האָבן געוואָלט אָננעמען גריכישע מנהגים אין דער צייט פון די גריכן, האָבן פרומע יידן געהאַט צרות;

פון קעניגן איז אַן אַנדער מעשה. פון קעניגן האָבן די אָרעמע יידן געליטן, ווייל די קעניגן האָבן געוואָלט זיין רייך, זיי האָבן געדאַרפט האָבן געלט כדי צו האַלטן מלחמות, זיי פירן איין פרעמדע געטער אין לאַנד, איינער איז אַ ווילדער קעניג, אַן אַנדערער הרגעט מענטשן. פון אַזעלכע קעניגן האָבן יידן געהאַט אַ סך צרות.

דאָס איז ניט דער סוף. יידן האָבן געהאַט אַנדערע צרות מיט דעם אָנקומען פון יעזוסן. יעזוס איז געווען דער זון פון א יידישן מאַן און פרוי, וואָס האָט געפּריידיקט א ניי לעבן און א נייע רעליגיע. און מענטשן האָבן גענומען אים האַלטן פאַר א גאָט. און האָבן געבויט זייער רעליגיע און לעבן אַרום אים. און ווען ער ווערט דערהרגעט פון די רוימער, זאָגן זיינע מענטשן וואָס רופן זיך קריסטן, אַז יידן האָבן אים דערהרגעט, ווייל ער האָט געפּריידיקט אַן אַנדער רעליגיע.

און אַזוי פון יאָר צו יאָר מאַכן די קריסטן א סך בלבולים אויף יידן. און אין דער היינטיקער צייט לעבן א סך אַנטיסעמיטן, און אויך אין דער פרייער אַמעריקע האָבן פילע קריסטן פיינט יידן. אין אַמעריקע, וועט עמיצער זאָגן, דאָס לאַנד פון דעמאָק־ראַטיע ווי אַזוי קענען מענטשן פיינט האָבן אַנדערע מענטשן? דאָס טוט מען ווייל יידן זיינען אַלעמאָל געווען דער שעיר לעזאזל. מען געפינט אָבער אויך גוטע מענטשן וועלכע ווילן העלפן די יידן.

מיר האָבן געהאַט צרות ניט נאָר פון קריסטן, אַז אַנדער רעליגיע האָט זיך פאַרשפּרייט איבער דער אָריענטאַלישער וועלט, אַז אַראַבער מיטן נאָמען מחמד האָט גענומען א נייע רעליגיע פּריידיקן. ער האָט גערופן זיין גאָט אַלאַ און ער איז זיין נביא. די אַראַבער האָבן אָנגענומען די נייע רעליגיע. די יידן האָבן ניט געוואָלט אָננעמען די נייע רעליגיע, האָבן די אַראַבער דערפאַר פיינט די יידן. און היינט, אין ארץ ישראל, וואוינען א סך אַראַ־בער אָדער "מאַכמעדאַנער" און אויך זיי הרגענען יידן.

אין דער צייט פון דער ערשטער וועלט מלחמה זיינען טויזענטער יידן אַנטלאָפן פון אייראָפּע ווייל דאָרט האָבן די גויים געשלאָגן און געהאַרגעט יידן. און א סך יידן זיינען געקומען קיין אַמעריקע. אין אייראָפּע האָבן יידן געהאַט א סך צרות.

און אין דער היינטיקער צייט האָט זיך באַוויזן א גרויסע צרה פאַר יידן. אין דייטשלאַנד האָט א פּאַרטיי פון מערדער, מיט זייער פירער אַדאָלף היטלער, אָנגעהויבן די שרעקלעכסטע מער־דעריי איבער אייראָפּע. טויזנטער יידן זיינען אַוועקגעשיקט גע־וואָרן צו געטאָס איבער פּוילן און דאָרט האָט מען זיי דערהרגעט,

און אין אַמעריקע און אנדערע לענדער געפינען זיך יידישע שונאים.

אזוי האָבן יידן געליטן איבער דער וועלט. און יידן וועלן אלץ האָבן צרות ביז מענטשן וועלן קענען לעבן צוזאמען, אראַבער מיט יידן, יידן מיט קריסטן, קריסטן מיט יידן און אראבער מיט אנדערע פעלקער. און עס וועט זיין אן אייביקער שלום אויף דער וועלט.

אַלבאַני פּאַרק אַרבעטער רינג שול

בינה בלומענטאל

יידישע האָפנונגען נאָך דער מלחמה

מיר האָבן האָפנונגען, אַז נאָך דעם איצטיקן שרעקלעכן קריג וועט דאָס יידיש לעבן אין אייראָפּע ווערן בעסער. די יידן, וועלכע זיינען געבליבן לעבן וועלן געוויס געדיינקען די שרעקלעכע יאָרן פון קריג, זיי וועלן געוויס נישט פאַרגעסן היטלערן, אָבער צוביסלעך, צוביסלעך וועלן זיי זיך צוריק איינאָרדענען.

די לענדער, וועלכע האָבן געליטן פון די נאַצים, וועלן איינפירן אַן אמתע דעמאָקראַטישע אָרדנונג, און די יידן וועט זיך שוין לעבן אסך בעסער, זיי וועלן האָבן די זעלביקע רעכט ווי אַלע בירגער.

אסך יידן וועלן מסתמא אוועקפאָרן פון זייערע לענדער און וועלן זוכן נייע היימען, אסך וועלן אפשר פאָרן קיין ארץ־ישראל.

"האָם סוויט האָם" ס'איז גוט צו האָבן אַן אייגענע היים! אפשר וועט ארץ־ישראל צוריק ווערן אונדזער היים, ווי עס איז געווען אמאָל.

דאָס זיינען אונדזערע יידישע האָפנונגען...

שרה שוואַרץ

מיין דאַנק צו מיינע עלטערן, צו מיין זיידן און צו מיין לערער

איצט ווען איך האַלט ביים גראַדואירן די אַרבעטער רינג שול, דערמאָן איך זיך ווי מיין זיידע האָט מיר געבראַכט מיט פיר יאָר צוריק אין שול אריין. איך בין דעמאָלט אַלט געווען ניין יאָר, איך האָב זיך אַביסל געשראָקן, איך האָב געמיינט, אַז די שול וועט מיר בלויז אַביסעלע געפעלן זיין, אָבער איך האָב גאָר אין גיכן ליב געקראָגן די יידישע שול. מיין מוטער פלעגט

אלע מאָל זאָגן, אַז איך מוז קריגן אַ יידישע דערציאונג, איך מוז וויסן און קענען יידישע געשיכטע, זי האָט אויסגעפירט! איך קען!

איצט וועל איך גיין אין מיטלשול! איך בין גליקלעך, וואָס מיינע עלטערן האָבן געטראַכט וועגן מיין יידישער דערציאונג, און איך דאַנק זיי און מיין זיידן און מיין לערער.

▼

איידעל גוטערמאַן

שלום-עליכמס קינדער-מעשיות

דער לערער האָט פאַר אונדז געלייענט אַסך מעשיות פון שלום-עליכם, מיר אַליין האָבן אויך געלייענט פון זיינע מעשיות. די שענסטע איז "מאָטל פּייסי דעם חזנס" אַ! ער איז טאַקע אַ וואונדערלעך יינגל, ער האָט אַסך טאַלאַנט צו דערציילן פון זיינע עלטערן און פון זיינע חברים, וועגן זיין ברודער אליהו און דעם חבר פּיני. אַסך מאָל לאַכט מען ניט, אַסך מאָל פילט זיך אַביסל אומעטיק ווען ער דערציילט וועגן דער שרעקלעכער אָרעמקייט, אין וועלכער ער און אַנדערע האָבן געלעבט אין זייער קליין שטעטל.

אַסך קאָמישע זאַכן קומען פאָר, ווען מאָטלס פאַמיליע קומט אָן קיין אַמעריקע, ווי מאָדנע זיי צעדרייען די ענגלישע ווערטער, עס איז אויך זייער לאַכעדיק, ווי פּיני וויל ווערן דער פּרעזידענט פון אַמעריקע, אָבער איך האָב ליב די אַלע מענטשן וועגן וועלכע שלום-עליכם דערציילט —

אויך דאָס "מעסערל" איז זייער אַ שיינע מעשה, ווען ער וואָלט געזען צו יענער צייט "מואַוויס", וואָלט דאָס יינגעלע פונם "מעסערל" נישט געוועזן אַזוי פאַרקאַכט אין אַ מעסערל. "טאָפּעלע טוטאַריטו" איז אַ קאָמיש, טייער יינגעלע, איך האָב ליב ווי דער סטאָליער לערנט אים צו רעדן "ווי אַ מענטש". עס איז זייער אינטערעסאַנט צו לייענען די מעשה "אויפן פידל".

מען פילט א שטאַרקן רחמנות צום ייִנגעלע, וואָס וויל שפּילן אויפן פידל און ער האָט אַזוי פיל שטערונגען. ווען ער וואָלט געלעבט אין שיקאַגע אין דער איצטיקער צייט, וואָלט ער גע־קאָנט שפּילן וויפיל זיין האַרץ גלוסט.

שלום־עליכמס מעשיות איז ווי מוזיק, מען קאָן זיי לייענען אַסך מאָל און אַלעמאָל האָבן פאַרגעניגען...

▼

יאַנקל טשאַם

א בריוו פון א יידיש קינד אין פּוילן

טייערער פריינט.

מיר האָבן געלעבט אין א קליין שטעטל אין פּוילן, אין שטעטל האָבן געלעבט העלפט גויאים און העלפט יידן, די יידן האָבן געלעבט פאַר זיך, מיר יידישע ייִנגלעך זיינען געגאַנגען אין חדר און אַסך פון אונדז האָבן שוין געלערנט אין דער מאָ־דערנער יידישער שול. מיר זיינען געווען אָרעם, אָבער מיר זיינען דורכגעקומען.

פּלוצים זיינען אַנגעקומען די נאַצים, זיי האָבן פאַרשלעפּט אַסך יידן און צווישן זיי איז אויך געווען מיין פאָטער, מיין מו־טער און מיר מיט אַסך, אַסך אַנדערע יידן האָבן זיי אַוועק־געשיקט אין אַ לאַגער אויף צוואַנג־אַרבעט. מיר האָבן שווער געאַרבעט און געקראָגן זייער ווינציק צום עסן. מיר זיינען גע־וואָרן דאַר און מאַגער און בלאַס.

איינמאָל האָט זיך פאַרשפּרייט א קלאַנג, אַז מען וועט די שוואַכע אַוועקשיקן קיין מיידאַנעק אין דעם טויטן־לאַגער. אַסך יידן האָבן געטראַכט וועגן אַנטלויפן.

מיר האָבן געהאַט א פריינט, ער האָט געאַרבעט אין דעם "הינטערגרונט", זיין נאָמען איז געווען אַווראַמל. ער האָט זיך דערוואוסט וועגן דער מאַמען און מיר, און ער האָט אונדז געוואָלט ראַטעווען.

איינמאָל אין אַ זייער פינצטערער נאַכט, ווען מען האָט אונדז געפירט צו די פּי־וואַגאָנען, האָבן מיר דערהערט זיין קול, מיר האָבן זיך אומגעקוקט און דערזען אוורעמלען, מיר האָבן זיך אומבאַמערקט אַרויסגעגליטשט און זיינען מיט אים אוועק אין וואַלד. מיר זיינען לאַנג געגאַנגען ביז מיר זיינען געקומען צו אַ טייכל, אין וואַסער איז געווען אַ שיפל. מיר האָבן גענומען רודערן מיט די ווענטלעס, אָבער פּלוצלונג האָט זיך דערהערט פון ברעג אַ שאָס. ווען מיר האָבן דערגרייכט דעם צווייטן ברעג, האָבן מיר געזען, אַז די מאַמע איז געווען פאַרוואונדעט, זי איז אויסגעגאַנגען אויף אונדזערע הענט...

אונדזער פריינט, אוורעמל האָט מיר געבראַכט צו די קעמפער פון "הינטערגרונט" און איך בין געוואָרן איינער פון "זיי", איצט זיינען געקומען די רוסן און באַפרייט אונדזער שטעטל.

▼

רחל אויסלענדער

איך ענדיק די אַרבעטער רינג שול

אין אַ וואָך אַרום ענדיקן מיר די שול, אַסך פון די קינדער וועלן ווייטער לערנען אין דער מיטלשול, אויב איך וועל ווייטער לערנען איז עס דערפאַר, ווייל איך האָב ליב די יידישע געשיכטע, ווען איך לערן וועגן דעם לעבן פון די יידן אַמאָל, האָב איך אַ געפיל, ווי איך וואָלט געלעבט אין יענער צייט. כאָטש די יידן האָבן דורכגעלעבט שווערע צייטן, געפירט יאָרן־לאַנג מלחמות און געזען ווי איין גרויסע אימפּעריע איז אויפגעקומען און אַ צווייטע איז אונטערגעגאַנגען, זיינען יידן געבליבן פונדעסטוועגן אַ פאָלק, וואָס האָט ליב שלום. די גרעסטע לערער פון אַמאָל, אונדזערע נביאים, האָבן גערעדט וועגן שלום, געבענקט נאָך שלום און געזוכט שלום...

איצט ביים ענדיקן די שול טראַכט איך אויך: —

ווי גוט עס וואָלט געווען, ווען נאָך דער איצטיקער שרעק־

לעבער מלחמה וואָלטן יידן געקראָגן א מעגלעכקייט צו קריגן אן אייגענע היים, טאָקע אין דעם אמאָליקן לאנד — ארץ־ישראל. יידן וואָלטן ווידער געגעבן דער וועלט אַ ביישפּיל ווי אזוי צו לעבן א שיין און פרידלעך לעבן...

▼

פסח ליבין

וועגן די יידישע קינדער אין אייראָפּע

מיין הארץ טוט מיר וויי, ווען איך טראַכט, וואָס די נאַצים האָבן געטאָן צו די יידישע קינדער אין די אלע לענדער וואוהין זיי זיינען נאָר געקומען. ווי ברוטאָל זיי זיינען זיך באַגאנגען מיט די קראַנקע קינדער אין דעם "מעדעם סאַניטאַריום"! אויס־געשאָסן קראַנקע קינדער! איך געדיינק ווי איך האָב געלייענט, ווי זיי האָבן געוואָרפן יידישע קינדער אין א גרוב, און איין יידיש מיידעלע האָט געפרעגט: "פעטערל, פאַרוואָס וואַרפט איר מיר זאמד אין די אויגן?" און ווי די נאַצים האָבן געלאַכט און חוזק געמאַכט פון די קינדער איידער מען האָט זיי געטויט. יע־נע יידישע קינדער, וואָס האָבן זיך געראַטעוועט פון די נאַצים, וועלן געדיינקען זייער גאַנץ לעבן די שרעקלעכע זאכן, און ווען זיי וועלן אויסוואקסן וועלן זיי קעמפן פאר א וועלט, וואו נאַציזם זאָל מער נישט קענען קומען, א פרייע וועלט פאר פרייע מענטשן...

▼

נעטעלי ראַטער

משה מענדלסאָן

דער לערער האָט מיר געגעבן לייענען משה מענדלסאָנס ביאָגראַפיע. איך האָב זיך שטאַרק פאַראינטערעסירט מיט דער ביאָגראַפיע. איך האָב זיך געהאַלטן אין איין וואונדערן ביים

ליידנען ווי אזוי אזא שוואך יינגעלע פון דער געטא אין דער שטאט דעסוי, דייטשלאנד, איז געווארן איינער פון די געביל־דעטסטע יידן אין דער וועלט...

א דאנק זיין פאטער, דעם סופר, האט משה צו צען יאר שוין געקאנט די פינף חומשים פון דער תורה. ער איז געווען דער בעסטער תלמיד אין דער ישיבה. איך גלויב, אז זיין פאטער האט אים אסך ארויסגעהאלפן...

ווען ער איז עלטער געווארן האט ער זיך באקאנט מיט דעם דייטשן שרייבער לעסינג. לעסינג איז געווארן זיין אמתער פריינט. ער האט מענדלסאנס ערשטן בוך אוועקגעשיקט דרוקן אפילו אן דעם שרייבערס וויסן, ווען דאס בוך איז געווען אפ־געדרוקט, איז זיין נאמען געווארן באקאנט אומעטום.

משה מענדלסאן האט געשריבן אסך ביכער. ער האט גע־וואלט, אז די יידן אין דייטשלאנד זאלן באקאנט ווערן מיט וועלטלעכע לימודים. ער האט געהאלפן גרינדן אזוינע יידישע שולן, וואו יידישע קינדער זאלן זיך באקאנען מיט דער גרויסער וועלט, ער האט זיי גערופן „פרייע יידישע שולן." אין די אמא־ליקע חדרים האט מען געלערנט נאר דאווענען און הייליקע ספרים, אין די פרייע שולן האט מען מיט די קינדער געלערנט שפראכן, נאטור־וויסן און תנ"ך.

משה מענדלסאן האט געוואלט אפשאפן די צוויי געטאס, איינע — אין וועלכער די דייטשן האבן די יידן געהאלטן און די צווייטע, אין וועלכער די יידן האבן זיך אליין געהאלטן...

משה מענדלסאן האט אוודאי געמיינט זייער גוט, אבער זיינע אנהייגער, זיינע תלמידים זיינען אוועק צוביסלעך אויף אנדערע וועגן, זיי האבן זיך דערווייטערט פון דעם יידישן פאלק, פון אונדזער שפראך, זיי האבן זיך ביסלעכווייז אסימילירט און אנדערע האבן זיך אפילו גע'שמדט, זיינע קינדער מיטן אויס־נאם פון יוספן — האבן זיך אויך גע'שמדט.

ווען ער איז געשטארבן אין 1786 — האבן די בעסערע פון זיינע תלמידים געזאגט „משה דער זון פון עמרם האט ארויס־געפירט די יידן פון מצרים, און משה, דער זון פון מענדל האט ארויסגעפירט די יידן פון דער „געטא"...

נאָרד וועסט סייד אַרבעטער רינג שול

רחל לידער

אנטיסעמיטיזם

ווען אימיצער פרעגט דיר "וואס און ווער זיינען די אנטי־סעמיטן?" דארף מען אים צו ערשט דערקלערן ווער די "סע־מיטן" זיינען, כדי ער זאל קענען פארשטיין וואס די "אנטיסע־מיטן" זיינען.

אין דער ביבל ווערט דערציילט, אז נח האט געהאט דריי זין:

"שם, חם און יפת" די קינדער פון "שם" האבן זיך פאר־מערט אין משפחות, פון משפחות אין שבטים, פון שבטים אין פעלקער וועלכע האבן זיך גערופן מיט פאלגענדע נעמען: "אראַ־בער, באבילאנער, העברייער, אסיריער און סיריער", זייערע וואוינערטער זיינען מערסטנס געווען אין מיטל־אזיע.

אין גאנג פון יארן האבן מענטשן פון פאלק אנגעהויבן פארגעסן אז די אלע דערמאנטע פעלקער זיינען סעמיטן, און בלויז די יידן זיינען געבליבן ביי דעם נאמען.

די יידן האבן איבערגעשטיגן די אנדערע פעלקער. זיי זיינען געווען קולטורעלער. ווען אנערע פעלקער האבן געגלויבט אין אפגעטער פון האלץ און שטיין, האבן זיי שוין געגלויבט אין דעם איין גאט "יעהאווא". זיי האבן געהאט די ביבל און נביאים וועלכע האט זיי געלערנט מאראל און צו זיין אנדערש ווי די אנדערע פעלקער. אט, די יידישע "אנדערשקייט" האט ארויסגע־רופן ביי די שכנישע פעלקער א שנאה צו די יידן. זיי זיינען דאס געווארן די ערשטע אנטיסעמיטן.

אין דער געשיכטע געפינען מיר אסך בלעטער וואס זיינען פארשריבן מיט יידיש בלוט, אלץ צוליב זייער רעליגיע. אזוי ציט זיך דאס ביז היינטיקן טאג.

דער אנטיסעמיטיזם איז פאראן איבעראל, אפילו אין אזא מין דעמאקראטיש לאנד ווי אונדזער אמעריקא. היטלער, האט אים דא נאך מער פארשפרייט, זיין טעאריע אז, אדיער זיינען

פון א "העברער ראַסע" איז אריין סיי אין די "הויכע־פענצ־טער", סיי אין פאָלק.

דער אַנטיסעמיטיזם איז דאָ נאָך מער פאַרשפּרייט געוואָרן דורך די אייגענע היטלערס": ווי פאַדער קאָגלין, ווי רעק דזשעראַרד ק. סמיט, און פון אַנדערע באַצאָלטע און ניט באַצאָלטע אַגענטן.

איך בין נאָך צו יונג צו פאַרשטיין די גאַנצע אַנטיסעמיטישע פּאָליטיק וואָס גייט אָן אין לאַנד. איך ווייס אָבער, אַז ביי פאַרשיידענע געלעגנהייטן שרייט מען אַלץ: "די יידן זיינען שולדיק."

ניט איין מאָל פּילן מיר יידישע קינדער, אָנהייבנדיק פון פּובליק־סקול און העכער, ווי אַ קריסטלעך קינד וועט באַליידיקן אַ יידיש קינד, און אים אָנרופן "שמוציקער ייד!" ניט אַלע קינדער קענען און ווייסן מיט וואָס אָפּצוענטפערן. איך האָב אַמאָל געהאַט אַזאַ פאַל, האָב איך זיך געפילט זייער באַליידיקט, און איך האָב עס נאָך ביז היינט ניט פאַרגעסן.

אַסך קענען מיינען, אַז אין קאָלעדזש וואו אַלע בחורים און מיידלעך זיינען שוין אינטעליגענט און געלערנט, אַז דאָרט איז ניטאָ קיין אַנטיסעמיטיזם. מאַכן זיי אַ טעות. איך ווייס פון אַ פאַל ווען מען האָט באַדאַרפט אויסקלייבן "אָפיסערס" עפּעס פאַר אַ קלוב, איז אַ יידישער בחור אויך "געלאָפן." די קריסטלעכע סטודענטן האָבן אַגיטירט צווישן זיך מען זאָל אים ניט אויסקלייבן, ווייל ער איז אַ ייד.

ניט איין מאָל פרעגט מען זיך: וואָס קען מען טאָן צו באַקעמפן דעם אַנטיסעמיטיזם? דאָס איז אַ פראַגע אויף וועלכע מען קען אַזוי גרינג ניט ענטפערן. איך ווייס אַז עס איז פאַראַן אַ פאַראיין פון קריסטלעכע און יידישע פּריסטער וואָס פּרואוון איינשטעלן גוטע באַציאונגען צווישן יידן און קריסטן. די "אַנטי דעפאַמיישאַן" ליג פון "בני ברית" טוט עפּעס. איך ווייס אָבער ניט, אויב עס העלפט.

איך גלויב אַז די בעסטע זאַך איז, צו דערציען אונדזערע קינדער אַלס שטאָלצע יידן. זיי זאָלן גוט ווייסן זייער געשיכטע, ליטעראַטור און יידיש לעבן. זיי זאָלן קענען געבן זייערע שונאים

דעם פאסיקן ענטפער ווען מען דארף, און אויך נוצן דעם קולאק אויב מען דארף. דער קולאק איז אמאל דער בעסטער ארגומענט.

מעגלעך, אפשר איצט, נאך דער מלחמה, ווען אזויפיל יידישע בחורים און מיידלעך האבן זייערע לעבנס אוועקגעגעבן אין קאמף פאר דעמאקראטיע, און פאר דער באפרייאונג פון מינאריטעטן־פעלקער. אפשר וועט מיט זייער בלוט אפגעוואשן ווערן דער אומזיסטיקער אנטיסעמיטיזם צום יידישן פאלק.

ווער ווייסט? אפשר?!

▼

שיינדל געטנער

דענקט איר ניט אזוי?

מיר די קינדער אין אמעריקא האבן זיך קיינמאל ניט געקענט פארשטעלן די צרות וואס עס שטייען אוים די מענטשן פון די אקופירטע לענדער—בכלל, און די יידן בפרט.

ווי אלע ווייסן, פארנעמען זיך ניט קיין קינדער מיט "פאליטיקס", און מיר לייענען דאס ניט אין די צייטונגען. אויך אויף דער ראדיא ווען מען רעדט פון אזעלכע זאכן, הערן מיר זיך ניט איין, ווייל יעדער פון אונדז האט זיין "פייווערים" פראגראם צו וועלכער מיר הערן זיך איין.

אין דער יידישער שול אבער, איז מיר יא אויסגעקומען צו הערן ריידן וועגן אזעלכע זאכן. אונדזער לערער האט אונדז אייניקע מאל דערציילט וועגן דעם. איך מוז זאגן דעם אמת, אסך זאכן האב איך ניט געגלויבט. איך האב זיך ניט געקענט פארשטעלן אז קינדער האבן ניט קיין שטיקל ברויט, קיין ביסל מילך.

מיר, די קינדער דא, ווייסן, ווי שווער די עלטערן זאלן ניט דארפן ארבעטן, אבער די קינדער וועלן זיי באזארגן מיט אלעם, אפילו מיט אייזקרים און אנדערע לוקסוס־זאכן.

איך האב זיך אויך ניט געקענט פארשטעלן ווי אזוי מענטשן קענען וואוינען אין א צעשאסענער הויז אן א דאך, און ווען

עראפּלאנען קומען אַז ביינאַכט, מוז מען אויפשטיין פון שלאָף און לויפן אין שוץ־קעלער.

מיינט איר, אַז איך בין בלויז איינע וואָס האָט ניט גע־גלויבט? עס זיינען פאַראַן אסך אזעלכע ווי איך, וואָס גלויבן נאָך איצט ניט. איך דענק, עס נעמט זיך פון דעם וואָס מיר לעבן דאָ צו זאַט. מיר האָבן צופיל פון אלעם, כאָטש מיר זיינען אין דער מלחמה. אנדערע באַקלאָגן זיך וואָס זאכן זיינען "גע־רייִשנט" איך מיין אַז דאָס איז נאַריש.

איך גלויב, אַז מען וואָלט אין די סקולס באַדאַרפט דער־ציילן צו די קינדער וואָס היטלער האָט געטאָן מיט די מענטשן אין די אָקופּירטע לענדער. מען דאַרף אויך אלעמען דערציילן וואָס מען האָט געטאָן מיט די יידן. זאָלן די קינדער וויסן, אַז היטלער האָט צוגענומען די קינדער פון זייערע עלטערן אין ספּעציעלע קעמפּס, און דאָרטן האָט מען זיי געלערנט הרגענען מענטשן, אפילו דייטשן, אויב זיי זיינען קעגן היטלערן. אסך קינדער האָבן טאקע פארמסרט זייערע עלטערן, אַז זיי זיינען קעגן היטלערן און מען האָט זיי דערפאַר פאַרשיקט אין קאָנ־צענטראַציע קעמפּס.

דאָס וואָלט אונדז געלערנט צו רחמנות האָבן אויף אנדערע מענטשן, ווער זיי זאָלן ניט זיין: יידן, אָדער קריסטן. עס וואָלט געווען זייער גוט, ווען די קינדער פון אמעריקא זאָלן אָפּשפּאָרן זייער געלט וואָס זיי גיבן אוים אויף נאַשעריי, און שאַפן א גרויסן פאָנד צו העלפן די אָרימע קינדער און יתומים פון איי־ראָפּע.

דענקט איר ניט אזוי?

▼

אברהם פּאול

ווען מיר האָבן "פּראָספּעריטי", נאָך דער מלחמה?

שוין איצט, איידער די מלחמה האָט זיך פאַרענדיקט, זיצן שוין אונדזערע "גרויסע קעפּ" און קלערן ווי אזוי זאָלן מיר

באזארגן אונדזערע באַיעס מיט ארבעט ווען זיי וועלן זיך אומ־קערן אהיים פון יענער זייט ים.

אַלע האָבן מורא, עס זאָל זיך ניט איבער׳חזר׳ן דאָס, וואָס עס איז געווען נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה. מיין טאַטע האָט מיר דערציילט פון די ״ברויט־ליינס״, פון די ״מארשן קיין וואשינגטאָן״, דאָס ״פּעדלען מיט עפּל״ אויף אַלע גאַסן, און פּרעזידענט הואווער האָט אַלעמען צוגעזאָגט, אז ״די פּראָספּע־ריטי איז שוין ״ארום קאַרנער״, און יעדער וועט האָבן ״א הון אין טאָפּ.״

נאָר פון די אַלע ״צוזאָגונגען״ איז גאָרניט געוואָרן.. די ארבעטסלאָזיגקייט איז געוואָרן גרעסער און גרעסער ״סטאָקס״ האָבן גענומען פאַלן; באַנקן באַנקראָטירן און די ארבעטסלאָזיג־קייט נאָך גרעסער, אין די באַנקראָטן האָבן מענטשן פארלאָרן זייערע לעצטע עטליכע דאָלער. דער קריזיס איז געקומען צו דער העכסטער שטופּע.

צום גליק, איז פ. ד. רוזוועלט אויסגעקליבן געוואָרן פאַר פּרעזידענט. מיט גרויסע צרות האָט ער קוים איינגעשטעלט אביסל אָרדענונג. אָבער ארבעט שאַפן פאַר אַלעמען איז געווען אוממעגלעך. אזוי האָט זיך עס געצויגן ביז דער צווייטער וועלט־מלחמה. איצט, איז פארקערט, ארבעט איז פאַראַן אסך און אר־בעטער ווייניק. די וואָס ארבעטן פאַרדינען גוט. מען שפּאָרט געלט, מען קויפט ״באָנדס״. מענטשן זיינען קליגער געוואָרן, מען האָט מורא פאַר דעם ״שווארצן טאָג.״ אסך גערענקען נאָך יענע צייטן.

אָבער רוזוועלט פארלאָזט זיך ניט אויף די מענטשן אַליין. ער ווייסט אז דאָס מוז מען פריער באַטראַכטן, און אויסזוכן א וועג, ערשטנס, אז די ״באַיס״ זאָלן ניט דאַרפן ״פּעדלען״ מיט עפּל. צווייטנס, אז אַלע וואָס ארבעטן איצט, זאָלן אויך האָבן ארבעט שפּעטער, און עס זעט זיך ארויס, אז אזוי וועט עס זיין.

ערשטנס, וועט אונדזער איינן לאַנד דאַרפן האָבן אסך זאַכן וואָס ווערן איצט ניט געמאַכט, ווי אויטאָמאָבילן, פּריר־קאַסטנס, ״וואַקיום־קלינערס״, ראַדיאָס, און עס וועט נאָך צוקומען נאָר נייע זאַכן ווי טעלעוויזשאָן, און אסך אנדערע נויטיקן זאַכן.

צווייטנס, רעדט מען אסך, אז אלע אייראפּייִאישע לענדער וואָס זיינען איצט צעשטערט וועלן דאַרפן אסך זאכן איינקויפן אום צו קענען זיך אויפבויען, ווייל זייערע פאבריקן זיינען צע־שטערט, זיי וועלן אפילו דאַרפן קויפן מאשינען צו קענען מאכן אייגענע מאשינען, אזא ארבעט וועט לאנג געדויערן.

דריטנס, וועט מען ביי אונדז אליין, אויך דאַרפן בויען נייע הייזער, וועגן, בריקן, סקולס, ווייל אין די יאָרן פון מלחמה האָט מען אסך זאכן אָפּגעלאָזן. אזוי ארום, דוכט זיך מיר, אז ארבעט וועט זיין גענוג. בפרט נאָך, ווען גאָר אסך פרויען וועלן "אויס־טאָן די הויזן" און ווערן צוריק "היימישע ווייבער" ווי זייערע מאַמעס זיינען געווען. דערפאַר גלויב איך, אז קיין "קריזיס" וועט נאָך דער איצטיקער מלחמה ניט זיין.

די איינציקע זאך וואָס מיר דאַרפן איצט טראַכטן, איז ווי אזוי צו געווינען די מלחמה און דעם שלום, און דאָס, וואָס שנעלער. איך האָף, אז דאָס וועט אינגיכן געשען. מיר דאַרפן אויך זען אז מער קיין מלחמות זאָלן שוין ניט פאַרקומען, און אלע מענטשן פון דער וועלט זאָלן לעבן אין פרידן אין א שענע־רער און בעסערער וועלט.

▼

רבקה שניידער

זיינען מלחמות נויטיק?

די פראַגע מוז קלינגען זייער נאַריש. ווער דאַרף עס מלחמות? מיר ווייסן דעם חורבן וואָס א מלחמה ברענגט. מיר דאָ אין אמעריקא זיינען קיינמאָל ניט אָנגעפאלן אויף אַנדערע לענדער זיי צו פאַרכאַפּן מיט געוואַלד.

איך פרעג וואָס זאָלן מיר טאָן ווען א צווייטע לאַנד פאַלט אָן אויף אונדז, ווי יאפּאַן האָט עס געטאָן אין פּוירל־האַרבאָר, און ווען די נאַציס האָבן אָנגעהויבן דערטרינקען אונדזערע שיפן? דעמאָלט זאָג איך, מוזן מיר זיך קעגנשטעלן. אלע ווי איינער, יונג און אַלט. מיר מוזן אויסראָטן אונדזערע שונאים. זיי זאָלן

מער ניט וועלן צו שטערן אונדזער לעבן און אונדזער פרייהייט פאר וועלכע מיר האָבן אזוי פיל בלוט און לעבנס אוועקגעגעבן.

מיר יידן, וועלכע האָבן געפונען א זיכערע היים אין אמע־ריקע, און אסך ארויסגעהאָלפן דעם לאנד אין איר אנטוויקלונג אויף אלע געביטן. מיר וועלן אלע ווי איינער העלפן אונדזער לאנד, העלפן דער׳הרגענען די ״יאפּאנישע מאסכע״ און דעם ווילדן ״היטלער מאָנסטער.״

מיר די יידן האָבן מיט היטלערן א טאָפּעלטן חשבון. חוץ וואָס מיר זיינען אמעריקאנער, זיינען מיר אויך יידן. און אלע יידן פון איראָפּא זיינען אונדזערע ברידער, און מיר וועלן נעמען א צווייענדיקע נקמה.. קיין זאך וועט ניט אָפּשרעקן אונדזערע יידישע בחורים.· פאר יעדן דערהרגעטן יידן וועט מען פינף נאצים אומברענגען. איך גלויב, אז נאָך דער איצטיקער מלחמה וועלן די דייטשן שוין פארזאָרגן קינדס־קינדער זיי זאָלן מער קיין מלחמות ניט מאכן. היטלער האָט געזוכט ״לעבנס־רוים.״ און דאָס דייטשע פאָלק איז געווען גליקלעך און צופרידן ווען ער האָט איינגענומען לאנד נאָך לאנד און געבראכט צו זיי די אלע אָנגערויבטע זאכן. זיי האָבן געמיינט, אז היטלער וועט איינגעמען גאנץ איראָפּע, און זיי וועלן הערשן איבער אלעמען..

איצט, ווייסן שוין די דייטשן, אז דעם ״לעבנס־רוים״ וואָס היטלער האָט געגעבן צו זייערע זין, געפינט זיך אויף די גרויסע בית־עולם׳ס פון רוסלאנד, פוילן, פראנקרייך, איטאַליע און אַנ־דערע לענדער.

און וואָס איז געוואָרן פון דייטשלאנד? אויך ניט מער ווי א גרויסער בית עולם. דאָס זעלבע וועט אויך זיין מיט יאפּאַן. אויב יאַפּאַן איז ניט געווען אזוי אנטיסעמיטיש ווי די נאצים, זיינען זיי אויך ניט בעסער פון זיי. פאר דער ״יאפּאנישער־מאַלפּע״ איז אויך קליין די וועלט. איך בין זיכער, אז גאָר אינ־גיכן וועלן מיר אונדזערע שונאים איינברעכן, און אפשר וועט שוין פארווירקלעכט ווערן די רייד פון דעם נביא ישעיה: ״עס וועט קומען א צייט און מען וועט איבערשמידן די קאַנאַנען אויף אקעראייזענס, און די שווערדן אויף גארטנמעסערס.

איך גלויב, אז די איצטיקע מלחמה איז געווען נויטיק.

וועלוול פּאָרטנאָי

א מאָדנע פּראַגע

אונדזער שכנ'ס אינגל—מיינער א חבר, אויך אין מיין עלטער, האָט באַמערקט ווי איך גרייט זיך צו די עקזאַמענס און איך בין פאַרנומען אַלץ מיט אַרבעט פאַר דער אידישער שול, אַלעמאָל ווען ער קומט אַרויף מיך רופן זיך גליטשן, שליטלען, אָדער גלאַט "שיסן" מיט שניי־קוילן, ענטפער איך אים: "ניטאָ קיין צייט, בערנאַרד, זעסט, איך דאַרף איבערלייענען אַזויפיל זייטלעך יידישע געשיכטע, איך דאַרף אָנשרייבן א קאָמפּאָזיציע, און צוגרייטן א גראַדואיר־רעדע. אין צוויי וואָכן אַרום, וועל איך ערשט ווערן פּאַרטיק. בערנאַרד האָט געקוקט אויף מיר, און מיט א חוזק־שמייכל געענטפערט: (מיר האָבן גערעדט ענג־ליש, איך גיב עס איבער אין יידיש) — אין צוויי וואָכן אַרום? אפשר וועט אין צוויי וואָכן אַרום גאָר אינגאַנצן שוין קיין שניי ניט זיין! צו וואָס פאַר א טייוול דאַרפסטו האָבן די יידישע שול וואָס נעמט ביי דיר אַוועק די צייט, ווען אַנדערע קינדער שפּילן זיך און פאַרברענגען מיט זייערע חברים און חברטעס? איך האָב זיך געפילט באַליידיקט וואָס ער האָט אָפּגעלאַכט פון מיר, און מיט גרינגשעצונג גערעדט וועגן דער יידישער שול. איך האָב פאַרביסן די אונטערשטע ליפּ, א בייזן קוק געטאָן אויף אים און געזאָגט: — זעץ זיך, בערנאַרד, איך וויל מיט דיר עפּעס ריידן.

בערנאַרד האָט זיך באַקוועם אַוועקגעזעצט און נאָך מיט מער חוצפה א זאָג געטאָן:

—שיס! לאָמיך הערן וואָס דו האָסט צו זאָגן.

— זאָג מיר, בערנאַרד, ביסטו א ייד?

—אוודאי בין איך א ייד! דו געדענקסט ווען מיין בר־מצוה איז געווען!

— יאָ, דיין "בר מצוה" געדענק איך גוט, מיט בר־מצוה'ס אַליין ווערט מען אָבער נאָך ניט קיין ייד? דיין ענגלישן "ספּיטש"

וואָלט אַ גויִש ייִנגל אויך געקענט אויסלערנען, און ער וואָלט אים געקאָנט זאָגן פּונקט אַזוי גוט ווי דו· דענקסטו, אַז דאָס גויִשע ייִנגל וואָלט דורך דעם "בר מצוה־ספּיטש" געוואָרן אַ ייִד?

— זיכער ניט!

—זאָג מיר וואָס דאַרף קענען אַ פראַנצויזיש ייִנגל ער זאָל זיין אַנדערש פון אַן אַמעריקאַנער ייִנגל?

—ער דאַרף קענען די פראַנצויזישע שפּראַך, די געשיכטע פון זיין לאַנד, אַביסל ליטעראַטור, און אַזוי ווייטער.

—זאָג זשע מיר וואָס פאַר אַ ייִד ביסטו, אַז דו קענסט ניט דיין שפּראַך, דו ווייסט ניט די געשיכטע פון ייִדישן פאָלק, דו ווייסט ניט די באַטייטונג פון אַ ייִדישן יום טוב, און ווייסט אַפילו ניט וואָס היטלער האָט געטאָן מיט די ייִדן אין אייראָפּאַ?

—אַ קליין ביסל ווייס איך יאָ. אָבער איך האָב גאָרניט צו טאָן מיט די ייִדן אין "יוראָפּ". איך בין אַן אַמעריקאַנער·

—"נאָטס" בסטו אַן אַמעריקאַנער! דו ביסט אַ ייִד גע־באָרן אין אַמעריקע. מיר האָבן דאָ אויך גענוג היטלעריסטן וואָס וואָלטן געטאָן מיט אונדז דאָס זעלבע וואָס היטלער האָט געטאָן, ווען זיי זאָלן קענען. די ייִדן אין דייטשלאַנד האָבן אויך גע־מיינט אַזוי ווי דו·

—וואָס מיינסטו? האָט בערנאַרד אַ דערשראָקענער אַ זאָג געטאָן.

— הער וואָס איך מיין. אויב דו ביסט אַ ייִדיש ייִנגל, דאַרפ־סטו וויסן אַלץ וואָס אַ ייִד איז, און אויב אימיצער באַליידיקט דיך, זאָלסטו וויסן וואָס צו ענטפערן· דו ביסט ניט קיין ייִד און

בערנאַרד, האָט דערפילט, אַז איך בין גערעכט, זיין קול איז געוואָרן שטילער,, און ער האָט קלערנדיק אַ פרעג געטאָן: ניט קיין גוי!

—וואָס דאַרף איך קענען, איך זאָל זיין אַ ייִד ווי דו?

הער, בערנאַרד, וואָס די ייִדישע שול פון וועלכער דו האָסט ערשט אָפּגעלאַכט — האָט מיר געגעבן, צו ערשט, לייענען און שרייבן ייִדיש, נאָכדעם, ביבלישע לעגענדעס, און אַנדערע שיינע

מעשהלעך, באקאנטשאפט מיט די פירער: משה און יהושע, און די ריכטער, דבורה, שמשון, יפתח, עלי און שמואל, נאכדעם די יידישע קעניגע, שאול, דוד, שלמה און אנדערע.

—וואס) קעניגע? די יידן האבן געהאט זייערע אייגענע קעניגע? ווען איז דאס געווען?

—כא־כא־כא! ווען זיי האבן געהאט אן אייגן לאנד, האבן זיי געהאט קעניגע. וואס־זשע ווייסט דאס גארניט?

—פון וואנען זאל איך עס וויסן, אז איך האב עס קיינמאל ניט געלערנט. איך דענק, אז מיינע עלטערן ווייסן עס אויך ניט.

—דיין טאטע ווייסט עס זיכער. ער איז ניט געבארן געווארן דא אין אמעריקע. דיין טאטע רעדט גוט יידיש. די צרה מיט אים איז, וואס ער מאכט זיך פאר א גאנצן "יענקי", און אויף קריסטמעס שטעלט ער דיר אריין א "קריסטמעס־טרי", כדי די גוי'עשע שכנים זאלן מיינען, אז ער איז ניט קיין ייד. ער ווייסט גאר ניט אז די גויים לאכן פון אים.

—ביסט גערעכט, פרענק; דער פאלאק, האט מיר טאקע גע־פרעגט פארוואס מיר האבן א "קריסטמעס־טרי". זאג, מיר, ווילי, דיין טאטע ווייסט פון די אלע זאכן וואס דו האסט גערעדט?

—א פראגע, אויב ער ווייסט? מיין טאטע־מאמע האבן גע־וואלט, איך זאל וויסן וואס זיי ווייסן, דערפאר האבן זיי מיך גע־שיקט אין דער יידישער שול. אבער, איך בין נאך ניט פארטיק. איצט, וועל איך ערשט דארפן לערנען פיר יאר אין מיטל־שול. דארטן, וועל איך לערנען א סך שווערע זאכן, איך האף ווען איך וועל ענדיקן מיטל־שול וועל איך ארויס אין דער וועלט א גוטער און שטאלצער ייד, און ניט קיין נאכקרימעניש ווי דו, און אנדערע ווי דו, זיינען. איך דענק, אבער, בערנארד, אז דאס איז ניט דיין שוד, נאר די שולד פון דיינע עלטערן.

בערנארד האט זיך אן אומעטיקער אויפגעשטעלט, און א זאג געטאן:

—איך וועל היינט האבן א "הייסן־געשפרעך" מיט מיין טאטן. א דאנק דיר, ווילי.

א שטילער האט בערנארד פארלאזט מיין צימער.

אסתר בעקער

צוויי דורות

די מעשה וואָס איך וויל אייך דאָ דערציילן, האָט זיך אָנגע־הויבן אין דער צייט פון דער ערשטער וועלט־מלחמה און האָט איר פאָרטזעצונג אין דער איצטיקער מלחמה.

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

פיליפּ, איז געווען א בן יחיד ביי זיינע עלטערן, וועלכע זיינען געווען אָרימע קרעמער. זיי האָבן זייערע לעצטע פּענים אוועקגעגעבן, און פיליפּן געשיקט אין קאָלעדזש. זיין מאַמע האָט געוואָלט האָבן א דאָקטאָר אין דער משפּחה. פיליפּ האָט עס אָפּגעשאַצט, און אין די אָווענטן ווען ער איז פאַרטיק גע־וואָרן מיט זיין "היים־ארבעט", האָט ער געשיקט טאַטע־מאַמע שלאָפן. און איז אליין געשטאַנען אין סאָדע־קרעמל ביז האַלבע נאַכט. יונג און אַלט האָבן פיליפּן ליב געהאַט. און די עלטערן האָבן זיך געפילט גליקלעך.

פונקט אין יענער צייט האָט זיך אָנגערוקט די ערשטע וועלט־מלחמה.

פיליפּ, א גרויסער פּאַטריאָט פון וואודראָו ווילסאָן'ס פּערצן פּונקטן, האָט זיך מיט אַלע כוחות געריסן צו גיין "ענליסטן". ער האָט געפילט, אז זיין פליכט איז צו גיין איצט, און ניט צו וואַרטן ביז מען וועט אים רופן. עס האָט ניט געהאָלפן דאָס בעטן און וויינען פון זיינע טאַטע־מאַמע, ער זאָל וואַרטן, ביז מען וועט אים רופן. פיליפּ האָט זיך "ענליסטעט."

פיליפּ, איז אריין אין "א מעדיקל־יוניט", און אין דריי חדשים שפּעטער, איז ער שוין געווען אויף די פראַנצויזישע שלאַכט־פעלדער. א.לע האָבן באוואונדערט פיליפּס בראַווקייט. דער גרעסטער האָגל פון פייער האָט אים ניט אָפּגעהאַלטן, ארויס־צוראַטעווען די פאַרוואונדעטע. זיינע עלטסטע האָבן אים גע־וואָרנט ניט צו קריכן צום "טייוועל אין מויל" אריין. ער איז אָבער געווען מזל'דיק. קיין קויל האָט אים ניט גענומען.

אָבער אין איין רגנדיקן טאָג, האָט זיך דאָס מזל אָפּגע־טאָן פון דעם "לאַקי־פּיל", ווי מען האָט אים דאָרטן גערופן. אין יענעם טאָג, האָט פּיליפּ א באַלאַדענער מיט א גרויסן זאַק "ערשטע הילף" זיך אַוועקגעלאָזט צום שלאַכטפעלד. ער איז אריין צווישן א קרייץ־פייער. קריכנדיק אויפן בויך האָט ער געהערט ווי א האָגל פון קוילן פליען איבער אים. מיט אמאָל האָט ער דערפילט א שווערן דרוק אין דער לופט וואָס האָט אים צוגעקוועטשט צו דער ערד, און אים ניט געלאָזט ווייטער קריכן. א גרויסער קראַך, און גרויסע שטיקער שפּליטער פון א באָמבע האָבן פייפן באהאָגלט.

וואָס מיט אים האָט געטראָפן, האָט פּיליפּ שוין ניט גע־וואוסט. אויפן דריטן טאָג ווען ער האָט זיך אויפגעכאַפּט, האָט ער זיך געפונען ערגעץ אין א שפּיטאָל (ניט אין זיין פעלד־שפּי־טאָל), און זיין גאַנצער קערפּער. חוץ'ן קאָפּ איז געווען באַנ־דאַזשירט. לעבן אים איז געווען א נוירס וועלכע האָט מיט דער־שראָקענע אויגן געקוקט אויף אים.

פּיליפּ, האָט זיך ארומגעקוקט אין אלע זייטן, און קוים ארויסגערעדט:

—וואו בין איך? און וואָס טו איך דאָ?

— זעסטו דען ניט, אז דו ביסט אין א שפּיטאָל? דאָס ערגסטע ביזטו שוין איבערגעקומען. פערצן שטיקלעך שפּליטער פון א באָמבע האָט מען פון דיין קערפּער ארויסגענומען. איך האָב זיי אלע. דר. קענטאָן האָט געהייסן איך זאָל זיי באהאַלטן, און זיי דיר געבן פאַר א סואַווענירן ווען דו וועסט פילן בעסער.

א קרומער שמייכל האָט פאַרצויגן פּיליפּס פּנים, און קוים וואָס מען האָט געהערט, האָט ער זאָג געטאָן:

—פערצן שטיקלעך שפּליטער, לויט די פערצן ווילסאָן פונקטן.

די נוירס האָט ניט פאַרשטאַנען וואָס ער מיינט דערמיט, איר האָט זיך געדוכט, אז דאָס רעדט פון אים דער "שלאָף־גע־טראַנק" וואָס האָט נאָך פון אים ניט אויסגעוועפּט.

טעג און נעכט זיינען געגאַנגען, און די נוירס "דזשין" ווי

מען האָט זי גערופן, האָט ווי אַז אייגענע שוועסטער געוואַכט איבער אים. זי האָט אים געוואַשן, געשמירט די וואונדן, זיי איבערגעבונדן, בריוו פאַר אים געשריבן אהיים, און איז געווען גליקליך ווען פיליפּ האָט געקענט אַ קליין ביסל אַראָפּגיין פון בעט. זיי זיינען צוגעבונדן געוואָרן איינער צום צווייטן ווי שוועסטער און ברודער. אַלע נויִרסעס פון שפּיטאָל האָבן גע־וואוסט אַז דזשין איז פאַרליבט אין פיליפּן, קיינער האָט עס אָבער פאַרן מויל ניט געבראַכט. ווייל זייער ליבע איז געווען אַזאַ צאַרטע, אַזאַ ריינע, פּונקט ווי אין אַ קינדעריש מעשה'לע.

איבער גליקליך איז דזשין געווען, ווען פיליפּס וואונדן האָבן זיך־פאַרהיילט, און ער האָט שוין געקענט אַרויסגיין אַביסל אין דרויסן אויף דער זון. דער הויפּט־דאָקטאָר וואָס האָט איבער־געקוקט די פאַרוואונדעטע וואָס קענען זיך שוין אַליין באַוועגן, איז אַרויסגעקומען און האָט זיי געמאָלדן, אַז אינגיכן וועלן זיי פאָרן אהיים קיין אַמעריקע. זיי קריגן אַ "מעדיקאָל־דיסטשאַרדזש." צווישן דער גרופּע, איז אויך פיליפּ געווען. ווען דזשין האָט דאָס דערהערט, האָט זי געוואָלט אויסשרייען: "ניין, ניין! שיקט אים ניט!" איר געשריי איז פאַרשטיקט געוואָרן אין האַלדז, און טרערן האָבן גענומען רינען פון אירע אויגן.

מיט אַמאָל אַ טומל. מען האָט גענומען לויפן, שרייען: "שלום! שלום! די מלחמה איז אָפּגעשטעלט!" מען האָט זיך גע־האַלדזט, געקושט און געוויינט פאַר פרייד. דזשין און פיליפּ האָבן זיך אויך געקושט, און מיט פרייד־טרערן אין די אויגן, האָבן זיי איינער צום צווייטן גערעדט:

— איצט, וועלן מיר שוין פאָרן אהיים צוזאַמען.

דריי חדשים האָט געדויערט, ביז דזשין און פיליפּ זיינען קיין אַמעריקע געקומען, און אין צוויי וואָכן אַרום, האָבן זיי חתונה געהאַט. פיליפּ, האָט פאָרטגעזעצט זיין מעדיצינישן שטודיום, און אין צוויי יאָר אַרום איז ער געוואָרן אַ דאָקטאָר. דזשינס פאָטער וועלכער איז געווען אַ פאַרמעגליכער קליידער־פאַבריקאַנט האָט אויסגעשטאַט פיליפּס אָפיס מיט די נייעסטע אינסטרומענטן טאַקע אין דעם געגענט וואו פיליפּ האָט גע־לעבט ביז ער איז אוועק אין דער אַרמיי. אין אָפיס אויפן שרייב־

טיש, האָט פיליפּ וועקגעשטעלט א גלעזערנע קריגל אין וועלכע עס זיינען געלעגן די פּערצן שטיקלעך שפּליטער וואָס מען האָט פון זיין קערפּער ארויסגענומען.

פאַר די צוויי יאָר איז דזשין דערווייל געוואָרן א מאַמע פון א צווילינג — צוויי יינגלעך. יאָרן זיינען געגאַנגען. די יינגלעך זיינען אויסגעוואַקסן. זיי זיינען שוין סטודענטן אין א באָוואָסטן קאָלעדזש. פיליפּ און דזשין האָבן נחת געהאַט פון זייער צווילינג. שוין דריי און צוואַנציק יאָריקע בחורים.

מיט אַמאָל די צווייטע "גלאָבאַלע־מלחמה". דער צווילינג, פּונקט ווי זייער טאַטע, האָבן אויך ניט געוואַרט ביז מען וועט זיי רופן. זיי זיינען אויך אוועק און זיך "ענליסטעט", און ביידע זיך פאַרשריבן אין "עיר־קאָר." צום גראַדואיר־יום טוב ווען דער צווילינג האָט באַדאַרפט באַקומען זייערע "פליגל" אלס "פּיי־לאָטס", זיינען פיליפּ מיט דזשינען אויך איינגעלאַדן געוואָרן. זיי האָבן זיך ביידע אָנגעטאָן, ער איז זיין לעגיאָנערן יוניאָן־פאָרמע, און זי אלס נוירס באַהאַנגען מיט מעדאַלן און אוועקגע־פאָרן צו דעם פלי־פעלד וואו דער צווילינג איז געווען.

דער קאָמאַנדיר פון פלי־פעלד האָט זיי אויפגענומען מיט כבוד און פאַרגעניגן. ער האָט געלויבט זייערע זינס פּאַטריאָ־טישקייט און גרייטקייט זייער לעבן אוועקצוגעבן אַר זייער פאָ־טערלאַנד."

ארויסקומענדיק פון אָפּיס האָבן זיי געזען ווי אלע "פרישע" טאַטע־מאַמע האָבן בלויז באַוויזן צו באַגריסן דעם צווילינג מיט פליער זיינען שוין אויסגעשטעלט אין צוויי גלייכע שורות. א ברייטן שמייכל. די צערעמאָניע האָט זיך באַלד אָנגעהויבן. נאָך דער צערעמאָניע האָבן עלטערן און קינדער זיך געקושט, זיך געוואונטשן גליק. ביי פיליפּן האָבן טרערן גערונען פון די אויגן. ער האָט זיך אָפּגעדרייט אין א זייט, און געקלערט: "זאָל כאָטש די איצטיקע מלחמה זיין די לעצטע. אין אונדזער צייט זיינען ווילסאָנס פערצן פּונקטן צעריסן געוואָרן פּונקט ווי די באָמבע איבער מיר פון וועלכער איך האָב 14 וואונדן אלס אָנ־דענק. איך האָף, אז דער צווייטער דור וועט שוין ניט באַגיין אזא נאַרישקייט."

דזשין איז צוגעקומען צו פיליפן, גענומען אים אונטערן אָרעם, און צוזאמען מיטן צווילינג זיינען זיי אוועק אין האָל צום יום טוב׳דיקן מיטאָג וואָס איז געווען צוגעגרייט לכבוד די גראדואירטע פליער און זייערע עלטערן.

▼

שרה גרין

גאז-קאַמערן אין קידוש השם

יעדעס מאָל ווען אונזער לערער חבר א. פּראַוואטינער האָט אונדז דערציילט וועגן די גאז־קאמערן פון מאדאניק און טרעבלינקאָ און אויך וועגן דעם קאמף פון די יידן אין דער ווארשעווער געטאָ, האָב איךביידע זאכן ניט געקענט פארשטיין. מיין שכל האָט ניט באַנומען ווי אזוי מענטשן קענען ווערן אזוי ברוטאָל, און טאָג איין טאָג אויס, אויסהרגענען אזוי פיל מענטשן ווער זיי זאָלן ניט זיין, צווייטנס, ווי אזוי די יידן אין דער געטאָ אויסגעהונגערט, פארמאטערטע, ניט באוואפנטע, קענען זיך שטעלן קעגן אזא באוואפנטער מאכט ווי די דייטשן.

ווען איך האָב איבערגעלייענט דאָס ביכעלע פון ש. מענדעלסאָן, און א גרויסן ארטיקל אין "לייף" מיט בילדער וואָס האָבן פאַרגעשטעלט ווי מען פאַרברענט יידן אויף גרויסע שייטער־פייערן, האָבן זיך מיינע האָר געשטעלט קאפּויר. איך קען זיך גאָרניט פאַרשטעלן, אז אזעלכע זאכן קענען פאַרקומען אינם צוואנציקסטן יאָרהונדערט. צום גרויסן באַדויערן איז דאָס אמת. מען ציילט די אומגעקומענע יידן אין די מיליאָנען.

איצט וואקסט אויס פאר מיר א צווייטע פראגע: מיט וואָס פאר א שטראָף זאָלן די דייטשן באַשטראָפט ווערן. איך קען גאָר אזעלכעס ניט אויסקלערן! מענטשן וואָס קענען מיט אזא קאלטבלוטיקער סיסטעם ארויסרייסן גאָלדענע ציינער פון די הרוגים׳ם מיילער, אויסטאָרטירן די קליידער, וועש און שיך לויט די מאָסן און שיקן דאָס קיין דייטשלאנד פאר אייגענע נוצן, אזעלכעס איז

נאך ניט געהערט געוואָרן. איך פרעג ווי אזוי האָבן זייערע גער־
וועז ניט געפּלאצט פון די געשרייען און געוויינען פון די קליינע
קינדער און מאַמעס ווען מען האָט זיי אין די טויזנטער גע־
שטופּט אין די גאַז־קאמערן, און גלאָסענע שטיין פון דער זייט
וואַנט און ווארטן ביז דער לעצטער קרעכץ איז פארשטומט גע־
וואָרן, און נאָכדעם זיי ארויסשלעפּן פארשטייפטע ווי שטיקער
האָלץ און פארברענען?

אזעלכע מערדער דארפן פון דער ערד אפּגעווישט ווערן!
ווייל אזעלכע, איך וויל זיי ניט אָנרופן מענטשן, וואָס האָבן קיין
רחמנות ניט אויף יענעם, טאָר מען אויף זיי קיין רחמנות ניט
האָבן.

א שאָד בלויז וואָס די מענטשן האָבן זיך ניט געקענט
שטעלן קעגן. זייער איינציק געווער איז געווען וויינען און בעטן
רחמנות. דערפאַר האָט מיין האַרץ זיך געפרייט ווען איך האָב
געלייענט, אז די יידן אין דער וואַרשעווער געטאָ האָבן זיך
קעגנגעשטעלט. יונג און אַלט מיט היימיש־געמאַכטע געווער,
כמעט מיט ליידיקע הענט האָבן זיי זיך געשטעלט קעגן די באַ־
וואָפנטן מערדער מיט טאַנקן, קאַנאָנען און מאַשין־ביקסן. זיי
האָבן געוואוסט אז זיי וועלן אומקומען, אָבער זיך לאָזן אויס־
קוילן ווי שעפּסן האָבן זיי זיך ניט געלאָזט. ביי אַלעמען פון
זיי האָט אויפגעוואַכט דאָס געפיל פון שמשון הגבור: "לאָמיר
שטאַרבן צוזאַמען מיט די פּלישתים." און ווי העלדן זיינען זיי
געגאַנגען אויף א מסירת נפש'דיקן טויט. זיי האָבן אָבער אויך
אומגעבראַכט טויזנטער נאַצים.

אין דער געשיכטע וועלן די נעמען פון די יידישע געטאָ־
העלדן זיכער פארשריבן ווערן, אז די קומענדע דורות זאָלן זיך
אַראָפּנעמען פון זיי א ביישפּיל.

זאָלן זייערע נעמען געבענטשט זיין אויף אייביק!

סימפּאָזיום

נעמי גינזבורג

י. ל. פּרץ

י. ל. פּרץ איז געבוירן געוואָרן אין זאַמאָשטש, פּוילן, ער איז געווען אַ קינד מיט אַ הייסן טעמפּעראַמענט, מיט אויגן ווי "צוויי ברענענדיקע הבדלות." אַלערליי שפּיצלעך האָט ער אָפּגעטאָן זיי־נע מלמדים, מונטער געשטיפט און געלערנט, געטראָגן יידישלעך דעם יאָך פון דער תורה. דער פרייער גייסט פון זיין שטעטל און זיין טאַטע — דער מתנגד אין אַ חסידישער סביבה, זיי ביידע האָבן באַשטימט און געצייכנט זיין ווייטערן וועג.

דאָס שטעטל זאַמאָשטש אָדער ווי פּרץ רופט עס אָן אין שפּאָס "קליין פּאַריז" איז אַ מתנגדישע אינזל אין קרייז פון די חסידישע שטעטלעך, געווען דאָס פרייע און אויפגעקלערטע שטעטל. אַ פרעמדע שפּראַך, אַ ביכל לעזן, בפרט אַ לשון־קודשדיק ביכל, איז קיין גרויסע עבירה נישט געווען.

די גרויסע שלאַכט פון "ליכט און פינסטערניש" איז דאָרט ניט אַזוי פאַרביטערט־פאַנאַטיש געפירט געוואָרן ווי אין אַנדערע, דערבייאיקע שטעטלעך. זיין טאַטע איז אין מיטן דער חסידישער סביבה געווען פון די ווייניקע מתנגדים, אַ פרעמדער ייד און אַ למדן. פּרץ באַצייכנט אים אין שפּאַס ווי אַ "ליבעראַל" און אפשר אַן "אַנאַרכיסט" דאָס הייסט, געווען אַ ייד מיט אַ ביסל אַ פרייערן געמיט ווי אַנדערע.

פּרץ איז פון די ווייניקע גליקלעכע פון יענער צייט, וואָס דערמאָנט ניט זיין קינדהייט מיט סאַרקאַזם און שפּאָט.

זיין קינדהייט איז ליכט געווען, אפשר האָט זיין לויטערע און לייכטע נשמה דערצו פיל מיטגעווירקט. לייכטקייט, זי איז פּרץ'ס מלאך־באַגלייטער געווען ביז צו דער עלטער. זיין תוך אַ לייכטע נשמה, אַ לייכטן בליק, אַ לייכטע פעדער, אַ לייכטן סטיל, אַלץ לויכט און לויטער.

שוין גאָר פרי, אַז ערד צו 14 יאָר, האָט אין פּרצן אויפגע־וואַכט דער "אומרואיקער גייסט." די דיכטערשע נאַטור ווערט

צייטיק פאַר דער צייט, און עפנט זיך זייער פרי פאַר די רעגונגען פון דער פרייער וועלט. יעדער קלענסטער צוג אין לעבן פון יחיד און פון כּלל, וואָס שטייט אין קאָנטראַסט מיט דער אַרומיקער סביבה, מיט דער רוטינע פון טאָג, געניגט דערצו. דער האַרטער קאַפּעלוש פון פעטער, דעם משכּיל, דאָס גרויסע הויז מיטן גאַניק, וואו עס זיצן צוויי מיידלעך, אויף וועלכע מען רעדט. דער ווייטער האָריזאָנט, אַלץ ווערט אַ סבה צו אומרואיקע מחשבות אַלץ רייצט, וועקט, רופט פאַרפירעריש, און מיט האַרץ־קלאַפּעניש און צער און פאַרקלעמטער בענקעניש ווערט פאַר־טיק דער אַפּיקורוס. נו, געוויינלעך, ניט געפּערלעך, נאָר עפּעס שפּירט זיך, עפּעס נייעס קומט, עס ציט צו עפּעס אַנדערש ווי צו דער גמרא. ניט לייכט, אָבער קומט אַן פּרץ׳ס איבערגאַנג. די פאַרשטעלונג פון דער קינדהייט. די פרומע וועלט פון בית־המדרש זאָגט: "אַז אַלץ וואָס געפינט זיך מחוץ פון דער יידישער וועלט איז טמא. נישט מיט אַמאָל לויפט מען פון יידישן אין גוישען בית־המדרש אַריין. מען האָט דאָך אַ יידיש האַרץ, קלאַפּט עס. און עס קומט פאַר אַ קאַמף צווישן "יצר טוב" און "יצר הרע" ווי פּרץ האָט עס שפּעטער געמאָלן אין זיין פּאָעמע מאַניש, און דער סוף איז דאָרט, אַז דער יצר הרע איז גובר. פון טאַטענס צד איז קיין מניעה נישטאָ, די גוטע גוטע מאַמע, ווי דער שטייגער איז, גיט נאָך.

פּרץ לייענט מיט אַ נייגעריקייט די אַלטע און נייע העברעיִ־אישע ליטעראַטור, השכּלה ליטעראַטור, לערנט רוסיש ביי אַ לע־רער, פאַלט אַריין צופעליק אין אַ ביבליאָטעק, ערגעץ אין גוי׳שן קוואַרטאַ, לייענט פּויליש, דייטש, אַלץ וואָס קומט אין דער האַנט אַריין אָן אַ סדר.

און פון דאָ אָן, אויפן גרעניץ פון דער יוגנט, הויבט זיך אָן פּרץ, פּרץ דער דיכטער, דער דיכטער פון גאָט׳ס גענאָד.

ערגיץ וואו אין זאַמאָשץ לעבט אַ יידיש יינגל. דורות לאַנג שפּינט און וועבט אין זיך דאָס פּאָלק אַלערליי שטימונגען, חלומות, סודות, און סימבאָלן. שיקט דער רוח הקדוש זיינע שטראַלן צו אַן אויסדערוויילט האַרץ, צו אַ יינגל אין זאַמאָשץ,

און עס ווערט דער דיכטער, דאָס שטראַלנדיקע האַרץ פון זיין פאָלק.

דאָס אויג זוכט, דאָס האַרץ בענקט, דער מוח גריבלט. אַנ־דערע ענטפערס אויף אַנדערע פּראַגעס. חורבות פון דער אַלטער וועלט און ניט גאַנץ קלאָרע קאָנטורן פון אַ נייער. אַ פאַרלאַנג אַרויסצוגיין פון די ענגע גרעניצן פון שטעטל, אין דער ווייט אַריין. און פּרץ גייט מיט זיינע סודות און ספיקות צום רעלי־גיאָנס־לערער, אַ ליטוואַק, זיך אָן עצה האַלטן. און מיט זיין הילף קלויבט ער זיך אַנטלויפן פון שטעטל. די גוטע מאַמע מערקט עפּעס, שפּירט אַז איר קינד איז אומרואיק, און אַביסל שפּעטער ווערט פּרץ אַ חתן. צו 20 יאָר האָט פּרץ חתונה געהאַט.

שוין דאַמאָלסט שרייבט ער העברייאישע און יידישע שירים, דרוקט זיי אין פאַרשיידענע זאַמל ביכער, און איז אַן אַדוואָקאַט אין זיין שטעטל. ער שיילט זיך זייער לאַנגזאַם אַרויס פון זיין שאָלעכץ. אַזוי ווי דאָס שטעטל וואָלט צווישן אים און דער גרוי־סער וועלט אַ מחיצה געשטעלט. ערשט שפּעטער נאָך אַ סך יאָרן, אין 1889 קומט פּרץ צוליב אַ סיבה קיין וואַרשע, באַזעצט זיך דאָרט און דאָ הויבט זיך אָן זיין אויפשטייג, דאָ ווערט געלייגט דורך אים דער פעסטער פונדאַמענט פון דער נייער יידישער לי־טעראַטור.

מיט דער הילף פון יעקב דינעזאָן, וואָס שטייט זייער נאָענט צו אים, גיט ער אַרויס זיינע "יידישע ביבליאָטעק", "יום טוב בלעטלעך", "ליטעראַטור און לעבן" א. אז. וו. און גרופּירט אַרום זיך אַ נייע גרופּע פון יונגע טאַלאַנטן.

זייט ער האָט זיך באַזעצט אין וואַרשאַ איז ער געווען בע־אַמטער אין דער וואַרשעווער קהלה ביי דער אָפּטיילונג פון דער חברה־קדישא.

די גאַנצע גאַלעריע קאַליקעס און קבצנים, פון אונזערע צוויי גרויסע קלאַסיקער, מענדעלע און שלום עליכם, איז שוין דאַ־מאָלסט אויסגעשטעלט, בטלנים, קבצנים, קהל'ס לייט, ווינט־מענטשן, פון אַלע מינים, פיגורן האַלב מענטש, האַלב חוזק— אַט די גאַנצע כנופיא געיאָגט פון דער סאַטירישער און הומאָ־

ריסטישער בייטש פון די גרויסע שעפער, איז אריבער פאר אונ־זערע אויגן אין פארשיידענע פאזעס, אפגעדעקט די שמאטעס און ארויסגעשטעלט די פעלערן און גרויס איז געווען די קראפט פון די צוויי געשטאלטן, יעדער טיפ, וואס יעדער פון זיי האט געפורעמט האט געהאט דאס פנים פון דער גאנצער כנסת־ישראל. דער איינציקער העלד, דער גרונד מאטיוו, באזונדערס ביי מענדעלען איז געווען ישראליק דער כלל, אין אלע זיינע פאזעס. עס איז עפעס געווען טרויעריק אויפן הארצן. עס האט זיך גע־דאכט, אז ביי אונז איז שוין איבערהויפט אויסער די אלע חוזק־פארשווינען קיין איין איינציקער גאנצער מענטש מיט מענטשלי־כע חושים נישטא. קיין איין איינציקע ליכטיקע געשטאלט, וואס לעבט און לײַדט מענטשליך. עס ליגט אין דער נאטור פון דעם סאטיריקער, וואס איז אין עצם א קריטיקער, אז ער זעט קיינ־מאל די ריינע טראגיק אליין. וואס איז אייביק, נאר שטענדיק געמישט.

פרץ אבער האט גענומען דאס שטענדיקע און אייביקע און געשאפן געשטאלטן. אלץ וואס עס האט זיך געשפינט דורות לאנג אין פאלק. די טיפע סודות פון דער פארגאנגענהייט, דער צייכן פון דער געגנווארט, די רמזים פון דער צוקונפט — דאס אלץ האט געווירקט אויף פרץ'ס אויג. פרץ האט גענומען וואסער־טרעגער, תהילים זאגער, בטלנים, חסידים און זייערע נשמות אנטפלעקט פאר אונז. ער האט זיי באשיינט מיט אידייען פון יושר, עטיק און גערעכטיקייט. דורך זיינע העלדן האט ער אונדז געלערנט שטאלץ זיין מיט אונדזער יידיש לעבן.

פרץ האט פאר אונז לעבעדיק געמאכט די גרעסטע און טיפסטע יידישע באוועגונג — חסידיזם, דערמיט האט ער אונז געהאלפן שאפן אלע מאדערנע יידישע באוועגונגען. ער איז גע־ווען דער פאטער פון דער יידישער ליטעראטור און מאדערנעם יידישן לעבן.

ער איז געשטארבן שרייבנדיק א ליד פאר אונזערע "שול קינדער, שטילער, שטילער, דאנקן וויל ער."

חנה רייזל ווישנער

רש״י

איך וועל ריידן וועגן א פערזענלעכקייט וואס איז אייך זייער גוט באקאנט. איך שטעל זיך גארניט פאר אז עמיצער פון אייך וואס האט אמאל געלערנט אין א חדר זאל אים ניט קענען. דאס איז אונדזער באליבטער און באוואוסטער רב שלמה יצחקי, אדער ווי מיר רופן אים, רשי. האט דען ווער פון אייך געקענט לערנען חומש אן רשי און ווען איר זענט עלטער געווארן און איר האט שוין געלערנט גמרה, האט איר זיכער דאך געמוזט אנקומען צו וואס רשי זאגט, אדער ווי איר פלעגט דאס אנרופן — ״וואס רשי מאכט.״

מיר דא יידישע קינדער אין אמעריקע האבן נישט געהאט די זכיה צו לערנען חומש מיט רשי. ווער איר דאך זאגן אז מיידלאך זיינען פטור פון דעם, זאג איך אייך אז ווען איך האב זיך באקאנט-מיט רשי׳ס ביאגראפיע און דערזען וואס פאר א גרויסער קאמענטאטער אדער פארטייטשער ער איז, האב איך באדויערט וואס איך קען אים נישט אפשאצן לויט דעם ווערט פון זיינע קאמענטארן, נאר בלויז דורך זיין ביאגראפיע. אבער אפילו זיין ביאגראפיע איז זייער א אינטערעסאנטע. איכ׳ל זי אייך פרואוון דערציילן.

דאס איז געווען מיט 900 יאר צוריק. האט אין דער שטאט ווארמס ביים טייך ריין געלעבט זייער א געלערנטער און ארימער ייד מיטן נאמען רב יצחק. אבער ער האט זיך ניט געזארגט וואס ער איז אזוי ארעם. ער האט נאר געהאט צער פון דעם וואס זיין ווייב האט אים קיין קינדער ניט געבארן. פלעגט רב יצחק ארויסגיין הינטער דער שטאט, קיינער זאל אים ניט שטערן און בעטן גאט ער זאל אים צושיקן קינדער.

איינמאל ווען ער איז צוריקגעגאנגען, האט ער געפונען א דימענט. מיט פרייד האט ער אים אוועקגעטראגן צו א יוואוועליר, און דער יוואוועלירער האט געזאגט אז אזא גרויסן דימענט האט

ער נאָך קיינמאָל אין זיין לעבן ניט געזען, און מען קען פאַר אים קריגן אַ סך געלט.

דער בישאָף פון וואָרמס האָט גראָד געזוכט אַ גרויסן דימענט. איינעם האָט ער שוין געהאַט, און ער האָט געוואָלט אַ צווייטן כדי זיי אַריינצושטעלן אַלס די אויגן אין אַ הייליק בילד. ער האָט געוואָלט אָפּקויפן דעם דימענט פון ר׳ יצחקן פאַר אַ סך געלט, אָבער וויפיל געלט ער האָט ניט אָנגעבאָטן, האָט ר׳ יצחק זיך אָפּגעזאָגט צו פאַרקויפן אים דעם דימענט. אַזוי ווי ר׳ יצחק האָט מורא געהאַט מען זאָל איבער גוואַלד ניט צונעמען פון אים דעם דימענט, איז ער אַוועקגעגאַנגען צום טייך ריין, און האָט אַריינגעוואָרפן דעם דימענט אין וואַסער אַריין.

האָט ער דערהערט אַ שטים פון הימל: "דערפאַר וואָס דו האָסט אַוועקגעוואָרפן דעם דימענט, וועט ביי דיר געבאָרן ווערן אַ זון וואָס וועט שיינען איבערן גאַנצן יידישן פאָלק אַ סך שטאַרקער ווי אַלע דימענטן פון דער וועלט!"

און אין דעם זעלביקן יאָר, אין דער שטאָט "טריא" אין פראַנקרייך איז געבאָרן געוואָרן ביי ר׳ יצחק׳ן אַ זון וואָס ער האָט אַ נאָמען געגעבן שלמה. און אָט דער שלמה׳לע איז געוואָרן אונדזער גרויסער און באַליבטער רשי.

איר ווייסט געוויס וואָס באַדייט דאָס וואָרט, רשי". דאָס זיינען די ערשטע אותיות פון די ווערטער, רבי שלמה יצחק.

פון קליינווייז אָן האָט ער אַרויסגעוויזן גרויסע פֿייאיקייטן צום לערנען. ער האָט זיך אינטערעסירט מיט זאַכן וואָס ער האָט נאָך ניט געקענט באַגרייפן. ער האָט אַלעמען באַשאָטן מיט פראַגעס, און אויף יעדן ענטפער האָט ער ווידער פראַגעס געפרעגט.

די גאַנצע צייט האָט ער געלעבט מיט זיינע עלטערן אין טריא. אָבער ער האָט שוין דאָרטן מער ניט געהאַט ביי וועמען זיך צו לערנען. איז ער אַוועק זוכן וויסן אין אַנדערע שטעט.

האָט רשי אַרומגעוואַנדערט איבער דער וועלט אין זיינע בעסטע יוגנט־יאָרן. איבער צען יאָר האָט ער געוואַנדערט.

רשי האָט זיך פאַרליבט אין דער שיינער טאָכטער פון דעם פירער פון די פראַגער יידן, און זי אין אים. זיי האָבן חתונה

געהאַט, און ער האָט איר גענומען צו זיין געבוירן־שטאָט, טריא, און זיי האָבן דאָרטן באַזעצט. דאָרטן האָט ער גע־עפנט א ישיבה, און רשי'ס נאָמען ווי א לערער איז געוואָרן אַלץ מער און מער באַרימט ביי יידן. פון די ווייטסטע לענדער פלעגן אָנקומען פראַגעס וועגן שווערע און אומקלאָרע שטעלן אין תלמוד, אָדער וועגן יידישע געזעצן. רשי פלעגט אַלץ קלאָר פאַרענטפערן.

קיין זין האָט רשי ניט געהאַט, אָבער זייער געראָטענע און געלערנטע טעכטער, זיינע איידעמס, זיינען געווען באַוואוסטע געלערנטע, און נאָך גרעסער פון זיי, זיינען געוואָרן רשי'ס אייניקלעך.

צו רשי'ס משפחה דאַרף מען אויך צורעכענען זיינע תלמידים. ער איז געווען אַזוי ווי א פאָטער צו זיינע תלמידים, און זיי צו אים ווי קינדער. די תלמידים האָבן זייער רבין זייער ליב געהאַט, נאָך מער — זיי האָבן געקוקט אויף אים ווי אויף א הייליקן.

זיי האָבן געשלונגען איטלעכס וואָרט זיינס, פאַרשריבן זיינע רייד, זיינע ענטפערס אויף פאַרשיידענע פראַגעס, און ווי אַזוי ער האָט זיך געפירט. רשי'ס תלמידים האָבן זיך צעשפּרייט איבער גאַנץ דייטשלאַנד און פראַנקרייך און גרויס געמאַכט דעם נאָמען פון זייער רבי'ן.

איבער 30 יאָר איז רשי געזעסן אין טריא און האָט בים־לעכווייז צונעגרייט זיינע גרויסע ווערק. דאָס זיינען געווען די דערקלערונגען צום תלמוד און חומש.

רשי האָט געהאַט א וואונדערלעכן קלאָרן שכל. ער האָט פאַרשטאַנען די שווערסטע שטעלן פון תלמוד. און ער האָט אויך געקענט דערקלערן די סאַמע פאַרפּלאָנטערטע זאַכן. מיט איין וואָרט באַלייכט ער מיט אַמאָל א גאַנצן עניין. רשי דרייט ניט מיטן גראָבן פינגער, ער פאַרדרייט ניט דעם קאָפּ מיט איבעריקע רייד, מיט זייטיקע זאַכן.

רשי'ס ווערטער זיינען געציילטע. ער זאָגט קיין מאָל ניט אין צוויי זאַצן וואָס מען קען זאָגן אין איינעם.

ער האָט אויך באַנוצט דייטשישע ווערטער קלאָר צו מאַכן דעם טייטש. (ער פלעגט דאָס אָנרופן בלע״ז. איר ווייסט וואָס דאָס מיינט ― דאָס מיינט בלשון אשכנזי.

רשי איז קורץ און קלאָר. ער פאַרטייטשט די שווערע ווער־טער. ער דערקלערט וועגן וואָס עס רעדט זיך. און אַלץ טוט ער עס אַזוי פשוט, אַזוי פאַרשטענדלעך. ער פירט פאַן האַנט אין דער פינצטער, ער לאָזט ניט בלאָנדזשען.

רשי׳ס קונסט איז באַשטאַנען אין זאָגן אַלץ גאָר קורץ. ״וואָס קירצער ― אַלץ קלאָרער.״ אַזוי האָט ער געטראַכט. און דעריבער האָט זיך ביי יידישע געלערנטע פון שפּעטערדיקע דורות געשאַפן אַזאַ ווערטל:

״אין רשי׳ס צייטן איז טינט געווען טייערער ווי גאָלד.״

און זיין טינט איז טאַקע געווען טייערער ווי גאָלד, ווייל דאָס וואָס רשי האָט געשריבן, איז געבליבן אַן אוצר פאַרן גאַנצן יידישן פאָלק, ווייל רשי האָט מיט זיין שרייבן באַשטימט, ווי אַזוי מען זאָל לערנען ביי יידן.

אין זיינע דערקלערונגען צום חומש נעמט רשי אַריין די שענסטע מעשיות פון פאָלק, וואָס זיינען געשאַפן געוואָרן אין פאַרשיידענע צייטן, און פּוצט מיט זיי אַרום די זאַצן פון חומש.

חומש מיט רשי ― הייסט חומש מיט אַ סך פון די שענסטע און איידעלסטע פאָלקס־מעשהלעך מיט וועלכע מען האָט אַרומ־געוועבט כמעט יעדן זאַץ. דעריבער איז חומש מיט רשי געווען אַזוי אינטערעסאַנט פאַר די קינדער אין חדר. דעריבער האָבן חברה אין אַמאָליקן יידישן חדר אַזוי ליב געהאַט רשין און געוואָלט וויסן ״וואָס רשי מאַכט.״

דאָס יידישע פאָלק האָט ניט פון קיין מלחמה־פירער, נאָר פון אַ שטילן געלערנטן געמאַכט אַ באַליבטן העלד, און זיין גאַנץ לעבן אַרומגעפּוצט מיט שיינע מעשיות.

פאַר וואָס? ווייל יידן זיינען אַ פאָלק פון בוך, ווייל יידן האָבן אַזוי פיל דורות לאַנג געלערנט רשי׳ן, האָבן אים ליב באַ־קומען און זיינען אים געווען דאַנקבאַר פאַר דעם וואָס ער, רשי, האָט זיסער געמאַכט דעם חומש, און פאַרשטענדלעך גע־מאַכט דעם תלמוד...

וועל איך פאַרענדיקן מיט נאָך אַ מעשה וואָס קלינגט אָבער שוין ווי אַ לעגענדע:

ווען רשי האָט אָנגעשריבן די לעצטע ווערטער פון זיין דער־קלערונג צום חומש, האָט זיך פאַר אים באַוויזן משה רבינו. משה האָט אים אַרומגענומען, האָט אים אַ קוש געגעבן, און געזאָגט:

"דו ביסט דער איינציקער וואָס האָט פאַרשטאַנען וואָס איך האָב געמיינט."

מאַכנדיק דעם סך הכּל, קענען מיר זאָגן מיט פולער זי־כערקייט, אַז רשי איז געווען דער ערשטער און בעסטער מפורש. פּאַרטייטשער און קאָמענטאַטור וואָס האָט באַוויזן אָנצושרייבן זיינע קאָמענטאַרן אויף דער ביבל און תּלמוד. מיר האָבן גע־האָט נאָך אַסך אַנדערע מפורשים, אָבער זיי זיינען שוין ניט אַזוי פּאָפּולער ביי קליין און גרויס ווי רשי איז.

ערשטנס, ווייל זיי זיינען געקומען נאָך רשי'ן. צווייטנס, זיינען זייערע קאָמענטאַרן ניט אַזוי צוגענגלעך פאַרן פאָלק ווי רשי איז געווען. מיר דוכט, אַז אין דער אַלטער היים, האָט מען זעלטן ווען געקענט געפינען אַ ייִדן וואָס האָט ניט געקענט אָפּ־לערנען אַ פּרשה חומש מיט רשי.

9 יאָר פאַר רשי'ס טויט. איז פאָרגעקומען אַ גרויס אויפ־טרייסלונג אין דעם לעבן פון די דייטשישע און פראַנצויזישן ייִדן. אין יענער צייט האָט צווישן די קריסטן זיך אויפגעהייבן אַ באַוועגונג וואָס האָט אויפגערודערט די וועלט. דאָס איז גע־ווען דער ערשטער קרייץ־צוג.

אין די טעג צווישן פּסח און שבועות פון יאָר 1096 האָבן זיך אין די ריין־לענדער אָפּגעטאָן שרעקלעכע מעשים. אין די שטעט וואָרמס, קעלן, מאַינץ און פילע אַנדערע, האָבן די קרייץ־טרעגער חרוב געמאַכט גרויסע יידישע קהילות. מען האָט גע־כאַפּט ייִדן און געפּאָדערט, זיי זאָלן אָננעמען דעם קריסטלעכן גלויבן:

ווער עס האָט דאָס ניט געטאָן, יענעם האָט מען געהאַרגעט אויפן אָרט. עס זיינען געקוילעט געוואָרן טויזנטער ייִדן; אַנדערע פלעגן זיך אַליין נעמען דאָס לעבן, כדי ניט אַריינפאַלן אין די

הענט פון די מערדער; עלטערן פלעגן קוילענען זייערע געליבטע קינדער פאר מורא, אז מען זאל זיי ניט אפּשמדן, טויזענטער יידן האָט מען אויסגעשאָכטן.

ס'קען זיין אז אָט די געשעענישן האָבן שטאַרק געווירקט אויף דעם פיזישן און גייסטיקן צושטאַנד פון רשי'ן. און ער איז געשטאָרבן ניט זייענדיק גאָר קיין אַלטער מאַן. אינגאַנצן בלויז 65 יאָר.

אָבער רשי איז ניט געשטאָרבן. ער לעבט מיט אונדז!

▼

זשאַנעט פייבער

וולאַדימיר מעדעם

אין די צייטן פון די רוסישע צאַרן, בעת מען האָט יידן אין רוסלאַנד גערוידעפט דורך אַלערליי גזירות און פּאָגראָמען האָט געלעבט דער מענטש, דער פירער פון יידישע אַרבעטער — וולאַדימיר מעדעם. ער איז געבאָרן געוואָרן אין 1879 אין ליבאַווע, רוסלאַנד.

זיינע עלטערן, אַסימילירטע יידן, האָבן געוואוינט אין דער שטאָט מינסק. דער פאָטער איז געווען אַ מיליטער דאָקטער מיטן טיטל גענעראַל. איידער מעדעם איז געבאָרן געוואָרן האָבן זיך די עלטערן געשמדט.

אין מינסק איז מעדעם געגאַנגען אין גימנאַזיע, שפּעטער האָט ער שטודירט אין קיעווער אוניווערזיטעט.

מעדעם איז געווען נאָך יונג ווען ער האָט אָנגעהויבן טראַכטן וועגן גערעכטיקייט. זיינער אַ שוואָגער האָט מיט אים געשמועסט וועגן דער פּאָליטיק פון לאַנד. ער האָט מיט אים גע־רעדט וועגן דעם לעבן פון אַרבעטער. אַסך זאַכן האָט מעדעם נישט פאַרשטאַנען, אָבער גאָר איז גיכן האָט ער אָנגעהויבן פאַר־שטיין זיין שוואָגער'ס ווערטער. ער האָט זיך געלערנט און גיך געקראָגן מיינונגען וועגן די פּראָבלעמען וואָס קומען פאַר אויף דער וועלט.

יאָרן לויפן. מעדעם איז שוין אין לעצטן יאָר גימנאַזיע. אין די לעצטע יאָרן האָט ער אַסך געלערנט. זיין גלויבן איז גאָט איז בּיסלעכוויז אויסגעוועבּט געוואָרן. דערפאַר אָבער איז געוואַקסן אין אים די ליבשאַפט צו די אונטערדריקטע און באַאוולטע.

מעדעם האָט זיך אַזוי גענומען צום האַרצן די ליידן פון די אָרימע אַז ער האָט זיך אָפּגעזאָגט פון פאַרוויילונגען און קאָנצערטן, וואָרום ווי קען מען פאַרברענגען פריילעך און זיין לוסטיק, אַז אַף דער וועלט זענען פאַראַן אַזויפיל צרות און אומגליקן? אַז פאַראַן זענען מענטשן, וואָס ווייסן קיינמאָל נישט דעם טעם פון פרייד? און סע הערשט אַזויפיל שנאה. איין מענטש דעם אַנדערן האָט פיינט. און רדיפות אויף יידן האַלטן אָן.

מעדעם האָט זיך שוין דעמאָלט אָנגעהויבּן דערנעענטערן צו יידן. וואָרום נישט איינמאָל האָט ער זיך אַליין געפרעגט.— וואָס איז ער? און צו וועמען דאַרף ער באַגערן — צו יידן אָדער צו רוסן? — פאַר אים איז געווען איין ענטפער: ער דאַרף געהערן צו יידן און זיין בּיי יידן וואָרים יידן ליידן. זיי ליידן פיזיש און גייסטיק. און ער געהערט צו די וואָס ליידן.

און אַזוי האָט זיך מעדעם בּיסלעכוויז דערנעענטערט צו יידן.

מעדעם איז דעמאָלט געווען אויף דעם מעדיצינישן פאַ־קולטעט. ער האָט גע'חלומט גרויסע חלומות: ווערן אַ בּאַרימ־טער געלערנטער, אַ פּראָפעסאָר און אויבּ דאָס נישט איז דאָקטע־ריי אויך אַ גוטע פּראָפעסיע .די מענטשהייט איז קראַנק. זי איז קראַנק פיזיש און גייסטיק. מען דאַרף איר העלפן, ער וועט אָנהייבּן מיט די פיזיש קראַנקע. ער וועט זיי היילן, לינדערן זייערע ווייטיקן. אַזוי וועט ער בּרענגען נוצן דער ליידנדיקער מענטשהייט.

אין יענער צייט האָט זיך אין רוסלאַנד אָנגעהויבּן אַ בּאַ־וועגונג וואָס האָט געגלויבּט אַז מיט דער פּויערים באַוועגונג וועט מען בּרענגען די הילף פאַר די מענטשהייט. מעדעם אַלס אַ מאַרקסיסט, האָט געהאַט אַן אַנדערע מיינונג וועגן סאָציאַליזם, ער

האָט געגלויבט אַז דער קאַפּיטאַליזם וועט זיך אין רוסלאַנד אַנט־וויקלען ווי אין גאַנץ אייראָפּע און אַז דער אַרבעטער קלאַס וועט ברענגען די רעוואָלוציע, און דאָס וואָס מעדעם האָט אַליין גע־גלויבט האָט ער געלערנט אַנדערע. ער האָט געשריבן אַרטיקלען אין אַרבעטער צייטונגען, ער האָט אויך אויף געהיימע פאַרזאַמ־לונגען גערעדט וועגן די לערע פון קאַרל מאַרקס אויפפאַסונג סאָציאַליזם. איין טאָג קומענדיק שפּעט אַהיים האָט מען אים אַרעסטירט און אַריינגעזעצט אין מאָסקווער טורמע. אין אַ קורצע צייט אַרום האָט מען אים באַפרייט.

אין יענער צייט איז ביי מעדעמען נאָך מערער פאַרשטאַרקט געוואָרן דער געפיל פאַר יידישקייט. ער האָט זיך אָנגעהויבן דערנענטערן צו יידישקייט און צו די יידישע מאַסן.

אין מינסק איז שוין אין יענער צייט געווען אַ צווייג פון דער יידישער סאָציאַל דעמאָקראַטישע אָרגאַניזאַציע דער "בונד". דער בונדישער פּראָגראַם אָבער האָט זיך ערשט אָנגעהויבן צו לייטערן. דער בונדיזם מיט זיין אייגענעם קוק אף דעם יידישן לעבן און אף דער יידישער אַרבעטער באַוועגונג האָט דעמאָלט ערשט געהאַלטן אין פאַרמירן זיך און יוערן.

שוין אין קיעוו האָט מעדעם געהערט וועגן "בונד", זיין דירה אין קיעוו אַיז געווען אַ זאַמל־אָרט פאַר מענטשן. דאָרטן האָט מען פאַר מענטשן קלאָר געמאַכט די צילן און אויפגאַבן פון "בונד."

די צילן פון "בונד" זיינען געווען צו אָרגאַניזירן די יידישע אַרבעטער, פּאָליטיש און אויך עקאָנאָמיש. דאָס הייסט צו פאַר־בעסערן די לאַגע פון די אַרבעטער און אָרעמע מענטשן אַז זיי זאָלן אַרבעטן ווינציקער שעה'ן און מער פאַרדינען, ווייל אין יענע יאָרן האָט מען עקספּלואַטירט די אַרבעטער־זייער שטאַרק, ספּעציעל די יידישע אַרבעטער האָבן זיך געפונען אין אַ זייער שלעכטע לאַגע. ס'איז נויטיק געווען אַז ס'זאָל קומען אַן אָר־גאַניזאַציע וואָס זאָל זיי אָרגאַניזירן און באַוואוסטזיניק מאַכן זיי וועגן דער נויטיקייט זיך אָנשליסן אין דער אָרגאַניזאַציע. ס'איז געווען דער "בונד" וואָס האָט דערהויבן דעם יידישן אַר־בעטער אַז ער זאָל זיך פילן ווי אַ מענטש מיט אַלע צו גלייך.

דער "בונד" האָט איינגעפּלאַנצט ביי די מאַסן אַ ליבע צו דער יידישער שפּראַך און קולטור. דער פּלאַץ דערלויבט מיר נישט אויסצורעכענען אַלץ וואָס נעמט אריין אין זיך די פּראָגראַם פון "בונד."

אָט אין די אַלע אויבענדערמאָנטע אַרבעט האָט מעדעם גענומען אַן אַקטיוון אַנטייל, און אריינגעבראַכט אין דעם בונדישן פּראָגראַם זיינע אידייען, און מיט דעם האָט מעדעם געגעבן דעם "בונד" אַן אייגנאַרטיקן פּנים.

עס האָט זיך דערנענטערט די צייט פון מעדעמ׳ס פּראָצעס. אַלע האָבן געוואוסט, אַז אים דערוואַרט איין פּסק: סיביר. דאָס מיינט אַפּגעשניטן ווערן פון זיין נוצלעכע אַרבעט אין דער באַוועגונג.

מעדעם איז אַנטלאָפן קיין בערן אין די שווייץ, וואו ער האָט געהאַט אַסך פריינט. מיט זיין גאַנצן ברען און גלויבן האָט ער זיך אריינגעוואָרפן אין דער אַרבעט, ער האָט אָרגאַניזירט און אָנגעפירט בונדישע קרייזן, האָט געהאָלפן ארויסגעבן בונדישע ליטעראַטור, איז ארויסגעטראָטן אויף פאַרזאַמלונגען און דיסקוסיעס און האָט געהאַלטן רעפעראַטן.

די ערשטע יאָרן פון דעם צוואַנציקסטן יאָר הונדערט זענען געקומען אין רוסלאַנד מיט נייע רעפּרעסיעס אויף אַרבעטער און מיט בלוטיקע פּאָגראָמען אויף יידן.

אויף אַ בונדישער קאָנפערענץ איז דעמאָלט באַשלאָסן געוואָרן, אַז אין אַזעלכע פאַלן זאָל די אָרגאַניזאַציע נעמען אויף זיך די פליכט זיך נוקם (נויקים) צו זיין פאַר די מערדערישע מעשים פון דער רעגירונג.

מעדעם איז שאַרף ארויסגעטראָטן קעגן דער דאָזיקער שטעלונג. דער "בונד" ווי אַלע סאָציאַל דעמאָקראַטישע אָרגאַניזאַציעס, איז שטענדיק געווען קעגן טעראָר. איצט אָבער איז דער "בונד" געשטאַנען פאַר דער געפאַר פאַרוואַנדעלט צו ווערן אין אַ טעראָר אָרגאַניזאַציע.

אין דעם יאָר 1903 איז אין רוסלאַנד פאָרגעקומען בלוטיקע פּאָגראָמען אויף יידן. ווען אין אויסלאַנד איז מען געוואָר געוואָרן וועגן די פּאָגראָמען האָט עס געמאַכט אַ שלעכטן איינ־

דרוק. מיט א וואונדערלעכן ברען האָט מען זיך דעמאָלט גענומען ארגאניזירן זעלבסט־שוץ פראאיינען אין אלע רוסישע שטעדט. דער "בונד" איז געוואקסן פעסטער און זיכערער.

מעדעם האָט גערעדט צו די מאסן וועגן די פּאָגראָמען אויף יידן. די יאָרן זענען געווען שעפּפערישע אין מעדעם'ס לעבן. ער האָט געשריבן אין זשורנאלן. און זיין ארבעט פאַרן "בונד" איז געווען זייער פּראָדוקטיוו.

יאָרן גייען. מעדעם פאָרט און קומט. פאָרט איבער שטעדט אין רוסלאנד, און פאָרט איבער שטעט פון אנדערע לענדער, די צייט איז אָבער א טרויעריקע. די צארישע רעגירונג האָט דער־לאָזט אין דער שטאָט קיעוו צו א בלוט בלבול אויף יידן. דער דעמאָלסט בארימטער מענדל ביילעס פּראָצעס האָט זיך געצויגן עטלעכע יאָר. יידן האָבן אין רוסלאנד איבערגעלעבט שווערע טעג.

מעדעם איז דעמאָלט שוין ווידער געזעסן אין טורמע. מען האָט אים פארשיקט פאר פיר יאָר. דאָס איז געווען זומער 1913. אין 1914 האָט אויסגעבראָכן די ערשטע וועלט־מלחמה. מעדעם מיט אנדערע ארעסטאנטען זיינען אוועקגעשיקט געוואָרן אין אן אנדער שטאָט, די וועכטער טרייבן די ארעסטאנטן מען שמייסט זיי און מען טרייבט זיי. אין די יאָרן האָט מעדעם געליטן אסך אָבער זיינע האָפענונגען האָבן געלויכטן.

מעדעם איז באפרייט געוואָרן אין יאָר 1915 דעמאָלסט ווען פּוילן איז באפרייט געוואָרן פון צארישן מיליטער. דער "בונד" האָט דעמאָלסט אָנגעפירט זייער א גרויסע ארבעט אויף דער יידישער גאס. ס'האָט געהאָלפן אָרגאניזירן יוניאָנס פאר די אידישע ארבעטער. געעפנט ארבעטער קלובן, ביבליאָטעקן, ארויסגעגעבן א צייטונג, ביכער, געעפנט קינדער־היימען און יידישע שולן. אָט אין די אלע אינסטיטוציעס האָט מעדעם פאר־נומען אן אנגעזעענעם אָרט. ער האָט אוועקגעגעבן זיין גאַנצע ענערגיע, טאַלאַנט און נשמה דער ארבעטער באוועגונג אין פּוילן.

אין יאָר 1921 האָט מעדעם באשלאָסן צו פאָרן קיין אמע־ריקע צו אָנפירן א הילפס ארבעט פאַרן בונד און זיינע אינסטי־טוציעס. ער האָט אָנגעהויבן שרייבן אין "פאָרווערטס". ער האָט

דערציילט פאַר די לייענער די געשיכטע פון זיין לעבן און פון זיין אַרבעט. מעדעם האָט געדערט פאַרן "בונד" ער איז געווען זיכער אַז דער "בונד" אין פּוילן וועט ביז־לעבוויין העלפן פאַר־מידן דאָס יידישע לעבן אין פּוילן.

איבער צוואַנציק יאָר האָט מעדעם געלעבט מיט דעם "בונד" און פאַר דעם "בונד" צוזאַמען מיט מעדעמ'ן זיינען געווען טע־טיק אין "בונד" אַזעלכע ריזיקע פיגורן ווי מיכאַלעוויטש, חבר נח, ערליך, אַלטער און אַרטור זיגעלבוים, וואָס האָט זיין לעבן אוועקגעגעבן פאַר די יידן אין געטאָ.

אַפּזייענדיק דאָ אַ קורצע צייט, איז מעדעם קראַנק גע־וואָרן, זיינע פריינט און חברים האָבן געטאָן אַלץ וואָס זיי האָבן נאָר געקענט צו העלפן אים געזונט מאַכן. ליידער האָט זי דדאָס נישט איינגעגעבן און דעם ערשטן יאַנואַר 1923 איז מעדעם געשטאָרבן. אַלע האָבן אין אים פאַרלאָרן אַ פריינט. אויף זיין מצבה זענען אויסגעקריצט די עטלעכע איינפאַכע וואונדערלעכע ווערטער:

"וולאַדימיר מעדעם
די לעגענדע פון דער יידישער
אַרבעטער באַוועגונג."

מעדעם איז געווען די נשמה פון דעם "בונד" זיין קורץ אָבער פּרוכטבאַר לעבן געהערט דער יידישער אַרבעטער באַווע־גונג איבער דער גאַנצער וועלט.

▼

מאַשע טענענבוים

רב משה בן מיימאָן

אַרום דעם אַכטן יאָר הונדערט האָבן די מאַכמעדאַנער גע־הערשט איבער גאַנץ שפּאַניע. און פאַר דעם ערשטן מאָל אין אַ לאַנגע צייט האָבן די יידן געלעבט גאַנץ פיין. פאַר דעם ערשטן מאָל האָבן זיי געקענט אָפּרוען זייערע פיס וואָס זיינען געווען אַזוי מיד פון אייביקע וואַנדערונגען.

דאס לעבן איז געווען זייער רייך ניט נאר קולטורעל נאר אויך פאליטיש און עקאנאמיש. הענדלער, באנקירן, פילאסאפן, אסטראנאמען, דאקטוירים, און שטאטס לייט זיינען געווען פיל. יידן זיינען נישט פאראכטעט געווארן ווייל די מאכמעדאנער האבן ניט געהאט דעם גלויבן אז מיר, די יידן, האבן געהארגעט זייער גאט. זיי האבן אנגענומען די גריכישע קולטור און זיי האבן געלעבט בשלום. זייער פירער איז געווען דער קאליף. און עס איז געווען אין דער צייט ווען די מאכמעדאנער האבן געשאפן זייער ביבל, דער קאראן.

און אזוי איז עס געגאנגען פאר מער ווי זעקס הונדערט יאר. די מיטגלידער פון דער מיימאן פאמיליע זיינען געווען שטאלצע און לאיאלע יידן. און הויך געלערנט אין העברעיש און אויך אראביש.

אין 1135 איז געשען א נס אין דער מיימאן פאמיליע. א זון איז געבוירן געווארן. זיי האבן אים א נאמען געגעבן משה. אבער שפעטער אין זיין לעבן, ווען ער איז אנערקענט געווארן האט ער פארקירצט זיין נאמען צום באקאנטן רמבם.

אזוי ווי זיינע עלטער זיידעס זיינען געווען רבנים האבן זיינע עלטערן געוואלט אז ער זאל נאך גיין אין זייערע טריט, ער האט געלערנט טעאלאגיע און פילאזאפיע, און פון זיין שפעטערדיקע קאריערע קענען מיר אנווייזן אז ער איז נישט געווען פויל, זיין לערער האט אים געלערנט איינע פון די וויכטיקע זאכן — די ביבל. ער האט זיך אויך געלערנט ביי די מאכמעדאנער וויפיל ער האט געקענט.

פלוצלונג אין דעם יאר 1148 ווען דער רמבם איז געווען דרייצן יאר אלט איז קארדאווא גענומען געווארן פון איינעם א דיקטאטאר, וואס האט די מענטשן געצוואונגען אננעמען זיין גלויבן, אייניקע האבן דאס געטאן אבער אסך האבן פארלאזט זייער היים, און זיך געלאזט אין דער וועלט.

דער רמבם און זיין פאמיליע האבן געוואנדערט פאר זיבעצן יאר ניט וויסנדיק וואו זייערע בלוטיקע פיס אפצורוען. דאנקען גאט און זיי האבן געפונען זייער היים אין קאירא, אבער אויך דארטן זיינען די יידן געווען געפייניקט פון די קרייץ צוגן. און

עס איז געווען דאַ, אין דער צייט, אַז דער רמבם האָט אָנגע־פאַנגען שרייבן זיינע פילאָסאָפישע ווערק. ער האָט געהאַט איין ברודער און ווייל משה האָט זיך פאַראינטערעסירט אין די קאָ־מוּנאַלע פּאָסירונגען פון די יידן, האָט דוד אים אויסגעהאַלטן. אָבער ווען זיין ברודער איז געשטאָרבן האָט ער געדאַרפט מאַכן אַליין אַ לעבן, האָט ער זיך גענומען צו מעדיצין. עס איז געווען אין 1167 ווען זיין טאַטע איז געשטאָרבן, אָבער די אַלע פּאַ־סירונגען האָבן נישט געמאַכט קיין ענדערונג אין זיין לעבן. ווען ער איז נאָך געווען אין שפּאַניע האָט ער אָנגעפאַנגען שרייבן אַ קאָמענטאַר אַף דער משנה. ער האָט דאָס ווערק געענדיקט אין 1168. און אויך אין דעם יאָר, איז די שטאָט קאַירא אונ־טערגעצונדן געוואָרן אויף דעם באַפעל פון דעם הערשער. דאָס פייער האָט געברענט פאַר פיר און פופציק טעג.

דער "סיראַד", דאָס הייסט דער קאָמענטאַר אויף דער משנה איז געווען געשריבן אין אַראַביש ווייל אַסך יידן האָבן געקענט די שפּראַך, אָבער דורך דעם לעבן פון דעם רמבם איז אַסך פון דעם ווערק איבערגעזעצט געוואָרן אויף העברעיש. דער "סי־ראַד" האָט געווירקט אויף דער יידישער טעאָלאָגיע.

דער רמבם האָט געשריבן דרייצן פונדעמענטאַלע פּרינציפּן אויף יידישקייט. ווען ער האָט זיי אָנגעשריבן האָט ער פאַרנייט אַ גרויסן לאָך אין דער יידישער טעאָלאָגיע. זיי זיינען: (1) דער גלויבן אין דער עקזיסטענץ פון גאָט. (2) דער גלויבן אין איין גאָט. (3) דער גלויבן אַז ער איז נישט עפּעס וואָס מיר קענען זען אָדער אָנטאַפּן. (4) אַז ער איז אייביק. (5) אַז מיר זאָלן דינען בלויז גאָט אַליין. (6) אַז משה איז געווען אונזער גרעס־טער נביא. (7) מיר זאָלן גלויבן אין נבואה. (8) מיר זאָלן גלויבן אין די צען געבאָט. (9) מיר זאָלן גלויבן אַז די געזעצן זאָלן נישט געביטן ווערן. (10) מיר זאָלן גלויבן אַז גאָט ווייס אַלץ וואָס דער מענטש טוט. (11) גאָט באַלוינט פאַר גוטע און באַשטראָפט פאַר שלעכטע זאַכן. (12) מען זאָל גלויבן אַז משיח וועט קומען. (13) און צום סוף זאָלן מיר גלויבן אַז די טויטע וועלן לעבעדיק ווערן. מיר קענען זען אַז אַסך פון די אַרטיקלען זיינען זייער קאָנסערוואַטיוו.

אין קאירא זיינען די יידן געווען איינפלוסרייך, ווי זיינען אונטער דער הערשאפט פון סאלאדין — אבער אין יעמען איז געווען איינער א ייד וואס האט געוואלט איינרעדן די מענטשן אז ער איז דער משיח. און ער וועט זיי ראטעווען פון די מאכמעדאנער. איינער האט געשיקט דעם רמבם א בריוו און אים געבעטן זיין הילף אין דעם קריזוס. דער ענטפער וואס דער רמבם האט צוריקגעשיקט איז געווען א פראכטפול אנגעשריבן ווערק. ער האט געזאגט אז די יידן וועלכע זיינען צעשפרייט איבער דער וועלט מוזן זיך אנשטריינגען, כדי צו זיין יידן.

יידישיזם געפינט מען נישט אין די ניסים נאר אין די היסטארישע טאטן, מען דארף אורטיילן צו דער נביא פראקטיצירט וואס ער פריידיקט. דער בריוו האט אים געוואונען כבוד פון אלע מענטשן און אויך פון רבנים, און אין דעם יאר 1174 איז ער באשטימט געווארן אלץ דער פירער פון דער רעגירונג אין יעמען. רבנים האבן צו אים געשריבן און דער רמבם האט געענטפערט יעדן בריוו מיט זיין אייגענע האנטשריפט. און ער איז אויך געווען דער פריוואטער דאקטער צום וויזיר אלפאנדל. און ער, מיט אלע די ארבעטן האט נישט געהאט קיין סעקרעטאר.

ארום דער צייט האט דער רמבם געפילט אזוי ווי אן אלטער מאן מיט אלערליי קראנקייטן. ער איז געווען בלויז איין-און-פופציק יאר אלט און ער האט נאך געהאט אכצן יאר צו לעבן. מיר ווייסן זייער ווייניק פון זיין פריוואטן לעבן.

אין אקטאבער אין דעם יאר 1187 איז ירושלים געפאלן. עס איז נישט געווען וואס די הייליקע שטאט פאלט נאר אז אלע בילדער פון דער ביבלישער געשיכטע ווערן דארט אויסגעלעבט. אין עגיפטן, זיינען די סאלדאטן געווען דורך די פינף יאר פון דער הייליקער מלחמה. אבער די שטאט איז געפאלן אין די הענט פון סאלאדין, דער הערשער האט אויפגעעפנט די טויערן צו די יידן.

אין אלע פון זיינע פריערדיק ווערק האט דער רמבם גערעדט וועגן פילאזאפישע פראגעס. ער האט אמאל געזאגט עפעס

וואס היינט קענען מיר זען איז זייער אמת. ער האט געזאגט אז די באַרבאַרן נעמען אוועק אונדזערע זאַכן, שאַפן אַפּ אונ־דזער ליטעראַטור און וויסנשאַפט, הרגענען אונדזערע געלערנטע און אזוי ווערן מענטשן אומוויסנד. ער האט געפילט אז ער איז שולדיק סטודענטן א קורס אין לאָגיק און פילאָזאָפיע, האט ער אָנגעשריבן א בוך וואס ער האט גערופן דער מורה נבוכים, דער וועג פון די פאַרבלאָנדזשעטע. דאס בוך איז זייער שווער און דער וואס קען שווימען וועט ארופברענגען פערל פון דעם ים, אבער דער וואס קען נישט וועט דערטרונקען ווערן. דער רמבם האט געהאט דעם זעלבן פּראָבלעם וואס די קריסטלעכע געלערנטע האבן געהאט, אז אלע מענטשן קענען נישט דינען צוויי זאַכן, שכל און גאָט, דער רמבם האט געגלויבט זייער שטאַרק אין לאָגיק. ווען מען סומירט די גאַנצע זאך זאגט ער אז געזעצן זיינען אמת ווען מיר פאַרשטייען זיי. אויב מענטשן נוצן זייער לאָגיק וועלן זיי קענען געפינען די אינווייניקסטע געדאַנקען פון די ווערטער.

ער האט געשריבן דאס ווערק מיט אראבישע אותיות, איי־נע פון די ערשטע זאַכן וואס דער רמבם האט געוואָלט דערציילן אין דעם ווערק איז וואס אייניקע טערמינען אין דער ביבל מיי־נען. ער רעדט וועגן דעם פשוט'ן מענטש. ער האט דאס ווערק געענדיקט אין 1193 און דאס האט צוגעמאכט די וועלט פון שרייבן פאַר דעם רמבם, ער האט נישט געפילט זייער שטאַרק גוט פאַר זיינע פינף און פופציק יאָר. ער איז איצטער פאַרנו־מען געוואָרן מיט זיין פּראָפעסיאָנעלע ארבעט אלס א דאָקטאָר.

אין 1193 איז געשטאָרבן סאַלאַדין און זיין זון האט גע־ערשט. אבער ער איז אויך געשטאָרבן פינף יאָר שפּעטער פון א פיבער. אין 1201 זיינען מענטשן געשטאָרבן פאַר הונגער, מענטשן פון עגיפּטן האבן אויפגעגראָבן די קברים צוליב שפּייז.

דער טויט איז געקומען צו דעם רמבם דעצעמבער 13, 1204, ווען ער איז געווען 70 יאָר אַלט. יידן האבן געפילט או־מעטיק און פאַרלאָרן. פאַר דריי טעג האבן יידן און מאַכמע־דאנער געטרויערט אויפן גרויסן פילאָזאָף.

ער איז מקבר געוואָרן אין ארץ ישראל. און אזוי האָט גאָט אוועקגענומען דעם וועלטס גרעסטן פילאָזאָף, מיר וועלן אים קיינמאָל ניט פארגעסן.

▼

לאה גרינבאַנד

משה העס

כאָטש משה העס איז געווען דער גרעסטער אינטערנאַציאָנאַלער סאָציאַליסט אין זיין צייט, איז ער היינט כמעט אומבאַקאַנט צו פיל מענטשן. משה העס, אָדער מאָזעס ווי מען האָט אים גערופן, איז זיינע ווערק געהערן ניט צו דער פארגאַנגענהייט—זיי זיינען מער פארבונדן מיט אונדזערע פּראָבלעמען פון היינט ווי די ווערק פון פיל געלערנטע וואָס לעבן און שאַפן היינטיקן טאָג.

משה העס איז געווען דער ערשטער און גרעסטער רעוואָלוציאָנערער דענקער און פּאָליטיקער פון דעם יידישן פאָלק אין דער מאָדערנער צייט. זיין פילאָזאָפיע איז ניט פארגעסן געוואָרן מיט דער צייט, נאָר איז אפשר ניט דערקענט און פארשטאַנען געוואָרן ביז דער היינטיקער צייט.

משה העס איז געבאָרן געוואָרן אין באָן, דייטשלאַנד, דעם 21טן יאַנואַר אינם יאָר 1812. זיינע עלטערן זיינען געווען פרומע אָרטאָדאָקסישע יידן פון אַלטן שטייגער און זיין זיידע האָט געהאַט אַ שטאַרקע ווירקונג אויף דעם יינגל פון קליינהייט אָן. פון זיין פרומען זיידן האָט משה איבערגענומען זיין פרומקייט, געלערנטקייט, און זיין גלויבן אין ליבע צום יידישן פאָלק.

אין 1840 האָט ער חתונה געהאַט מיט אַן אויסגעלאַסענע קריסטלעכע מיידל, סיביליע פריטש. זי איז געווען אַ טרייע פריינדין און מיט־קעמפערן צו איר מאַן.

משה העס איז אַלעמאָל באַגייסטערט געווען פון שפּינאָזע און אין 1837 האָט ער ארויסגעגעבן זיין ערשט ווערק — די

הייליקע געשיכטע פון דער מענטשהייט, פון אַ תלמיד שפּינאָ־
זאַ'ס. העם פּרואווט דאָ געפינען דעם פּלאַן נאָך וועלכן די
מענטשלעכע געשיכטע איז אויפגעבויט, אָבער ער מוז צופּאַסן
די היסטאָרישע פּאַסירונגען און פאַקטן צו זיין פּלאַן. אין דעם
בוך פּרעדיקט ער אַז אין דער וועלט זאָל הערשן גליק און ליבע
און ער זאָגט אַז דאָס קען פאַרווירקלעכט ווערן דורך פרייהייט
און גלייכהייט. העם זעט דאָ כמעט פאַרויס וואָס קאַרל מאַרקס
האָט שפּעטער געזען.

פיר יאָר שפּעטער — אין 1841 — איז העס ארויסגע־
קומען מיט "די עראָפּייאישע טריארכיע." עס איז געווען וועגן
דער פּאָליטיק פון יענער צייט אָבער עס איז געווען געשריבן פון
אַ פילאָזאָפישן שטאַנדפּונקט. העס אנטוויקלט די אידייע פון
פּאַרייניקטע שטאַטן פון אייראָפּע וואָס זאָל באַשטיין פון פראַנק־
רייך, ענגלאַנד און דייטשלאַנד. די שטאַטן זאָלן פאַרווירקליכן
פרייהייט און שלום. העס האָט שוין דעמאָלט געזען די גרעסטע
סכנה פון דער וועלט אין דער שנאה צווישן דייטשלאַנד און
פראַנקרייך.

אויך אין דעם בוך זיינען דאָ געדאַנקען וועגן יידן און
יידנטום, וועלכע זיינען שפּעטער אין "רוים און ירושלים" ברייי־
טער אנטוויקלט געוואָרן.

אין די פערציקער יאָרן פון פאַריקן יאָר הונדערט הויבט
זיך אָן אין אייראָפּע אַ גרויסע אומרואיקייט וואָס איז געקומעי
פון די פראַנצויזישע רעוואָלוציע פון 1848, און האָט געגעבן
דעם שטויס פאַר דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג. צווישן קאַ־
פּיטאַל און ארבעט האָט זיך אָנגעהויבן אַ קאַמף וועלכער איז
ניט איינגעשטילט געוואָרן דורך אָרגאַניזאַציעס און רעפאָרמען—
נאָר עס איז געוואַקסן.

אין ענגלאַנד זיינען טעטיק געווען די טשאַרטיסטן — אַ
באַוועגונג מיט אַ טיפן סאָציאַל־רעוואָלוציאָנערן גייסט. אין
פראַנקרייך און אין דייטשלאַנד זיינען סאָציאַליסטישע גרופּן
געווען אקטיוו.

אויך אין יענער צייט האָט זיך אָנגעהויבן אַ קאַמף אין די
קרייזן פון די דעמאָלדיקע רעוואָלוציאָנערן אין וועלכער העס

האט געשפּילט א וויכטיקע ראָלע. אַרנאָלד רוגע האָט געקעמפט קעגן העס'ן און די קאָמוניסטן. ער האָט העס'ן גערופן — דער קאָמוניסטישער רבי. דער אָנפאַל איז געווען אָנגעפילט מיט שנאה צו יידן. העס און רוגע האָבן אָנגעפירט א ליטעראַרישן קאַמף אין דער דעמאָלדיקער — "דייטשער בריסלער ציימונג."

אין 1846 דערשיינט אַן אַרטיקל פון משה העס אין וועלכע ער זאָגט אַז די סאָציאַלע רעוואָלוציע קען נאָר קומען דורך דעם פּראָלעטאַריאַט. און מיט דעם ווערט זיין פריערדיקע פילאָזאָפישער סאָציאַליזם קלאָר.

העס און מאַרקס זיינען געווען ענג באַפריינדעט זינט 1843, כאָטש זיי זיינען געווען פאַרקערטע כאַראַקטערס. מאַרקס איז געווען דער מאַן פון האַנדלונג; העס — דער דענקער און ענטוזיאַסט. די סאָציאַליסטישע באַוועגונג האָט זיי צונויפגעבונדן און צוזאַמען מיט ענגלס זיינען זיי געוואָרן די סאָציאַליסטישע "גרויסע דריי" פון יענער צייט. אונטער מאַרקס'ס איינפלוס האָט העס אָנגעהויבן שטודירן די נאַציאָנאַל עקאָנאָמיק און ביסלעכווייז געוואָרן א פּראַקטישער סאָציאַליסט. אין אַרטיקלען וואָס ער האָט געשריבן אין 1847 האָט העס אַנטוויקלט דעם געדאַנק אַז די גרויס אינדוסטריע איז דער אָביעקטיווער פאַקטאָר פאַר די סאָציאַלע רעוואָלוציעס.

אין דייטשלאַנד איז אויסגעבראָכן די רעוואָלוציע. העס האָט זיך באַטייליקט. נאָך דעם זיג פון דער רעאַקציע איז ער פאַראורטיילט געוואָרן צום טויט. אָבער דער טויט האָט אים ניט געכאַפּט ווייל ער איז אַנטלאָפן אין דער שווייץ.

אין די 50קער יאָרן פון לעצטן יאָר הונדערט איז משה העס געשטאַנען אַז א זייט פון דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג אין אייראָפּע. די אַלגעמיינע רעאַקציע און די פּראָקלאַמירן פון נאַפּאָלעאָן דעם דריטן, דעם 2טן דעצעמבער, 1851, אַלץ קייזער פון פראַנקרייך האָט העס'ן געמאַכט אומעטיק און ער איז געפאָרן קיין בעלגיע. אָבער די פּריסישע רעגירונג האָט געפאָדערט אַז מען זאָל אים איבערגעבן צו זיי און דערפאַר איז העס צוריק געפאָרן קיין פּאַריז.

דאָ האָט ער אָנגעהויבן צו שטודירן וויסנשאַפט. פון גלויבן

אין "מענטש" האט ער אנגעהויבן גלויבן אין נאציאנאליטעטן. אבער נאך א פאקטאר איז צוגעקומען. העס — וועלכער האט קיינמאל ניט פארגעסן זיין יידישקייט האט געזען די באפרייאונג פון רוים. ווי ער שרייבט אין זיין "רוים און ירושלים" וועלכע איז געקומען אין 1862 — מוז איצט קומען די באפרייאונג פון ירושלים. דאס בוך איז אנגעשריבן געווארן אין צוועלף בריוו צו א פריינדין און עס האט אן אריינפיר און אן עפילאג פון זעקס קאפיטלען און אויך צען ביילאגן.

דאס בוך האט געמאכט א גרויסן איינדרוק אויף דער יידישער וועלט. משה העס, א יידישער רעוואלוציאנער, האט ערקלערט דאס יידנטום אלס די רעליגיע פון סאציאליזם און אלס די פארטיפטע מאראל אין לעבנס־געשיכטע. עס איז ניט א סיסטעמאטיש ווערק און אין דער פארמע האט העס ארויסגעזאגט זיינע נייע איבערראשענדע געדאנקען.

העס שרייבט אז די וועלט האט א שכל׳דיקן זין אין זיך זעלבסט. ע רשרייבט אז די עוואלוציע פון דער קאסמישער און ארגאנישער וועלט האט זיך שוין פארענדיקט, אבער די סאציאלע עוואלוציאן נאך ניט. דער סאציאליזם איז ניט נאר דער וועג צום העכסטן גליק און העכסטע מאכט. ער שרייבט אז די ערשטע ראסן זיינען געוועזן די אינדא־גערמאנישע און די סעמיטישע. פון די ערשטע איז ארויסגעקומען דאס גריכישע פאלק און פון די סעמיטן איז ארויסגעקומען דאס פרומע יידישע פאלק. די צוויי פעלקער האבן באשאפן די מענטשליכע קולטור.

באלד, אבער, ווייזט משה העס אז די יידן און גריכן זיינען קאנטראסטן. דאס קען מען זען אין א פאר אידייען פוןביידע פעלקער:

די גריכישע רעליגיע איז א נאטור־רעליגיע, דאס יידנטום איז א געשיכטס־רעליגיע. דאס גריכנטום זעט אין דער פארגאנגענהייט די גאלדענע עפאכע, ווייל די יידן גלויבן אין משיח.

העס איז דערפאר דער קעגנער פון קריסטנטום אבער ניט פון דעם אור־קריסטנטום.

ווי א יידישער פארשער פירט ער דעם קאמף קעגן קריסטנטום און נעמט פון אים אראפ דעם קולטור־מאנטל. ער

באוויזט אז קריסטנטום איז דער היפך פון דעם סאָציאַל־רעװאָלוציאָנערן יידנטום. ווי א יידישער פּאַטריאָט ערקלערט ער דאס יידישע פאָלק פאר א נאַציאָן און פּרעדיקט די באַגרינדונג פון א יידישער מלוכה אין ארץ ישראל אונטער דער הילף און שוץ פון פראנקרייך. די אָרטאָדאָקסישע און רעפאָרמיסטישע רבנים, די ליטעראַרישע כלי־קודש און טרייע דינער פון דער יידישער אסימילירטער בורזשואזיע האבן ניט געקענט פארטראָגן דעם בוך און מען איז ארויסגעטראָטן מיט כעס קעגן דעם ערשטן סאָציאַליסטישן ציוניסט.

מען האט געזאָגט אז די יידן זיינען ניט פייאיק צו באשאפן אן אייגענע קולטור און אז ראטשילד וועט בעסער וועלן זיין דער ייד פון די קעניגן, ווי דער קעניג פון די יידן; אז א יידישע מלוכה איז קעגן גאָט'ס געבאָט און דעם גלויבן פון משיח, און אז א יידישע מלוכה איז א רעאקציאָנערער פאראַלטערטער געדאַנק וועלכער איז קעגן דעם פּראָגרעסיוון גייסט פון דער צייט אזוי האבן גע'טענה'ט די דעמאָלדיקע יידישע פירער — פיליפּסאָן, לעוו, גייגער און די אָרטאָדאָקסן פון כל המינים און אויך די רעפאָרמאַטאָרן. די איינציקע אויסנאַמע פון אלע יידישע צייטגענאָסן האט געמאכט גרעץ אין 1863. ער האט באוויזן א שטאַרקן אויפגעוואכטן נאַציאָנאַלן געפיל.

העס האט ניט ערוואַרטעט א פּראַקטישן רעזולטאַט פון זיין נביאיש־בוך. די פּאָלעמיק וועגן בוך האט גלייך אויפגעהערט און העס איז פארגעסן געוואָרן אין דייטשלאַנד.

אבער דער סאָציאַליסטישער געפיל אין אים איז ווידער געוואָרן אקטיוו. אין 1862 האט לאַסאַל געגרינדעט דעם אַלגעמיינעם דייטשן ארבעט־פאַראיין און העס איז געווען מיט אים. העס איז לאנג ניט פארבליבן אין פאריין און אין 1863 איז ער צוריקגעפאָרן קיין פאריז. דאָ האט ער זיך אפּגעגעבן מיט זיינע ליטעראַרישע און וויסנשאַפטליכע טעטיקייט. ער אנטוויקלט ווייטער זיינע אידייען וועגן יידן און יידנטום און באטייליקט זיך אין דער סאָציאַליסטישער ליטעראַטור. אין די קלענערע יידישע צייט שריפטן פירט העס אָן ווייטער די אידייען פון "רוים און ירושלים". אין דער זעלבער צייט ארבעט ער אויף זיין גרויסן

ווערק — "די דינאמישע שטאף־לעהרע" וועלכע איז ארויסגעקו־מען אין 1877.

העס איז געווען אינטערעסירט אין פרימיטיוון קריסטנטום. זיין אינטערעס איז געווען א דאפעלטער — ער שטאמט פון סאציאליזם און יידישקייט. ער האט געשריבן וועגן דעם. אין זיינע באטראכטונגען און קריטיקן קומט העס צו די זעלבע רע־זולטאטן און שלוסן ווי די פרייע ביבל־קריטיקער און קאוטסקי זיינען געקומען אין אונדזער צייט. ער האט געשריבן אז קריסטנ־טום איז געווען א יידישע סאציאל־רעוואלוציע וועלכער איז ארויסגעקומען פון דעם שוים פון די איסיים, און אויך פון די סאציאל־רעוואלוציאנערע סעקטן פון יענער צייט.

קריסטנטום איז די ערשטע משיח־קאמפן.

אין דער צייט האט העס אויך איבערגעזעצט פיל ביכער.

עס איז ניט באקאנט געווארן, וועלכע שטעלונג העס האט גענומען צו דעם אינטערנאציאנאל וואס האט אנגעהויבן ווירקן אין יענער צייט. ער האט אבער אנטייל גענומען אין דריטן קאנגרעס פון אינטערנאציאנאל אין בריסל אין סעפטעמבער, 1868. ער האט אויפן קאנגרעס געהאלטן א רעדע קעגן די פרו־דאניסטן און זייער טעאריע. מארקס אליין האט געלויבט די רעדע.

פון זיינע וויסנשאפטליכע שטודיען און זיין ליטעראַרישער ארבעט צוריק צו דעם פעלד פון סאציאליזם.

אין מאי, 1871, איז העס צוריקגעקומען אין פאריז ווייל אזוי ווי ער איז געווען א דייטש איז ער אין צייט פון קריג מיט דייטשלאנד ארויסגעשיקט געווארן פון פראנקרייך. העס האט זיך אין פאריז צוריקגעצויגן פון עפענטליכן לעבן און האט זיך איבערגעגעבן צו שטודירן.

דעם 6־טן אפריל, 1875, אין עלטער פון 63 יאר איז משה העס געשטארבן. אויף זיין וואונטש האט מען אים מקבר געווען אין "דייטץ אם רהיין" אין דייטשלאנד לעבן די קברים פון זיינע עלטערן.

אלע, א חוץ די יידישע פרעסע, האבן דערמאנט אין בא־דויערט העס'ס טויט.

משה העס איז געווען דער נביא פון ציוניזם און סאָ־ציאַליזם. דורך זיין מוטיקן קאַמף פאַר דעם אמת און זיין העל־דישקייט אין זיין אייגענעם לעבן האָט ער געשטרעבט הייליק צו מאַכן דאָס וואָרט דורך דעם לעבן, די פילאָזאָפיע דורך דער טאַט, און האָט גערינגט א נייע רעליגיע פון אמת און ליבע.

▼

רבקה מינץ

דר. טעאָדאָר הערצל

דאָקטער טעאָדאָר הערצל איז געווען דער פאָטער און שאַ־פער פון מאָדערנעם פּאָליטישן ציוניזם. ער איז געבאָרן געוואָרן אין 1860 אין בודאַפּעסט. זיינע קינדער יאָרן זיינען געווען פיינע, אָבער די יידן פון בודאַפּעסט האָבן געפירט א לאַנגן קאַמף פאַר זייערע סאָציאַלע רעכט.

הערצלס אַמביציע איז געווען צו זיין א שרייבער אָבער ער האָט געלערנט געזעץ אין א ווינער אוניווערסיטעט. אין דער צייט ווען ער האָט געוואוינט אין ווין האָט ער זיך נאָך מיט דער יידישער פראַגע ניט אינטערעסירט.

אין דעם ווינער אוניווערסיטעט האָט ער זיך געשאַפן א רעפּוטאַציע אַלס א שרייבער און דראַמאַטורג.

אין 1864 האָט ער זיך אויסגעצייכנט אַלס קאָרעספּאָנדענט פון פּאַריז. זיינע קאָרעספּאָנדענצן וועגן דער פּאָליטישער לאַגע און אויך ליטעראַרישע אַרטיקלען זיינען געווען מייסטערהאַפטע.

אין 1889 האָט ער געהייראַט א טאָכטער פון א רייכן מאַן.

ער האָט געשריבן אַסך ביכער און דראַמען אָבער אַלע זיינע שאַפונגען זיינען געווען ניט וויכטיק אין פאַרגלייך מיט זיין אַרבעט פאַר יידן אַלס פאָלק. ווען ער איז געווען א קאָרעס־פּאָנדענט האָט דער דרייפוס משפט אין פּאַריז געהאַט א גרויסע ווירקונג אויף הערצלען.

די מיליטערישע קליקע פון פראַנקרייך האָט געמאַכט א

בילבול אויף א יידישן קאפיטאן, מיטן נאמען אלפרעד דרייפוס. און האבן אים פאר׳משפט ווי א פאררעטער. דאס האט געמאכט א רושם אויף אונדזער הערצלען. מקען זאגן אז דער דרייפוס משפט האט אים געמאכט פאר א נאציאנאליסט און דאס האט געשאפן זיין גאנצע יידישע פאליטישע קאריערע. פריער האט ער אינגאנצן פארלייקנט זיין "יידישקייט" און ער האט זיך באטראכט אלס אן עסטרייכער.

ער האט דאן געשריבן צו באראן הירש וועגן דער יידישער פראגע אין ארץ ישראל וועגן קאלאניזאציעס.

הערצל האט געזאגט אז דער מאדערנער אנטיסעמיטיזם איז א רעזולטאט פון דער עמאנציפאציע. מען האט אונדז באפרייט פון דער געטא אבער מיר זיינען דארט פארבליבן. מיר זיינען נאך אלץ געטא יידן. מיר דארפן האבן צייט זיך צוגעוואוינען צו פרייהייט. די מענטשן האבן ניט דעם געדולד און די נויטיקע אינערלעכע פיינקייט צו געבן אונדז די נויטיקע צייט.

אין 1896 האט ער אפגעדרוקט זיין בארימטן בוך "יודן־שטאט", האלטענדיק אז דאס איז די איינציקע ברירה פאר יידן דאס אויסמישן זיך מיט דער ארומיקער וועלט, דורך געמישטע חתונות אדער זעלבסט פארזיכערונג דורך נאציאנאלע אייניקייט אין א אייגן לאנד,

אין אנפאנג האט ער דווקא ניט געפאדערט ארץ ישראל אלס די נייע יידישע היים, ער איז אויך ניט געווען ציגעבונדן צו רעליגיאן אדער רעליגיעזע סענטימענטן. אים האט זיך ניט איינגעגעבן צו איבערצייגן די פירער פון יידן מיט דער אויסנאם פון אזעלכע פירער און דענקער ווי נארדאו און זאנגוויל, וועלכע האבן אויך ניט איינגעשטימט מיט הערצלען אינגאנצן. זיין לייזונג איז געווען אן עקאנאמישע און פאליטישע.

אין זיין יודן שטאט איז ער ארויס מיט א פלאן פאר דער עטאבלירונג פון א אטאנאמישן יידישן שטאט אין ארץ ישראל, אונטער דער סואווערענטעט פון דעם טערקישן סולטאן. דער טערקישער סולטאן האט געשיינט צו זיין פריינדלעך געגנוג צו דעם פראיעקט.

די ארמענישע פּאָגראָמען האָבן אויפגערייצט גאַנץ אײ־ראָפּע קעגן דעם סולטאַן און פאַר א צייט איז די טערקישע אימ־פּעריע געווען אין גרויס געפאַר. דר. הערצלס פּלאַן וואָלט גע־האָלפן דעם סולטאַן ווי ער האָט געהאָפט צו מאַכן מעכטיקע פריינט.

אין 1897 איז דער ערשטער אינטערנאַציאָנאַלער ציוניס־טישער קאָנגרעס אָפּגעהאַלטן געוואָרן אין באַזל וואו ציוניזם אַלס פּאַרטיי איז געגרינדעט געוואָרן.

די פאָלגענדע פּראָגראַם איז אָנגענומען געוואָרן, דער ציו־ניזם שטרעבט צו שאַפן א רעכטלעך געזיכערטע היים פאַר די יידן אין ארץ ישראל. דער קאָנגרעס רעקאָמענדירט די פאָל־גענדע מיטלען:

1. אָפּגעבן זיך מיט פּאַסענדע פאָרמען פון קאָלאָניזירונג פון ארץ ישראל דורך יידישע אגריקולטורעלע און אינדוסטרי־עלע ארבעטער.

2. צונויפבינדן דעם גאַנצן יידנטום דורך אינסטיטוציעס לאָקאַלע און נאַציאָנאַלע נאָכקומען די געזעצן פון יעדן לאַנד וואו זיי וואוינען.

3. די שטאַרקונג און דערמוטיקונג פון יידישן באַוואוסט־זיין און סענטימענטן.

צוגרייטן פּלענער פאַר רעגירונגס צושטימונג וואו נייטיק צו דערגרייכן דעם ציל פון ציוניזם.

אונטער הערצלס פירונג זיינען צוזאַמענגערופן געוואָרן עטלעכע קאָנגרעסן. דער לעצטער קאָנגרעס איז געווען זיין דערפאָלגרייכסטער וואו אים איז געלונגען צו פאַראייניקן די פאַרשידענע פראַקציעס.

אָבער די אָנשטרענגונג האָט זיך שלעכט אָפּגערופן אויף זיין געזונט. ער האָט געמוזט אוועק אין א סאַניטאַריום מיט א האַרץ־קראַנקהייט. פון אָנפאַנג האָט ער זיך געבעסערט אָבער באַלד איז זיין געזונט געוואָרן ערגער פון טאָג צו טאָג.

עס איז צוגעפאַלן לונגען ענטצינדונג און דער סוף איז געווען נאָענט, ער האָט ניט אויפגעהערט צו מאָנען אהיים פאַר יידן ביז זיין לעצטן אָטעם צוג.

זיין טויט האָט זייער שטאַרק געטראָפן דעם גאַנצן יידנטום

און אין יולי 1904 האָבן 6000 מענטשן אין שטאָט ווין באַ־
גלייט צו דער אייביקער רו דעם פאָטער פון ציוניזם דר. טעאָדאָר
הערצל.

אָבער ציוניזם האָט זיך ניט געענדיקט מיט דר. הערצל'ס
טויט.

די מאָדערנע ציוניסטישע באַוועגונג פאַנגט זיך אָן אין
די 90ער יאָרן. די יידישע צרות, פאַרפאָלגונגען און פּאָגראָמען
וועלכע קומען פאָר אין די גרויסע יידישע צענטערן פון רוס־
לאַנד. אין יענע יאָרן צווינגט די יידישע אינטעליגענץ צו פאָר־
מירן אָרגאַניזאַציעס ווי חובבי ציון און ד "בילוצעס" וועלכע
זען די לייזונג פון די יידישע פּראָבלעמען אין אימיגראַציע.

און איבערהויפּט דער אַלטער יידישער געבעט און האָפע־
נונג. א זעלבסטשטענדיקע היים פאַר די יידן אין ארץ ישראל.

עס ווערן געגרינדעט גרופּן וועלכע גייען איבער צו וויכ־
טיקע ממשותדיקער ארבעט.

קאָלאָניסטן וועלכע לאָזן זיך פאָרן איבער דער גאַנצער
וועלט און איבערהויפּט קיין ארץ ישראל וואו עס ווערט גע־
שאַפן קאָלאָניעס אויף קאָאָפּעראַטיווע יסודות. עס איז דאָ פאַר־
שידענע מיינונגען אין יענער צייט בא דער פירערשאַפט. אחד
העם וועלכער זעט אין א יידישער היים א יידישן גייסטיקן
צענטער. און חיים ווייצמאַן, סאָקאָלאָוו, זשאַבאָטינסקי וועלכע
זען אין א יידישע ארץ ישראל, אַן אָטאָנאָמישע פּאָליטישע און
עקאָנאָמישע יידישע מלוכה, וועלכע זאָל זיין יידיש פּונקט ווי
ענגלאַנד איז ענגליש.

צוליב דר. חיים ווייצמאַנס גרויסע פאַרדינסטן אין דער
ערשטער וועלט מלחמה אלס כעמיקער, ווירקט ער אויס די באַ־
רימטע באַלפור דעקלאַראַציע וואו ענגלאַנד פאַרפליכטעט זיך צו
שאַפן א יידישע זעלבסטשטענדיקע היים פאַרן יידישן פאָלק.

די יידן האָבן זייער גרויסע האָפענונגען געלייגט אויף דער
דעקלאַראַציע. יונגע בחורים און מיידלעך באַוואוסט אונטערן
נאָמען חלוצים און חלוצות (פּיאָנערן) פאָרן קיין ארץ ישראל
אונטער די שווערסטע אומשטענדן. טריקענען זומפּן, בויען וועגן,
מאַכן פון זומפּן וועלכע זיינען פול מיט מאַלעריע און פאַרשי־

דענע קראנקייט, ווערן א דאנק זייער איבערמענטשלעכער פא־נאטישער איבערגעבנהייט פארוואנדלט אין שיינע, געזונטע פלע־צער און בליענדיקע גערטנער.

די יידישע באפעלקערונג פון ארץ־ישראל ווערט פינף מאל אזוי גרויס. איבערהויפט איז די יידישע אימיגראציע גרויס פון פוילן. אי די פוילישע שאוועניסטן און ענדעקעס האבן אוועקגע־נומען בא די יידן זייערע עקזיסטענץ מעגלעכקייטן. זיי פארן קיין ארץ ישראל און שאפן א גרויסן אידישן שטאט מיט א פארצווייג־טער יידישער אינדוסטריע.

פון די גרויסע האפענונגען וועלכע די יידן האבן געהאט אויף דער באלפור דעקלאראציע האט זיך אויסגעלאזן מיט גרויסע ענטוישונגען.

אפשר מיט די יעצטיקע גרויסע קרבנות וועלן זיי האבן א שטיקל טרייסט, „אפשר א היים פאר יידן"...

▼

חנה באווניק

משה מענדעלסאָן

„א נאמען, דער סימבאל פון א שטארקער קולטור באווע־גונג. א מאן — דער צענטער פון א גרויסער, גייסטיק, מעכטי־קער עפאכע. דאס איז געווען מענדעלסאן"— אט אזוי רעדט ש. ראזענפעלד, וועגן משה מענדעלסאן, אין זיין יידישע געשיכטע. מענדעלסאן האט געלעבט אין א צייט ווען די וועלט איז גע־ווען א צעטיילטע. א צייט פון איבערגאנג.

אין דער יידישער געטא האבן יידן ערשט דאן, זיך אויפ־געוועקט פון א לאנגן שלאף. און אין דער עפאכע האבן זיי נאר געלעבט פאר זייער תורה. די וועלכע האבן זיך געלערנט וועלט־לעכע שפראכן זיינען באטראכט געווארן פאר ניט־גלויביקע, אפיקורסים.

אין אזא צייט איז מענדלסאן געבוירן געווארן אין דעם

שטעטל דעסא, אין דייטשלאנד, אין יאר 1929. דער זון פון א סופר, האט מענדלסאן געהאט פאר זיין ערשטן לערער, זיין אייגענעם טאטן, כאטש ער איז געווען אן ארעמאן האט מענדל פון דעסא געוואלט זיין זון זאל האבן א גוטע העברעאישע ביל־דונג. ווען משה איז אביסל עלטער געווארן האט ער אנגעהויבן לערנען תלמוד. ער האט זיך ווייטער געלערנט ביים רב פון שטאט, רבי דוד פרענקל, וועלכער האט אים געלערנט דעם מורה נבוכים. דאס האט אים געעפנט די אויגן און ארויסגערופן ביי אים אן אינטערעס אין פילאזאפיע.

מענדלסאן האט זיך אזוי שטארק אנגעשטרענגט אין זיין לערנען אז ער איז זייער קראנק געווארן, און אויפגעשטאנען פון זיין קראנקן בעט איז ער א הויקער.

ארום דער צייט איז מענדלסאנ'ס לערער, דער רבי פרענקל, אוועק קיין בערלין וואו ער האט געקראגן א בעסערע שטעלע. דער פערצן יאריקער משה האט אזוי געדורשט נאך קענט־שאפט, אז ווען ער האט געקראגן א בריוו פון זיין געוועזענעם לערער וועלכער האט אים געבעטן קומען קיין בערלין, איז ער אוועק.

אין בערלין האט זיך מענדלסאן באקאנט מיט דעם יונגן פוילישן ייד, ישראל זאמאזשטש, וועלכער האט אים אנגעהייבן לערנען מאטעמאטיק. אין דער זעלבער צייט האט ער זיך באַ־קאנט מיט א יונגן יידישן דאקטער, אברהם קיש, פון פראג, וועלכער האט אים געלערנט לאטיין און אנדערע שפראכן. דאך קענען די לאטיינישע שפראך איז פאר אים געווארן מעגלעך צו לייענען די ווערק פון דעם גרויסן ענגלישן פילאזאף לאק. וואס מער ער האט געלערנט, האט ער געוואלט נאך און נאך מער. אליין האט ער זיך אנגעהויבן לערנען געוויסע שפראכן. ער האט דאן געפונען א גוטן לערער פון שפראכן אין דעם רייכן אראן שלמה גימפערטז.

דורך גימפערטז האט זיך מענדלסאן באקאנט מיט אנדערע יונגע אינטעליגענטן פון יענער צייט. צווישן זיי איז געווען גאטהאלד אפרים לעסינג, וועלכער איז געווארן מענדלסאנ'ס בעסטער און געטרייסטער פריינט.

נאך זיבן יאר אַפּזאַגן זיך פון אַלץ א חוץ לערנען, האָט זיך פאר משה מענדלסאָנען באוויזן בעסערע צייטן. ער האָט געקראָגן אַ שטעלע ביי א רייכן בערלינער ייד, יצחק בערנארד, אלס אַ לערער פאר זיינע קינדער, און שפּעטער איז ער געווארן זיין שותף.

אָבער מענדלסאָן איז אנגעגאַנגען מיט זיין לערנען. כמעט אָן לערער און אָן סיסטעמאַטישע בילדונג איז מענדלסאָן געווארן איינער פון די גרעסטע געלערנטע פון זיין צייט.

דורך לעסינגען האָט זיך מענדלסאָן באקאַנט מיט דעם בוך־האַנדלער פרעדריק ניקאַליי, וועלכער איז אים געוואָרן זייער אַן אינטימער פריינט. צוזאמען מיט ניקאַליי האט ער זיך אָנגע־הייבן לערנען גריכיש, און אין א קורצער צייט האָט ער שוין געקענט לייענען די גאַנצע ווערק פון פּלאַטאָן אין גריכיש אָן הילף פון קיינעם.

אין 1761 האָט מענדלסאָן חתונה געהאט מיט פראַמעט גוגענהיים. און אין 1763 האָט ער געזיגט איבער צוויי באַ־וואוסטע שרייבער פון יענער צייט, טאָמאס אבט און עמאַנועל קאַנט, און האָט געוואונען פּופּציק דוקאטס פאר אַן עסיי אי־בער מעטאַפיסיק.

מיט א פּאָר מאָנאטן שפּעטער אין דעם זעלבן יאָר, 1763, האָט מענדלסאָן געקראָגן די פּריווילעגיע צו ווערן א שול ייד אין דייטשלאַנד, אין דער זעלבער צייט האָבן אים די טראָסטים פון די יידישע געזעלשאַפט אין בערלין געגעבן דעם כבוד פון ווערן אויסגעשלאָסן פון צאָלן דעם יידישן שטייער.

ווען די ציווילע אַטאָריטעטן האָבן געוואָלט אוועקנעמען דעם רעכט פון משפטן פון די יידישע רבנים, האָט מענדלסאָן אָנגעשריבן א בוך וועגן דעם יידישן געזעץ אין וועלכן ער האָט געגעבן צו פארשטיין די קריסטלעכע וועלט וואָס דער יידישער געזעץ איז, דער בוך האָט געהייסן מיטן נאָמען "ריטואלע גע־זעצע דער יודען."

אין 1760 האָט מענדלסאָן אָנגעשריבן א העברעאישן קאָ־מענטאר אויף מילאת האגאָיען, א ווערק וועגן לאָגיק פון דעם

ראמבאם, און אין 1771 האָט ער געשריבן אַ קאָמענטאַר וועגן קהלת.

אָבער די ווערק זיינען קיינמאָל ניט געוואָרן אַזוי באַרימט ווי מענדלסאָנ׳ס איבערזעצונג פון דער ביבל. אין אָנהייב האָט ער געוואָלט איבערזעצן די תורה פאַר זיינע קינדער, אָבער שלמה דיבנאָ, אַ געבוירענער פון פּוילן, וועלכער איז געווען אַ לערער אין זיין הויז, האָט אים געבעטן ער זאָל עס דרוקן און אַרויס־געבן. דובנאָ האָט פאַר דער איבערזעצונג געשריבן אַ פאָר־רעדע.

דאָס בוך איז זייער שטאַרק אָנגענומען געוואָרן, ניט נאָר ביי די דייטשן, נאָר ביי מענטשן אין האָלאַנד, פראַנקרייך, און ענגלאַנד. אַ סך רבנים האָבן זייער שטאַרק געלויבט די איי־בערזעצונג, אָבער עס זיינען געווען די, וואָס האָבן גערעדט פאַרקערט. זיי האָבן עס ניט געוואָלט אָננעמען און האָבן עס פאַרבאָטן.

מיט דער דייטשער איבערזעצונג פון דער תורה האָט מענדלסאָן ניט דערגרייכט דאָס וואָס ער האָט געוואָלט. יידישע יונגע לייט אַנשטאָט צו לערנען די תורה דורך דער איבערזעצונג, האָבן זיי געלערנט די איבערזעצונג אין דער תורה.

אַזוי גוט ווי מענדלסאָן איז געווען אַ פאַרטיידיקער פון די יידן, איז ער אויך געווען אַ קעמפער קעגן געוויסע געוויינ־הייטן ביי די יידן. ער פלעגט זיך בעטן ביי זיי, אַז זיי זאָלן ניט באַשטראָפן איינער דעם צווייטן ווייל דער צווייטער האָט אַ פרייען געדאַנק. ער פלעגט זאָגן: — ״איר ברידער מיינע, האָט צופיל געשפּירט איבער זיך אַליין דעם דרוק פון אומטאָלעראַנץ, אַלע פעלקער פון דער וועלט זיינען ביז יעצט געווען דורכגעדרונ־גען מיט דעם געדאַנק, אַז די רעליגיע קען מען איינהייטן דורך גראָבע מאַכט און איר האָט וואַרשיינלעך איבערגענומען דעם דאָזיקן טעות, אַ ברידער מיינע! טוט שוין איצט נאָך דעם ביי־שפּיל פון ליבע, ווי איר האָט פריער נאָכגעטאָן דעם ביישפּיל פון שנאה. אויב איר ווילט אַז אַנדערע זאָלן אייך דולדן און צו רו לאָזן, זייט טאָלעראַנט און גוט פריער פאַר זיך אַליין.״

אָבער אין דער זעלבער צייט האָט זיך אַלץ ניט אויסגעלאָזט די רדיפות אויף יידן. האָט איינער געזאָגט אַ גוט וואָרט פאַר

יידן, זיינען פּופּציק אַרויסגעטראָטן קעגן יידן. דאָס האָט מענדל־סאָנ׳ען געברענגט אויפן געדאַנק ער זאָל אַרויסגעבן א בוך וועגן די יסודות פון יידנטום און אזוי באַקענען די קריסטלעכע וועלט מיט דער מאָראַלישער שיינקייט פון דער יידישער רע־ליגיע. און דאָס האָט ער געטאָן אין זיין ווערק ירושלים, וואָס איז אַרויס אין יאָר 1783.

מענדלסאָן איז ניט נאָר אַליין געווען א גרויסער מענטש, אים איז באַשערט געווען צו שאַפן א נייע שול, א נייע ריכטונג אין יידנטום. ער איז געווען דער שעפער פון יענער עפּאָכע וואָס איז באַוואוסט מיטן נאָמען השכלה. די אַפּאָסטאָלן פון דער השכלה באַוועגונג זיינען געווען מענדלסאָנ׳ס תלמידים און פריינט. אייניקע פון זיי ווי פרידלאַנדער, אייכל, און וויסל, האָבן דערנאָך באַקומען א נאָמען אין דער ליטעראַטור. די אַלע פריינט פון דער השכלה האָבן זיך אָרגאַניזירט אין א באַ־זונדערע גרופּע אונטער דעם נאָמען מענדלסאָנ׳ס קרייזל. דאָס קרייזל האָט געאַרבעט ניט אַזוי פאַר זיך ווי פאַרן גאַנצן פאָלק. זיי האָבן זיך געשטעלט צוויי גרויסע אויפגאַבן: רעפאָרמירן די יידישע שול דערציאונג און אויפלעבן די יידישע ליטעראַטור. די אַרבעט האָט זיך אָנגעהויבן נאָך פאַר מענדלסאָנ׳ס לעבן, נאָר מענדלסאָנס תלמידים זיינען אַוועק פיל ווייטער פון זייער רבין, וועלכער האָט קיינמאָל ניט געטראַכט וועגן ראַדיקאַלע רעפאָר־מען אין יידנטום. לויטן פּלאַן פון מענדלסאָנס פריינט און תלמיד, דוד פרידלאַנדער איז אין 1778 געגרינדעט געוואָרן אין בערלין די ערשטע יידישע פרייע שול וואו מען האָט געלערנט אויף דער דייטשער שפּראַך אַלגעמיינע עלעמענטאַרע בילדונג, ווי אויך די גראַמאַטיק פון העברעאיש און די ביבל. שפּעטער זיינען אַזוינע שולן געגרינדעט געוואָרן אין פילע שטעט און די תלמידים פון די שולן זיינען געווען די ערשטע פּיאָנערן און קעמפער פון דער השכלה.

אין משך פון א קורצער צייט האָט די השכלה אַרויסגעגעבן א רייע אָנגעזענע שריפטשטעלער און דענקער. צום באַדויערן, האָבן די אַלע יונגע, פרישע, קרעפטן וואָס האָבן ניט געפונען קיין אָנהאַלט צווישן יידן געמוזט אַוועקגעבן זייער טאַלאַנט צו

פרעמדע, אין דער צייט ווען אין דער יידישער געשיכטע האָבן זיי קיין צייכן ניט איבערגעלאָזט האָבן זיי פיל אויפגעטאָן פאַר דער אנטוויקלונג פון דער דייטשישער ליטעראטור. דאָס האָט געטריבן די יעניגע משכילים צו אסימילאציע און שמד. אזוינע משכילים ווי דוד פרידלאנדער און אליעזר בן דוד האָבן זיך גע־קלאָגט אויף דער אויסגעלאסנהייט וואס האָט זיך פארשפרייט צווישן דעם יונגן דור.

אזוי ווי מיר זען האָט מענדלסאָנס השכלה געמאכט די לאגע פון די יידן א סך ערגער ווי בעסער. מען האָט געמוזט זוכן נייע וועגן. עס האָט זיך אין יענער צייט געוויזן א נייע שטרעמונג. מען האָט געוואָלט רעפאָרמירן די יידישע רעליגיע. דאָסאיז אָנגעפאנגען געוואָרן פון דעם אלטן אסימילאטאָר דוד פרידלאנדער. ער האָט פארלאנגט אז מען זאָל דאוונען אין דייטש, און מען זאָל אויסמעקן פון אלע תפילות אלע שטעלן וואָס האָבן א יידיש נאציאָנאלן אינהאלט. אָבער ער אליין איז געבליבן ביי דעם דאָזיקן געדאנק ווייל קיינער האָט ניט געוואָלט צושטימען מיט אים.

די השכלה עפּאָכע האָט זיך דערמיט ניט געענדיקט, מען האָט געמוזט ווייטער זוכן נייע וועגן.

אין יאָר 1786 איז געבוירן געוואָרן אין דער שטאָט בראָט, אין גאליציע, דער גרויסער נאציאָנאליסט נחמן קראכמאל, און מיט אים איז אריינגעקומען די השכלה אין גאליציע. מיט קראָכמאל אז צוגעקומען צום יידנטום נאציאָנאליזם און דער גע־דאנק אין מיסיע יידנטום.

אין דער זעלבער צייט איז אין גאליציע שוין געווען קרייז־לאך פון משכילים וועלכע זיינען געשטיצט געוואָרן פון יוסף פערל פון טארנאפאל, וועלכער האָט אוועקגעלייגט אסך מי און ענערגיע איינצופירן אין גאליציע די דייטשע השכלה.

די השכלה האָט זיך פארשפרייט אין ליטע, פוילן, און רוסלאנד. אין רוסלאנד האָט געשפּילט א גרויסע ראָלע אין דער השכלה אזוינע מענטשן ווי, פרץ סמאָלענסקי, משה לילענבלום, יצחק בער לעווינסאָן און דאָקטער לעאָן פינסקער.

איינער פון די וויכטיקסטע פירער פון דער השכלה באַווע־

גונג אין רוסלאַנד איז געווען יצחק בער לעווינסאָן, א געבוירע־נער פון קרעמעניץ אין יאָהר 1788. זיין געדאַנק איז געווען אז ביידע, דער יידישער נאציאָנאַליזם, און די רעליגיעזע זיינען איין זאַך, מען קען ניט אפּטיילן איינס פון דעם צווייטן, דאָס איז ווייל די יידישע רעליגיע האָט ניט קיין דאָגמאַס נאָר בלויז געזעצן.

אזוי ווי מיר זען איז די השכלה פון מענדלסאָנ׳ס צייט געווען א דורכפאַל. די אורזאכן זיינען געווען אסך, אסימילאַציע, וואָס האָט געבראַכט צו דעם שטאַנדפּונקט אז אפילו מענדלסאָנ׳ס אייגענע קינדער זאָלן זיך שמדן און אָננעמען אן אַנדער רעליגיע.

עס האָט געברענט די עמאנציפּאַציע, צו דעם וואָס פילע פון די משכילים זיינען געוואָרן ווילד, האָבן געזוכט קערפּערלעכע פארגעניגענס און עטישע געדאַנקען.

זיי זיינען געווען קעגן נאציאָנאַליזם און דערפאַר האָבן זיי ניט געקענט באַוועגן די מאַסן אז זיי זאָלן מיט זיי מיטגיין. און אזוי מאַכן פּראָגרעס אין זייער באַוועגונג.

▼

פישל אדערבערג

לואיס דעמביץ בראַנדייס

אפילו פאַר זיין טויט, איז לואיס ד. בראַנדייס, אין אמע־ריקאַנער לעבן, און אין דער ציוניסטישער באַוועגונג געוואָרן א טראַדיציע. מ׳האָט אויף אים געקוקט, ווי אויף א לעגענדאַרע פיגור. ווען ער איז נאָך געווען א יונגערמאַן, א שטילער, באַ־שיידענער מיט הויכע אידעאַלן. זיין לעבן אלס סופרים קאָורט ריכטער האָט פארנומען דעם גרעסטן טייל פון זיין צייט. ער האָט קוים געהאַט וועלכע מעגלעכקייט זיך אָפּצוגעבן מיטן געזעלשאַפטלעכן לעבן, און דאָך האָבן זיך ארום אים געוועבט לעגענדעס, און געשאַפן זיך אנעקדאָטן.

זיין נאָמען איז דער ערשטער אין דער רייע פון די, וועלכע

האבן מיט זייער גאונות בעאיינפלוסט דעם אויפבוי פון אמעריקאנער יוריספרודענץ, ספּעציעל אונזער קאנסטיטוציאנעלן געזעץ.

דאָס אמעריקאנער יודנטום, באזונדערס, די ציוניסטן, וועלן אים קיינמאָל ניט פארגעסן, זיי וועלן אים דאנקבאר זיין, פאר זיין טייל אין אויפבויען, און שטארקן די אמעריקאנער ציוניסטישע באוועגונג. אפילו אין זיין ספּערע, פון ספּעציפישע אמעריקאנער אקטיוויטעטן, זיינען זיינע אידייען געווען ניי און מאָדערן. זיינע אינספּיראציעס זיינען געקומען פון זיינע גייסטיקע אורעלטערן, די נביאים פון ישראל. דעריבער איז שווער צו מאכן א מחיצה, צווישן די יידישקייט פון בראנדייס און זיין לעגאלע און יורידישע קאריערע. און כאָטש עס איז ניט לייכט צו פארשטיין, איז עס אבער אמת, אז זיין לעבן איז ניט געווען פול מיט קאנפליקטן, און ווידערשפּרוכן, נאר איז באשטאנען פון א באשטימטער אייננארטיגער לעבנס פאָרם, געבויט אויף זיינע הויכע אידייען און אידעאלן.

ס'איז ניט אינגאנצן פארשטענדליך, וועלכע טרייבקראפט, האט געטריבן בראנדייסן צו ענטוויקלען אין זיך זיין ליבעראלן קוק אויף מענטש און שטאט. און זיין הויכן אידעאליזם וועגן ציוניזם. זיין קאריערע איז געווען א געלונגענע, ער איז געווען אין גוטע באציאונגען מיט זיינע רייכע פּראפעסיאָנעלע קאלעגן. פונקט אזוי איז ניט פארשטענדליך, ווי אזוי א מענטש וואס האט געלעבט אין רייכטום און לוקסוס, און וועלכער איז געווען אונטערוואַרפן רייכע איינפלוסן, זאל ווערן א מאסן־מענטש, א העלד פון די אונטערדריקטע, א פארשטייער פון דעמאקראטיע, און דאך איז עס ביי בראנדייסן געווען אזוי, זיין געזעלשאפטליכע באציאונג, איז ניט געווען באזירט לויט אומשטענדן אין וועלכע ער האט זיך געפונען, נאר איז געקומען פון זיין יידיש הארץ און יידישן גייסט. — פון ירושה.

בראנדייס איז אין 1916 געווען דער ערשטער ייד, צו ווערן א ריכטער פון סופרים קאורט, און פאר 23 יאר האט ער זיך געהאלטן ביי זיינע מיינונגען וועגן געזעץ און מענטש. "געזעץ

איז געמאכט געווארן צו דינען דעם מענטשן, און ניט אז מענטש זאל דינען געזעץ."

מיר זיינען אבער מער פאראינטערעסירט אין בראנדיים'ס לעבן אלס ייד, און דאס שפיגלט אויך אפ זיין לעבן אלס מענטש.

זיין זארג פאר דעם וואוילזיין פון די קליינע מענטשן, די פארגעסענע, ניט פריווילעגירטע; זיינע קאמפן קעגן עקאנאמי־שער טיראנישקייט אין יעדער פארם; זיין גלויבן אז אמת'ע דעמאקראטיע שטעלט מיט זיך פאר גלייכע עקאנאמישע און פא־ליטישע רעכט; זיין טיפע הומאנישע ליבע, זיינען אין פולן איינ־קלאנג, מיט טראדיציאנעלע יידישע אידייען, פון יושר און גע־רעכטיקייט, פון סאציאלע פרייהייט און עטיק, וועלכע האבן צו־זאמענגעשטעלט זיין יידישע ירושה.

בראנדיים'ס ציוניזם, איז געווען א גייסטיקער עניו, מער ווי א הארץ פארלאנג, ער האט געזען אנטיסעמיטיזם, אין זיין רייכער וועלט, און דער פארוואס? האט אים געמאטערט. צום ערשטן מאל האט ער געפילט ניט זיכערקייט. ניט אין זיין אמט, אדער פאזיציע אין לעבן, נאר אין זיין טראכטן. פערזענליך האט ער געהאט זיכערקייט, אבער די יידישע פראבלעם איז געווען זיינע, און ער האט געפילט מער ווי זיינע אייגענע געברויכן און פארלאנגען.

זיין קוק אויף יידישע פראבלעמען איז געווען מערקווירדיק, ווייל ער האט קיינמאל ניט געקראגן קיין יידישע דערציאונג, ס'איז געווען מער אינסטינקט ווי וויסן, ער האט אלעמאל גע־גלויבט אין יידישן אינסטינקט, וועלכער עפנט די טירן צו דער־פאלג פאר יידן, אויב זיי האבן נאר א מעגלעכקייט, ער איז געווען שטאלץ מיטן יידישן פאלק, אבער ער האט ניט געגלויבט אין ראסן סופיריאריטעט.

בראנדיים האט אלעמאל דרך ארץ געהאט פאר זיין פעטער נאפטאליע דעמביץ, אן אדוואקאט, וועלכער האט געלעבט אין לואיוויל, קענטאקי. זיין פעטער איז אויך געווען א יידישער וויסנשאפטלער, און האט געשריבן כמעט אלע ארטיקלען איבער געזעץ אין דער יידישער ענציקלאפעדיע, און האט אויך שפעטער

געשריבן א אויטאָריטעטיוון בוך איבער סינאַגאָגאַלע צערע־מאָניעס.

ס׳איז שווער צו וויסן, ווען זיין יידישקייט איז געוואָרן א וויכטיקער ענין אין בראַנדייס׳ס וועלט אנשויאונג. מאנכע ביאָג־ראַפער גיבן אָן, אז שוין אין 1910 האָט ער געשריבן זיין פּרוי אין קאָלאָראַדאָ, אז ער וואָלט געוואָלט זען אן אויפבוי באַוועגונג אין ארץ ישראל. ער האָט אויך ארויסגעצייגט דורך א צייטונגס אַרטיקל, אז ער האָט פולן רעספּעקט און דרך ארץ פאַר די "נאָ־רישע טרוימער." וועלכע האָבן דאָן אָנגעהויבן פּראָפּאַגאַנדירן די ציוניסטישע אידייע.

שפּעטער אין 1911, ווען ער איז געווען אַן "אַרביטריישאָן באָרד" פאָרזיצער אין נויאָרק, אין דער צייט ווען עס איז אָנגע־גאַנגען דער "גאַרמענט וואָרקערס" סטרייק, האָט ער באַגעגנט יאַקאָב דעהאַן. ער איז געווען איינער פון די גרינדער פון ציוניזם אין ענגלאַנד, האָט גוט געקענט הערצלען, איז געווען א דעלעגאַט, צום ערשטן ציוניסטישן קאָנגרעס אין באַזעל, און איז געווען דער רעדאַקטאָר, פון א ענגליש־יידישער צייטונג אין באָסטאָן. אין ניו יאָרק האָט ער זיך אויך באַקאַנט מיט יידישע מאַסן. דע־האַן האָט אין בראַנדייסן איינגעפּלאַנצט הערצלס געדאַנקען אי־בער דער פראַגע פון יידישער היימלאָזיקייט. דאָס האָט בראַנ־דייסן געמאַכט זיך צו פאַרטיפן אין דער פראַגע, צו פאַרטראַכטן זיך אין דער ציוניסטישער אידייע, און וואָס פאַר א באַדייטונג עס האָט פאַר יידן און יידישן לעבן.

נאָכן אויסברוך פון דער ערשטער וועלט מלחמה, ווען די אַמעריקאַנער ציוניסטן האָבן איינגעזען אז די פאַראַנטוואָרט־לעכקייט פון דער באַוועגונג ליגט אין זייערע הענט, האָבן זיי געגרינדעט "די צייטווייליגע עקזעקוטיוו קאָמיטע, פאַר ציוניס־טישע ענינים" און האָבן דערוויילט בראַנדייסן אלס פאָרזיצער. דאָן האָט ער צום ערשטן מאָל אָנגענומען די פירערשאַפט פון דער ציוניסטישער באַוועגונג אין אַמעריקע. ער איז ארומגעפאָרן איבער אַמעריקע, באַזוכנדיק יידישע קהילות, און זיי אויפגע־קלערט איבער יידישע פּראָבלעמען, באַזונדערס די פּראָבלעמען פון ציוניזם.

אין זיינע עפנטליכע ארויסטרעטונגען האָט ער אַלעמאָל אונטערשטראָכן די צוויי אַספּעקטן פון יידישן פּראָבלעם, דער יחידישער און קאָלעקטיווער יידנטום. ער האָט איבעראַל גע־קעמפט קעגן אַסימילאַטאָרן, און האָט געפּרואווט איינפּלאַנצן אין אַמעריקאַנער יידן די אידעאַלן פון די פּיאָנערן אין ארץ ישראל. זייער אידעאַל איז פאַר אים געווען דער שפּיץ פון סאָציאַלער פּאָלקאָמענהייט. ער האָט ארויסגעבראַכט דעם געדאַנק "אַז אין א יידישן קאָאָפּעראַטיוון פרייען שטאַט, קען דער יחיד, דער אינדיווידועלער בירגער, פון זיך ארויסבאַקומען די פולע מאָס פון זיינע שאַפנדיקע כוחות." בראַנדייס האָט געקעמפט פאַר דעם, אז אלס מיטגליד אין דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע, זאָל יעדער קענען איבערשאַפן און באַזיגן, די גייסטיקע און מאַ־ראַלע דעגענעראַציע פון אמעריקאַנער יידנטום.

זיין קאָנצעפּציע פון ציוניזם איז ניט געווען קיין פילאַנט־ראָפּישע, אָבער ער האָט זיך אסך געמיט צו קריגן געלטער, אויפ־צובויען קינדער גאָרטנס און שפּיל־הויפן פאַר יידישע קינדער פּיאָנערן אין ארץ ישראל.

ער האָט אין 1916 ביי דער ציוניסטישער קאָנווענשאָן, געמאַכט אַן אַנאַלאָגיע צווישן רעוו. וויליאַם בלעקסטאָנ'ס בעטן דעם פּרעזידענט צו גרינדן א וועלט קאָנגרעס צו פאַרענטפערן יידישע פּראָבלעמען, מיט הערצלס ארויסטריט 5 יאָר שפּעטער פאַר דער לייזונג פון דער יידישער פראַגע.ביידע האָבן קיינ־מאָל ניט געלייענט איינער דעם אַנדערנס מיינונגען, און ביידע זיינען אין א 5 יעריקן שפּאַן, ארויסגעקומען פאַר דער וועלט מיט די זעלבע פאָדערונגען צו לייזן דאָס יידישע וועלט פּראָבלעם.

בראַנדייס איז געווען דער פירער פון הויפּט קאָמיטעט, פון אמעריקאַנער יידישן קאָנגרעס. אין 1916 האָט ער געעפנט די זיצונג פון ערשטן יידישן קאָנגרעס אין פילאַדעלפיע. ער איז געווען אַן אָנהענגער פון א דעמאָקראַטישער אָרגאַניזאַציע, וועל־כע זאָל אויסדריקן דעם ווילן פון די מאַסן אמעריקאַנער יידן, און ער האָט דערפאַר מיט מוט און איבערגעבנקייט געאַרבעט פאַרן קאָנגרעס.

אין א ציטונגס ארטיקל האָט בראַנדייס אַמאָל אויסגעדריקט

זיין מיינונג וועגן יידישן פּראָבלעם מיט פאָלגנדן זאץ: "ציוניזם איז די דירעקטע קאָנסעקוועגץ פון אמתן אמעריקאנער פּאטריאָטיזם, ליבע צו אמעריקע טרייבט יעדן יידן צו ציוניזם און ציוניסטישער אידיאָלאָגיע.

אין 1921 האָט זיך בראַנדייס צוריקגעצויגן פון אָפיציעלער פירערשאפט, אין דער ציוניסטישער אָרגאניזאציע, צוליב אינווייניגסטע סכסוכים צווישן זיין גרופּע, וועלכע איז באַשטאַנען פון דר. סטעפאן וויס, פעליקס פראנקפורטער, יאקאָב דע־האז און ראָבערט סזאָלד, און די גרופּע פון דר. חיים ווייצמאן, דר. שמריהו לעווין און לואיס ליפּסקי.

אפילו נאָכדעם האָט ער געהאָלפן דעם ציוניזם אין אמעריקע, און ארץ ישראל, מיטביישטייערונגען, אָבער דאָס איז נאָר געווען א רעלאטיווע קליינינקייט אין פארגלייך מיט זיין איבערגעבנקייט צו דער אויפלעבונג פון ציון.

אמעריקאנער ציוניסטן האָבן אים ניט פארשטאַנען. ער איז געווען ביז זיין טויט א פולער אָנהענגער פון השומר הצעיר, א לינקע ציוניסטישע גרופּע, און אינדערזעלבער צייט האָט ער פּארטיידיגט, און האָט געהאָלפן שאפן די פּאלעסטינער עקאָנאָמישע קאָרפּאָראציע, וואָס שטיצט פּריוואַט קאפּיטאל.

א ליבעראל אין מאָדערנעם עקאָנאָמישן זין פון וואָרט, איז ער אָבער ניט געווען קיין מארקסיסט און קאָלעקטיוויסט.

אמעריקאניזם און ציוניזם זיינען געווען דער פונדאמענט אף וועלכן זיין וועלטלעכער פּאלאץ איז געבויט געוואָרן.

ער איז געשטאָרבן דעם 5טן אָקטאָבער 1941, א גרויסער ריכטער און געלערנטער, א הייסער אמעריקאנער פּאטריאָט און א גוטער ייד.

שלום עליכם שולן

לייבל מעלאַמדאָוויטש

דער דיכטער מאַני לייב

איך האָב אויסגעקליבן צו שרייבן וועגן מאַני לייבן, ווייל היינטיקס יאָר איז געווען זיין זעכציק יאָריקער געבוירנטאָג. מיר האָבן געלערנט אין שול וועגן זיין לעבן און אַ סך פון זיינע לידער און פּאָעמען.

וועגן זיינע קינדער יאָרן און זיין יוגנט דערוויסן מיר זיך פון זיין דערציילונג „אַ מעשה וועגן זיך."

מאַני לייב איז געבאָרן געוואָרן אין ניעזשין, אוקראַינע. ער האָט געהאַט נאָך זיבן שוועסטער און ברידער. זיי האָבן גע־וואוינט אין אַ קליין שטיבל מיט אַ שטרויענעם דאַך. זיין טאַטע און מאַמע זיינען געווען ווי ער זאָגט ערלעכע מענטשן, נאָר גרויסע אָרימעלייט, זיי פלעגן אויפשטיין באַגינען און אוועק־לויפן אין מאַרק האַנדלען. זיין טאַטע האָט געהאַנדלט מיט פעל. זיין מאַמע מיט גענדז, הינער, און אייער. פון מאַרק פלעגט זי ברענגען קאַרטאָפל, ברויט, מיט געפּרוירענע עפּל, וואָס די אַכט קינדער פלעגן עסן אויף אָונטברויט. געשלאָפן זיינען די קינ־דער אויף שטרוי וואָס איז געווען אויסגעשפּרייט אויף דער ערד.

מאַני לייב דערציילט, אַז ווייל זיין טאַטע־מאַמע זיינען גאַנצע טעג ניט געווען אין שטוב האָט קיינער אויף די קינדער ניט אכטונג געגעבן. האָבן די קינדער אכטונג געגעבן אויף זיך אליין, די גרעסערע אויף די קלענערע און די קלענערע אויף די קליינע. פונדעסטוועגן זאָגט מאַני לייב איז ער געוואַקסן אַ גע־ראָטענער און ער אַז געווען דער בעסטער תלמיד אין חדר. אָבער אויך דער גרעסטער שטיפער אין שטאָט. ער איז געווען דער ערשטער שווימער, און דער ערשטער אויף צו קלעטערן, רייסן עפּל אין פרעמדע סעדער, וואו נאָר אַ געשלעג איז ער דאָרטן געווען. צו אַלע מעלות איז ער נאָך געווען אַ גוטער זינ־גער אויך. זינט מאַני לייב געדענקט זיך האָט זיין שטיבל גע־זונגען. שבת אָדער יום־טוב ווען נאָר זיין **מאַמע איז געווען אַז** אויסגערוטע פלעגט זי זיך פאַנאַנדערזינגען, און אַלע קינדער פלעגן באַלד אונטערכאַפּן דאָס געזאַנג. די גאַנצע גאַס פלעגט

דעמאָלט קומען צולויפֿן און זיך שטעלן הינטער זייערע פֿענצ־טער. זיין טאַטע, וואָס אַליין האָט ער זיך געשעמט צו זינגען, פֿלעגט שמייכלען א גליקלעכער און צופֿרידענער.

שבת צו נאָכטס פֿלעגן זיך פֿאַרקלייבן צו זיי אין שטיבל דעם טאַטנס אַלע גוטע פֿריינט. זיי פֿלעגן דערציילן שרעקלעכע מעשיות וועגן גזלנים, וועלף, מכשפים און מכשפות. מאַני לייב פֿלעגט מיט אַן אָפּענעם מויל זיך צוהערן צו די שרעקלעכע מעשיות און ער פֿלעגט זיי איינזאַפּן אין זיך. שפּעטער האָבן זיך די מעשיות אָפּגעשפּיגלט אין זיינע ווערק ווי "גזלנים", "יינגל צינגל כוואַט" און אַנדערע.

ווען מאַני לייב ווערט אַלט עלף יאָר פֿירט אים זיין טאַטע אַוועק צו א קאַמאַשן שטעפּער. ווי אַלע לערן־יינגלעך הייבט מאַני לייב אָן ניט פֿון דער מלאכה נאָר פֿון שלעפּן שווערע קוישן פֿון מאַרק פֿאַר דער באַלעבאָסטע, ···יגן די קינדער, טראָגן וואַסער פֿון ברונים. נאָר אויך גוטע זאַכן האָט מאַני לייב צו פֿאַרדאַנקען זיין באַלעבאָס. ער לערנט זיך פֿון אים אָפּ לייענען ביכער און ריידן אין גראַמען. מאַני לייב דערציילט אונדז אַז ער האָט אָנגעהייבן מיט אַלעמען ריידן אין גראַמען. מיט די עלטערע באַלמעלאָכעס, מיט דער באַלעבאָסטע, מיט די קונדן, מיט זיינע ברידערלעך, נאָר ניט מיט זיין טאַטן.

מאַני לייב זאָגט אַז אייגנטלעך איז ריידן אין גראַמען פֿאַר אים קיין נייס ניט געווען; זיין מאַמע האָט אויך ליב געהאַט צו ריידן אין גראַמען. ווען מאַני לייב, פֿלעגט זיך אָנהייבן איבער־צוואַרפֿן מיט זיין מאַמען אין גראַמען, פֿלעגט ער שטענדיק בלייבן הינטערשטעליק ווייל ביי זיין מאַמען פֿלעגן זיך די גראַמען קיין מאָל ניט אויסשעפּן.

צו יענער צייט הייבט מאַני לייב אָן אויסצולייגן זיינע גראַמען אין לידער און אריינשרייבן עס אין גראָבע העפֿטן.

צו פֿופֿצען יאָר האָט ער שוין געהאַט איבערגעלייענט א סך ביכלעך יידישע און רוסישע און האָט זיך שוין גע׳חברט מיט געלערנטע יונגעליים פֿון שטאָט.

צו יענער צייט דערציילט מאַני לייב אַנטלויפֿט זיין באַלע־באָס קיין אַמעריקע. און מאַני לייבס פֿאָטער צווינגט אים אי־

בערצונעמען די שטעפעריי און ווערן א באַלעבאָס פאַר זיך. דאָס איז אים געווען שטאַרק ניט צום האַרצן. ווייל שוין דע־מאָלט האָט ער געפילט אַז די באַלעבאַטים לעבן פון פרעמדן שוויס. אים זיינען שוין אין קאָפּ געלעגן אַנדערע זאַכן. ער האָט אָבער געמוזט ווערן דער באַלעבאָס פון וואַרשטאַט, לאַנג איז ער קיין באַלעבאָס ניט געווען. צו זיי אין שטאָט קומט א יונגער מאַן אויך א שטעפער. מאַני ליב באַקענט זיך מיט אים און זיי ווערן זייער גוטע חברים. זיי לייענען צוזאַמען ביכער, און דער עיקר שמועסן זיי. פון אים דערוויסט זיך מאַני ליב אַז ערגעץ אין די ווייטע שטעט מאַכן באַלמעלאָכעס שטרייקן און אַז מען וויל ניט קיין קייסער.

מאַני ליבן איז דאָס געפעלן. ער וואַרפט זיך באַלד אַריין אין דער אַרבעט, וואַרפט אַוועק זיין שטעפעריי, קלייבט צענויף די באַלמעלאָכעס פון שטאָט, פירט זיי אַרויס אין א שטרייק און ווערט זייער פירער. פון זיינע נייע חברים און סטודענטן דערוויסט ער זיך אויך אַז זיינע לידער רופט מען פּאָעזיע, און אַז ער איז א פּאָעט.

אונטערן נאָמען "פּאָעט" מאַכט ער סטרייקס, בונטעוועט קעגן קייסער און האַלט פייערדיקע רעדעס, ביז ער פאַלט אַריין אין תפיסה. דאָרט שרייבט ער אויך לידער און לייענט ביכער. די לידער האָט מען שפּעטער געזונגען אין אַנדערע שטעט.

ווען ער גייט אַרויס פון תפיסה, הייבט ער ווידער אָן צו בונטעווען, און מען האַלט אים ביים אַרעסטירן א צווייטן מאָל. אָבער דעמאָלט אַנטלויפט ער קיין אַמעריקע.

אין אַמעריקע איז ער אויך די ערשטע צייט א שטעפער. ער הערט אָבער ניט אויף צו שרייבן זיינע לידער. און ביסלעכ־וויַיז באַקומט ער דעם נאָמען פון גרויסן:

דיכטער מאַני לייב

און איצט אַביסל וועגן זיינע ווערק. דורכן יאָר האָב איך געלייענט און געלערנט א סך פון מאַני לייבס ווערק. עס איז מיר געפעלן געוואָרן א גרויסער טייל פון זיינע געדיכטן און פּאָעמען. אָט איז א פּאָר פון זיינע געדיכטן וואָס איך האָב געלערנט.

„פאר די הענטלעך אין די רינגען", „א מעשה'לע אין גראמען פון דריי זין מיט א מאמען", „יינגל צינגל כוואט" א. א. וו.

צום בעסטן פון די געדיכטן געפעלט מיר: „מעשהלע אין גראמען פון דריי זין מיט א מאמען." די מעשה איז געשריבן געווארן מיט אזוי פיל הארץ, און עס ווייזט אונדז ווי שטארק א מאמע קען זיין אין איר ליבע צו אירע קינדער. ווי גוט זי קען זיין און וויפיל צרות ז קען אויסשטיין. מאני לייב האט דאס געשריבן אלס א מתנה צו זיין מאמען. פון דעם אליין קען מען זען, אז מאני לייב האט זייער ליב געהאט זיין מאמען.

צו א סך פון זיינע לידער האט מען צוגעפאסט מוזיק, דאס איז דערפאר וואס זיינע לידער אליין גיסן זיך ווי מוזיק. און דערפאר קען מען צו זיי לייכט צופאסן מעלאדיעס.

איך וואלט געוואלט מאני לייב זאל נאך לעבן לאנגע יארן און שרייבן נאך א סך לידער פאר קינדער און דערוואקסענע.

▼

דבורה גאלדבערג

שלום עליכם אין אונדזער שול

אין דער צייט וואס איך האב געלערנט אין דער יידישער שול האב איך זיך באקענט מיט א סך יידישע שרייבער. איך האב געלערנט ערנסטע מעשות און קאמישע זאכן, פאעזיע און פראזע. פון די אלע ליטערארישע ווערק האב איך צומערסטן ליב געקראגן שלום־עליכמס דערציילונגען פון דעם לעבן פון יידישע קינדער. ס'איז אבער א מאדנע זאך מיט זיינע דערציילונגען. א סך מאל דאכט זיך מיר אויס אז איך בין אליין דאס קינד און לעב איבער אלץ וואס קומט פאר מיטן העלד. די דערציילונגען רופן ארויס געלעכטער אבער אפט מאל באמערק איך פלוצלונג טרערן פאלן אויף די בלעטער פון בוך. אין שלום־עליכמס אלע דערציילונגען איז געלעכטער געמישט מיט טרערן. דאס איז דאס וואונדערלעכע פון זיין שאפן.

שלום־עליכם (שלום ראבינאוויטש) איז געבוירן געוואָרן אין א קליין שטעטל וואָראָנקע אין 1859. דאָרט האָט ער פאַר־בראַכט די בעסטע פון אַלע זיינע קינדער יאָרן. שלום־עליכם שרייבט וועגן זיך אַליין: "די פאַנטאַזיע איז ביי מיר געווען פון קינדווייז אָן מאָדנע גרויס און צעהיצט. הייזער האָבן ביי מיר אויסגעזען ווי שטעט; הויפן — מדינות; בוימער — מענטשן; מיידלעך — בת־מלכהם; רייכע יונגעליים — פרינצן." ער שרייבט ווייטער: "אויפכאַפּן דאָס קאָמישע פון יעדער זאַך און פון יעדן מענטשן — דאָס איז געווען ביי מיר כמעט אַ חולאת. איך פלעג, ניט ווילנדיק, נאָכמאַכן איטלעכן באַזונדער. פאַר אָט דעם נאָכמאַכן האָב איך געכאַפּט פעטש ווי האָלץ."

שלום־עליכם האָט דאָס גאַנצע לעבן זיינס אָפּגעלעבט אין רוסלאַנד. די לעצטע צען יאָר פון זיין לעבן איז ער אַ סך אַרומ־געפאָרן. אין 1906 איז ער צום ערשטן מאָל געקומען קיין אַמע־ריקע. ער איז אָבער דאָ געווען נאָר אַ קורצע צייט און איז צו־ריקגעפאָרן קיין אייראָפּע. ער האָט געלעבט אין שווייץ און אין איטאַליע, ווייל ער איז געווען ניט געזונט און האָט געמוזט זיך היילן. אַ פּאָר מאָל איז ער געווען אין רוסלאַנד און דורכ־געפאָרן די שטעט וואו ס'לעבן אַ סך יידן. ווען עס האָט זיך אָנגעהייבן די ערשטע וועלט־מלחמה, איז ער געווען אין דייטש־לאַנד. פון דאָרט האָט ער זיך אַרויסגעראַטעוועט און איז גע־קומען קיין ניו־יאָרק.

די לעצטע אַנדערהאַלבן יאָר פון זיין לעבן איז ער געווען אין ניו־יאָרק. ער האָט געוואוינט פריער אין האַרלעם, נאָך דעם אין בראָנקס. דאָ האָט מען אים אַרומגערינגלט מיט גרויס ליבע. זיין פאַמיליע איז געווען אַרום אים, אַ סך שרייבער זיינען געווען מיט אים אָבער שלום־עליכם האָט זיך ניט געפילט גוט, ווייל זיין געזונט איז געוואָרן אַלץ ערגער און ערגער. די לעצטע צוויי חדשים איז ער זייער קראַנק געווען און איז געשטאָרבן דעם 13־טן מאַי, 1916.

שלום־עליכם האָט אָנגעשריבן אַ גרויסע צאָל דערציילונגען

—גרויסע און קליינע. אין א סך פון די דערציילונגען באַ־שרייבט ער דאָס לעבן פון קינדער, זייערע שפּילן, איינפאַלן און פאַרלאַנגען.

איינע פון זיינע ערשטע, קליינע דערציילונגען איז "דאָס מעסערל." דאָס איז א מעשה וועגן א יינגל, וואָס וויל זייער שטאַרק האָבן א מעסערל. די, און א סך אַזעלכע מעשות פון לעבן פון קינדער איז זייער כאַראַקטעריסטיש פאַר זיין שאַפן. שלום־עליכם ווייס און פאַרשטייט אַלע פאַרלאַנגען פון קינדער.

איינע פון זיינע דריי גרויסע ווערק איז מאָטל דעם חזנ'ס. דאָס איז א דערציילונג וועגן א יינגל א יתום, וואָס כאָטש ער איז א יתום איז ער ניט אומגליקלעך. מאָטל דערציילט ווי זיין ברודער מאַכט קוואַס און ווי ער פאַרקויפט עס. ער דערציילט ווי זיי פאָרן קיין אַמעריקע, ווי זיין ברודער שטרייקט. מאָטל איז א לעבעדיקער, א פריילעכער, א קלוגער; א יינגל וואָס האָט ליב אַלעמען אָפּצוטאָן שפּיצלעך. (אַזוי ווי דער שרייבער אַליין) אַז זיין ברודער שטרייקט איז עס פאַר אים א פריילעכער יום־טוב. אַלץ איז פאַר אים א שפּילכל.

א צווייטע פון זיינע גרויסע ווערק איז "טוביה דער מילכי־קער." דאָס איז א דערציילונג וועגן א ייד וואָס פאַרקויפט מילך. ער איז א ייד אַן אָרימאַן, א פאָטער פון זיבן טעכטער. אָבער כאָטש דער ייד האָט אַזויפיל צרות איז ער א ייד א פריילעכער, א קלוגער, א גוטמוטיקער און א נישט פאַרזאָרגטער. צו אַלע צרות האָט ער אַן עצה, א פּסוק, א ווערטל. ער גיט א זאָג א ווערטל און ראַטעוועט זיך פון אַלע זיינע צרות.

די יידישע שול האָט מיר געגעבן די געלעגנהייט זיך צו באַקענען מיט שלום־עליכם, דעם גרעסטן יידישן שרייבער. ווען איך וואָלט נישט געגאַנגען אין א יידישע שול וואָלט איך מסתמא נישט געהאַט דעם פאַרגעניגן צו ליינען און לערנען די ווערק פון אונדזער גרויסן הומאָריסט. איך פאַרשטיי איצט וואָס פאַר א גרויסן פאַרלוסט ס'האָבן די קינדער וואָס גייען נישט אין א יידישער שול און האָבן נישט די מעגלעכקייט צו געניסן פון שלום־עליכמס שאַפן.

איך פארשטיי אז איך האָב נאָך ניט געלערנט אַלץ פון שלום-עליכם. א סך פון זיינע ווערק זיינען נאָך פאר מיר אומ־באקאנט. איך וועל אָבער אין מיין ווייטערדיקן לערנען שטענ־דיק האָבן דעם גרעסטן אינטערעס פאר אונדזער ליבן שלום־עליכם.

▼

זלאטע וואפנער

פאַרוואָס מיינע עלטערן האָבן מיר געשיקט אין אַ אידישער שול?

מיינע עלטערן זיינען געקומען פון איראָפּע וואו זיי האָבן גערעדט יידיש. כאָטש זיי זיינען שוין דאָ צוואנציק יאָר אין אמעריקע רעדן זיי נאָך אַלץ יידיש. אלע פריינד, וואָס קומען צו אונז רעדן יידיש. מיין באָבע רעדט יידיש און איך רעד יידיש און איך רעד צו איר יידיש, מיין שוועסטער און ברודער רעדן אויך יידיש.

ס'איז דעריבער ניט קיין וואונדער וואָס מיינע עלטערן האָבן מיר געשיקט אין דער יידישער שול, ווען איך בין געוואָרן אַכט יאָר אלט. מיינע עלטערן האָבן מיר געשיקט אין שול, ווייל זיי האָבן געוואָלט איך זאָל לערנען די יידישע געשיכטע, ליינען און שרייבן יידיש.

מיינע עלטערן ווילן אז איך זאָל זיך באקענען מיטן לעבן פון יידן פון אמאָל און היינט, זיך באקענען מיט די גרויסע העלדן און מיט יידישע געלערנטע וואָס האָבן געלעבט אמאָל און האָבן געשאפן אלע יידישע ספרים.

זיי ווילן, אז איך זאָל זיך באקענען מיט די יידישע שריי־בער און זייערע ווערק: רייזען, שלום עליכם, האלפערין, פּרץ, מענדעלע און א סך אנדערע.

זיי ווילן אז איך זאָל קענען ליינען אַ יידישע צייטונג און קענען שרייבן און ענטפערן א בריוו.

איך בין געגאַנגען אין דער יידישער שול פינף יאָר, פון 1937—1942. איך האָב די גאַנצע צייט געלערנט אין דער שלום עליכם שול. איך האָב באַוויזן זיך אויסצולערנען יידיש לייענען און שרייבן. איך קאָן נישקשהדיק די ווערק פון די יידישע שרייבער. אַך ווייס אויך אַביסל די געשיכטע פון יידישן פאָלק.

▼

שיינדל הורסט

יידישע קינדער אין אַמעריקע

אין אמעריקע לעבן אריבער פיר מיליאָן יידן. די מערהייט פון די אמעריקאנער יידן זיינען פארמעגלעך און גוט סיטואירט. זיי לעבן אין די גרויסע שטעט. די יידישע קינדער לעבן אין אמעריקע אזוי ווי די קינדער פון אלע אנדערע פעלקער. זיי גייען אין די ענגלישע פּאַבליק־סקולס און הייסקולס. די עלטערע קינ־דער באַזוכן קאָלעדזשעס און אוניווערסיטעטן.

די יידישע עלטערן פארשטייען איצט בעסער דאָס לעבן פון זייערע קינדער און זייערע פּראָבלעמען. די קינדער זיינען בעסער אָנגעטאָן, האָבן א בעסערע דערנערונג, און לעבן אין בעסערע באַדינגונגען ווי מט יאָרן צוריק. די יידישע קינדער נעמען אָן אנטייל אין אלע ספּאָרטן און שפּילן. אויך א מוזי־קאַלישע אויסבילדונג באַקומען א סך יידישע קינדער.

א סך פון די יידישע קינדער ווייסן ניט פון וואָס פאַר א פאָלק זיי שטאַמען אָפּ. זיי ווייסן־ניט גאָרניט פון דער יידישער געשיכטע, פון יידישן לעבן, פון יידישע שרייבער און בכלל וועגן יידן. זיי קענען ניט די שפּראַך פון יידן און קענען ניט רעדן יידיש. א קלענערע צאָל פון יידישע קינדער גייען אין "סאַנדיי" סקולס, תלמוד תורות און יידישע פאָלק שולן.

אין די יידישע פאָלק שולן לערנען די קינדער געשיכטע, יידישן לעבנס שטייגער, די יידישע שפּראַך און יידישע ליטע־ראַטור. זיי באַקענען זיך מיט יידישע העלדן פון אַמאָל, און

מיט די יידישע געלערנטע. די קינדער דערוויסן זיך וועגן לעבן פון יידן אין אלע לענדער וואו זיי וואוינען, זיי באקענען זיך מיט יידישע שרייבער און זייערע ווערק. אין תלמוד תורות לער־נען מערסטנטייל יינגלעך וואס שטאמען פון פרומע עלטערן, און די קינדער לערנען דארט אין העברעאיש. זיי לערנען תנ״ך און רעליגיע. אין די ״סאנדיי״ סקולס לערנען די קינדער אין ענגליש די יידישע געשיכטע פון אמאל און היינט.

אצט אין דער צייט פון דער מלחמה טוען די יידישע קינדער און זייערע עלטערן א סך פאר אמעריקע. אזוי ווי אלע קינדער פון אנדערע פעלקער, קויפן זיי מלחמה־מארקעס, קלייבן צונויף פאפיר, ציין, אלומינום און אנדערע זאכן וואס זיינען נייטיק פאר דער מלחמה. די יידישע קינדער פארשטייען אז אויך זיי דארפן העלפן צו געווינען די מלחמה.

די יידישע קינדער וואס לעבן דא זיינען גליקלעך ווייל זיי לעבן אין אמעריקע. זיי לעבן אין א פרייען לאנד און געניסן פון אלע רעכט וואס דאס לאנד גיט אלע בירגער. אלע יידישע קינדער וואס לעבן ניט אין אמעריקע האפן, אז זיי וועלן אמאל קענען לעבן אזוי ווי מיר די קינדער פון די פאראייניקטע שטאטן, אויב ניט ווי קינדער איז ווי עלטערע מענטשן. לאמיר האפן, אז נאך דער מלחמה וועלן אויך די יידישע קינדער אין אנדערע לענדער לעבן אזוי ווי מיר אין אמעריקע.

▼

חיים סילווערמאן

אנטיסעמיטיזם אין אמעריקע

איך האב זיך צוגעהערט צו דער ראדיא. ס׳איז געווען פון דייטשלאנד. דער רעדנער פון דער ראדיא האט געזאגט: ״רוזוועלט און טשוירטשיל זיינען פארבונדן מיט די יידן.״ ״עס איז א יידישע מלחמה.״ „אמעריקע איז געווען א גאלדן לאנד, זיינען געקומען די יידן און עס צושטערט״, צו אט די רייד הערן זיך צו פיל מענטשן, פאר א סך פון זיי זיינען אזעלכע ווערטער הייליק ווי די ביבל.

אין דער בארימטער "סאָשל דזשאסטיס" האָב איך גע־לייענט. "יידן האָבן אונטערשטיצט דעם באָלשעוויזם אין רוס־לאַנד און ווילן עס איינפירן אין אמעריקע."

עס איז דאָ אין אמעריגע 3 טיפּן אנטיסעמיטן:

1. די ערשטע — די פירער: קאָגלין און פּריץ קוו.
2. די אנטיסעמיטישע ארבעטס־געבער.
3. דער מענטש פון דער גאַס.

די ערגסטע פון אלעמען זיינען די פירער. זיי זיינען עס די וואָס העצן און פארסמען די איבעריקע מיט אנטיסעמיטישע פּראָפּאַגאַנדע. די צווייטע: די ארבעטסגעבער פארשאַפן אמ־מערסטן צרות די יידן. זיי לאָזן ניט צו קיין יידן צו דער ארבעט.

דער פּשוטער מענטש אין דער גאַס הערט און לייענט די גיפ־טיקע רייד און מיינט אַז עס איז אַ אמת.

דער אנטיסעמיטיזם אין אמעריקע איז פיל שטאַרקער ווי אנדערע מיינען. ער איז בלויז מער פארבאהאלטן. און נישט אזוי געפערלעך ווי ערגעץ אנדערש וואו. מען מוז אָבער אויך אין אמעריקע באַקעמפן דעם אנטיסעמיטיזם.

▼

מילי קורטשיצער

פּוירל האַרבאָר

ס'איז געווען פיר אזייגער פארטאָג אויפן אינדזל פּוירל־האַרבאָר. אלע ציווילע מענטשן און די זעלנער אויך, זיינען רואיק געשלאָפן. די שיפן זיינען שטיל געשטאַנען אין די פּאָרטן. ד עראָפּלאַנען־וועכטער זיינען געשטאַנען אויף דער וואַך.

מיט אמאָל האָט מען דערזען יאַפּאַנישע עראָפּלאַנען אויפן הימל. און באַלד האָבן אָנגעהייבן צו פאַלן באָמבעס. שרעקלעכע פייערן זיינען אויסגעבראָכן אומעטום, הייזער זיינען צעשטערט געוואָרן. מענטשן זיינען געלאָפן. ווי משוגע. זייער א סך זעלנער און אויך ציווילע מענטשן זיינען געהאַרגעט געוואָרן.

און א פּאָר שעה נאָכדעם האָבן די איינוואוינער אין

אמעריקע געהערט דורכן ראַדיאָ די שרעקלעכע נייעס. קיינער האָט נישט געוואָלט גלייבן אַז ס׳איז אמת, אָבער ס׳איז גע־ווען אַזוי. אַלע האָבן געוואַרט וואָס דער פּרעזידענט וועט טאָן, צי וועט ער דערקלערן מלחמה? באַלד איז טאַקע געקומען די נייעס: אמעריקע איז אַריין אין מלחמה מיט יאַפּאַן.

▼

ליבע חיה סאַלצבערג

אַ בריוו צו אַ קינד אין אייראָפּע

טייערער פריינט:

איך האָב געקראָגן דיין זייער אינטערעסאַנטן בריוו. איך פאַרשטיי ווי איר לעבט און ווייס ווי שווער ס׳איז אייך צו שרייבן אַ בריוו און איך וועל האַלטן אייער בריוו אַלעמאָל. מיר ווייסן ווי מען פּייניגט אייך, ווי די דייטשע סאָלדאַטן טרייבן אייך פון איין אָרט צו דעם אַנדערן. מיר ווייסן ווי איר ליידט הונגער און ווי מען האָט אייך פאַרשפּאַרט אין געטאָס, מיר וואָלטן געוואָלט אייך העלפן אויב עס וואָלט נאָר געווען מעגלעך, מיר שיקן זאַכן אָבער מיר ווייסן ניט אויב איר קריגט עס.

אַ סך, וואָלטן מיר אייך, געשיקט ווען מען וואָלט אונדז געלאָזט, איצט וועל איך אייך דערציילן אַביסל פון אמעריקע, די מענטשן דאָ אַרבעטן פאַר אונדזער אַרמיי. די אַרבעטער מאַכן עראָפּלאַנען, טאַנקן, האַרמאַטן און קוילן, די ווייבער העלפן, דעם רויטן קרייץ, און שטריקן זאַכן פאַר די זעלנער, אונדזערע אַרמייען געפינען זיך שוין אין ענגלאַנד און אויסטראַליע. זיי שלאָגן זיך, אויף אַלע פראָנטן קעגן אונדזערע און אייערע פיינט, אונדזער האָפנונג איז אין דער שטאַרקער אמעריקאַנער אַרמיי.

איר קענט נישט הערן אונדזער ראַדיאָ, אָט האָט גערעדט דער פּרעמיער פון ענגלאַנד און געזאָגט אַז די לאַגע פון דער מלחמה איז פיל בעסער פאַר אונדז, און די צייט איז ניט ווייט ווען עס וועט קומען דער זיג. אייראָפּע וועט באַפרייט ווערן,

זייט דעריבער ניט פארצווייפלט, כאטש עס איז אייך שלעכט, האט האפנונג אז עס וועט קומען א צייט ווען די גאנצע וועלט וועט האבן שלום און פרייהייט.

אייער טייערע פריינט,

ליבע חייה סאלצבערג

▼

מילקע שקאלניק

צוויי גרויסע יידישע געלערנטע פון מיטל אלטער

כאטש אין דער זעלבער צייט האבן אין מיטל אלטער געלעבט צוויי גרויסע יידישע געלערנטע רשי און דער רמב"ם, איינער געבארן אין פראנקרייך דער צווייטער אין שפאניע. זיינען ביידע געווען שטארק בארימט צווישן יידן און האבן געהאט א גרויסן איינפלוס אויף די שפעטערדיקע דורות.

רשי איז געבארן געווארן ווען זיינע עלטערן זיינען געווען אלטע לויט רשי'ס טאטע ר' יצחק האט געהאט צער וואס זיין ווייב האט אים נישט געגעבן קיין קינדער. א לעגענדע דערציילט, אז: איין מאל גייענדיק אהיים האט ר' יצחק געפונען א שיינענדיקן שטיינדל. ער האט אויסגעפונען, אז דאס איז נישט קיין פשוטער שטיין נאר א דימענט. אין דער זעלבער צייט האט דער בישאף פון ווארמס געזוכט א גרויסן דימענט פאר א הייליק בילד. וויפיל דער בישאף האט נישט פארגעלייגט פארן דימענט האט רשי'ס טאטע נישט גענומען. ר' יצחק האט דעם דימענט אוועקגעווארפן אין טייך ווייל ער האט ניט געוואלט געבן אדער פארקויפן דעם דימענט פאר א קריסטלעך בילד. ווען ער האט דאס געטאן האט ער געהערט א שטימע פון הימל "דערפאר וואס דו האסט אוועקגעווארפן דעם דימענט וועט ביי דיר געבארן ווערן א זון." א קורצע צייט נאך דעם אין יאר 1040 אין דער שטאט טריא (פראנקרייך) איז געבארן געווארן א זון ביי ר' יצחק און זיין ווייב, דעם קינד האבן זיי געגעבן א נאמען שלמה.

ביז 14—15 יאר פון זיין לעבן האָט רשי געלעבט מיט זיינע עלטערן אין טרויא. ווען אין שטאָט איז נישט געבליבן קיי־נער ביי וועמען רשי האָט געקענט לערנען האָט ער געוואַנדערט אין אַ סך שטעט פון דייטשלאַנד, עגיפּטן און אין די מזרח־לענדער. אויסער תּלמוד האָט ער געלערנט שפּראַכן, מעדיצין און מאַטעמאַטיק. ער איז געווען נאָך אַ יונגער מענטש ווען ער האָט שוין געהאַט אַריינגענומען אין זיין קאָפּ דאָס גאַנצע דע־מאָלסטיקע יידישע און אויך נישט יידיש וויסן.

נאָך דעם ווי ער האָט חתונה געהאַט האָט ער זיך באַזעצט אין זיין געבוירן שטאָט, טריאַ וואו ער האָט געעפנט אַ ישיבה. פאַר עלטערע תּלמידים צום לערנען תּלמוד. ער איז געווען אַ פאָטער צו זיינע שילער. רשי איז געווען שטאַרק און גרוים באַ־רימט צווישן יידן. פון ווייטע לענדער פלעגט מען קומען פרעגן וועגן שווערע און אומקלאָרע טיילן פונעם תּלמוד, אָדער וועגן יידישע געזעצן. די אַלע פראַגעס האָט רשי געענטפערט קלוג און קורץ.

רשי האָט געהאַט אַסך תּלמידים און די אַלע תּלמידים האָבן זיך צעשפּרייט איבער גאַנץ דייטשלאַנד און פראַנקרייך און גרוים געמאַכט דעם נאָמען פון זייער לערער אויף וועמען זיי האָבן געקוקט ווי אויף אַ הייליקן.

איבער דרייסיק יאָר איז רשי געזעסן אין טריאַ און ביסלעכ־ווייס אָנגעשריבן אַ גרוים ווערק — אַ קאָמענטאַר צום תּלמוד און תּנ״ך. רשי׳ס קאָמענטאַר איז געווען אַזוי קלאָר אַז יעדער יונגער בחור האָט געקענט לערנען דעם תּלמוד אָן אַ לערער. ווען מען האָט געלערנט דעם תּנ״ך מיט רשי׳ס קאָמענטאַר האָט מען דאָס גערופן ״חומש מיט רשי.״

רשי׳ס קאָמענטאַר האָט געמאַכט אַלץ קורץ, קלאָר, און פאַרשטענדלעך אפילו די שווערסט ע ערטער אין תּלמוד.

עס ווערט דערציילט אַ מעשה: אַז ווען רשי האָט געענדיקט זיין קאָמענטאַר האָט זיך פאַר אים געוויזן משה רבינו און געזאָגט: ״דו ביזט דער איינציגער וואָס האָט פאַרשטאַנען וואָס איך האָב געמיינט.״

רשי איז געשטאָרבן אין יאָר 1105.

דרייסיק יאָר נאָך רשי׳ס טויט איז געבאָרן געוואָרן א צווייטער גרויסער יידישער געלערנטער דער רמב״ם. זיין פאָטער, רבי מיימון איז געווען א יידישער געלערנטער , א גרויסער קע־נער פון תלמוד און אויך פון וועלטלעכע וויסנשאַפטן. דער רמב״ם איז געבאָרן געוואָרן אין יאָר 1135 אין קאָרדאָווע (שפאַניע). רמב״ם איז די פאַרקירצונג פון רבי משה בן מיימון.

פון זיינע יינגסטע יאָרן אָן איז דער רמב״ם געווען א מתמיד און האָט אַלעמען איבעררראַשט מיט זיין גראָדן שכל און שאַרפזין. זיין טאַטע איז געווען זיין לערער. אין יאָר 1148 איז דער רמב״ם צוזאַמען מיט זיין גאַנצער משפחה פאַרטריבן גע־וואָרן פון לאַנד. 15 יאָר האָט דער רמב״ם מיט זיין פאַמיליע געוואַנדערט פון שטאָט צו שטאָט. אָבער אין משך פון די אַלע וואַנדער־יאָרן האָט דער יונגער משה נישט אויפגעהערט צו לערנען און שטודירן. א חוץ יידישן וויסן האָט ער געלערנט מאַטעמאַטיק, אַסטראָנאָמיע, נאַטור וויסנשאַפט, פילאָזאָפיע, און מעדיצין. אין זיין וואַנדער לעבן האָט דער רמב״ם זיך באַקאַנט מיט די גרעסטע מענטשן פון זיין צייט. ער האָט געהאַט די געלעגנהייט צו שטודירן דאָס יידישע לעבן אין פאַרשיידענע שטעט און לענדער.

נאָך אין זיינע וואַנדער־יאָרן האָט רמב״ם אָנגעהויבן שרייבן א ווערק וועגן משנה (א טייל פון תלמוד) געשריבן אויף אַראַביש. אין פאַקטאַט האָט ער געענדיקט דאָס דאָזיקע ווערק.

אין יאָר 1165 איז דער רמב״ם מיט זיין גאַנצער פאַמי־ליע געפאָרן איבער ים קיין ארץ ישראל. אין זעלבן יאָר הייבט אָן דער רמב״ם פּראַקטיצירן מעדיצין. אין א קורצער צייט איז דער נאָמען פון רמב״ם געוואָרן באַרימט אַלס איינער פון די גרעסטע דאָקטוירים פון זיין צייט.

דער רמב״ם איז געוואָרן דער לייב דאָקטאָר פון סולטאַן. ער ווערט אויך דער אָנגעזעענסטער פירער פון יידן. צו אים קומט מען מיט פראַגעס פון איבער דער גאַנצער דעמאָלסטיקער יידי־שער וועלט. דעם רמב״םס וואָרט איז געוואָרן ווי א געבאָט צווישן יידן. אפילו די גרעסטע רבנים זיינען געקומען צום רמב״ם מיט פראַגן. צען יאָר האָט געדויערט ביז דער רמב״ם

האט געענדיקט נאָך איינעם פון זיינע גרויסע ווערק "יד חזקה", דאָס ווערק איז געשריבן אין העברעאיש, כדי אַלע יידן פון אַלע לענדער זאָלן זיך מיט דעם קענען באַנוצן, חוץ דעם האָט ער אויך אָנגעשריבן אַ גרויסע פילאָזאָפיש ווערק אין אַראַביש אונטערן נאָמען מורה נבוכים."

ער איז געשטאָרבן אין יאָר 1204 אין פוסטאַט. ביי די יידישע קינדער פון דער אַלטער וועלט זיינען רשי און דער רמב"ם געווען באַוואוסט, רשי דורך לערנען "חומש מיט רשי" און דער רמב"ם דורך די לעגענדעס וועגן זיינע מעדיצינישע וואונדער. קינדער פלעגן דערציילן אַז דער רמב"ם האָט געקענט צעשניידן אַ מענטשן אויף שטיקלעך און אים צוריק צוזאַמענשטעלן אַ לעבעדיקן. אַזוי אַז רשי און דער רמב"ם זיינען באַוואוסט ביי יידן סיי קליין, סיי גרויס.

▼

פישל אַדערבערג

העלדן פון דער יידישער געשיכטע

זינט די איצטיקע וועלט מלחמה איז אויסגעבראָכן הערן מיר אַ סך וועגן מענטשן, העלדן רופט מען זיי. זיי ווערן געלויבט פון דער גאַנצער וועלט פאַר אויסצייכענען זיך אויף דעם שלאַכטפעלד, אין דער לופטן אָדער אויפן ים.

אויך אין דער אַלטער יידישער געשיכטע זיינען געווען מענטשן וואָס זיינען געווען באַרימט פאַר העלדישקייט.

איינער פון זיי איז געווען דער כוהן — מתתיהו, פון דער משפחה חשמונאים. אין דער צייט ווען די גריכן האָבן געהערשט איבער דער גאַנצער וועלט איז דער גריכישער קעניג געווען אַנטיאָכוס, וועמען מען האָט גערופן עפּיפאַן וואָס מיינט "דער פון גאָט געשיקט." אַנדערע אָבער האָבן אים גערופן עפּימאַן דער משוגענער. דער דאָזיקער קעניג האָט געוואָלט אַז אַלע יידן

זאלן זיך שמדן און ווערן גריכן. ער האט איינגעפירט גריכישע גימנאזיעס, וואו די יידישע קינדער זאלן לערנען די גריכישע קולטור און ספארט שפּלן. ער האט אוועקגעשטעלט סטאטועס פון די גריכישע געטער און אלטארן צו ברענגען קרבנות פאר זיי.

אין יענער צייט האט אין שטעטל מוד׳ען געוואוינט א כהן מתתיהו מיט זיינע פינף זין, אין דעם דאזיקן שטעטל, האט אן אסירישער אפיצער אויפגעשטעלט אין מיטן מארק א מזבח, און ער האט אוסגעשריען, אז עמעצער זאל ארופקומען און שעכטן א חזיר פאר א קרבן צו זייער אפגאט.

מתתיהו אבער האט גלייך אויפן ארט געטויט דעם יידן וואס האט זיך דערנעענטערט צום אלטאר. זיינע זין האבן גע־הארגעט דעם אפיצער, די יידן אונטער מתתיהו׳ם און זיינע זין׳ס אנפירונג, האבן גלייך אנגעהייבן דעם קאמף מיט די גריכן. נאך מתתיהום טויט, האט זיין זון יהודה מכבי "דער האמער", איבערגענומען די פירערשאפט פון אויפשטאנד, און ער מיט זיינע נאכפאלגער האבן זיך ניט אפגעשטעלט, ביז זיי זענען ארייגגעגאנגען אין ירושלים. ווען זיי זיינען דארטן אריינגעגאנגען האבן זיי ריין געמאכט דעם חרוב׳ן טעמפל און געמאכט דעם יום־טוב חנוכה.

נאך צוויי העלדן פון דער שפעטערדיקער יידישער גע־שיכטע, זיינען רבי עקיבא און בר כוכבא. זיי האבן געלעבט אין דער צייט ווען די רוימער האבן געהערשט איבער דער וועלט. זייער שווער איז געווען די רוימישע הערשאפט איבער יהודה. טיטוסעס ברודער, דער קיסר דאמיציאן, האט זייער געדריקט די יידישע באפעלקערונג, מיט שווערע שטייערן און אנדערע גזירות. דער נשיא גמליאל, רבי עקיבא, און נאך צוויי באגליי־טער זיינען אוועק קיין רוים, בעטן ביים קיסר, אז ער זאל אפ־שטעלן די דאזיקע גזירות, אבער זיי האבן גארניט געפועלט. דעמאלט, האט מען אנגעהייבן גרייטן אן אויפשטאנד קעגן די רוימער. ס׳האבן זיך באוויזן יידישע פאטריאטן וואס זיינען גרייט געווען קעמפן פאר זייער לאנד.

אין יהודה, האָבן די יידן געמאַכט אַן אויפשטאַנד קעגן אַדריאַן און זיין מעכטיקער אַרמיי. דער פירער פון די יידן איז געווען בר־כוכבא, אַ גרויסער גיבור און אַ פייערדיקער פּאַטריאָט. רבי עקיבא איז אַרומגעפאָרן איבער יהודה און געזאַמעלט געלט, פאַר דער רעוואָלוציע. דערווייל האָט בר־כוכבא געזאַמעלט סאָלדאַטן און אָרגאַניזירט אַן אַרמיי פון טויזנטער יידן. אין פילע שטעט פון יהודה און גליל, האָבן באַוואָפנטע יידן צע־שלאָגן און פאַרטריבן די רוימישע גאַרניזאָנען. דריי לאַנגע בלוטיקע יאָרן האָט די מלחמה געדויערט, ביז די רוימער האָבן צעשטערט ביתר וואו בר־כוכבא און זיין אַרמיי האָבן זיך באַ־פעסטיגט, אין די קאַמפן ביי ביתר, איז געפאַלן דער העלד פון דעם אויפשטאַנד בר־כוכבא. רבי עקיבא'ן האָבן די רוימער שפּעטער געכאַפּט, און פאַרמשפּט צו אַ שרעקלעכן טויט. ער איז געשטאָרבן מיט די ווערטער „שמע ישראל." אַ אמת'ר העלד.

פאַרענדיקנדיק די באַשרייבונג פון די העלדן פון דער יידישער געשיכטע, וויל איך דערמאָנען נאָך איין העלד נט פון דער ווייטער פאַרגאַנגענהייט, נאָר פון דער קעגנוואַרט. זיין נאָמען איז הערש גרינשפּאַן. ער האָט געוואוינט אין דייטשלאַנד ביז 1933. ווען מען האָט אַריינגעזעצט אין תפיסה זיינע אומ־שולדיקע עלטערן. אין פראַנקרייך, וואו ער איז אַוועקגעפאָרן, האָט ער געוואוינט מיט זיין פעטער. זיינע עלטערן זיינען פאַר־פייניקט געוואָרן דורך די נאַציס אין דייטשלאַנד. ער האָט ביי זיך אָפּגעמאַכט אַז ער וועט נקמה נעמען פון די נאַציס, ער איז אַריין אין דער נאַצישער אַמבאַסאַדע און געשאָסן אויף אַ נאַצי אַגענט. מען האָט אים דערפאַר אַריינגעזעצט אין תפסה. ווען מ'האָט צו דעם 17 יאָריקן העלד גערעדט, האָט ער געזאָגט, אַז ער איז גרייט צום שטאַרבן און אַז ער וואָלט עס נאָך אַמאָל געטאָן ווען מען וואָלט אים נאָר געלאָזט.

הערשל גרינשפּאַן איז נאָר איינער פון די פייערדיקע העלדן פון דער איצטיקער צייט. אויב די יידן וועלן אייביק האָבן אַזעלכע העלדן ווי רבי עקבא, מתתהו און גרנשפּאַן וועלן מיר ניט דאַרפן זאָרגן פאַר אונדזער יידישער צוקונפט.

יהודית בראָדסקי

פֿאַרוואָס איך וויל פֿאָרן קיין ארץ ישראל

ס'איז מיין טיפער גלויבן, אַז דער קיום פון דעם יידישן פאלק איז אָפּהענגיק פון ארץ ישראל ... אונדזער היימלאנד. די אמעריקאנער יידן מיט אלע זייערע מעגלעכקייטן פארגעסן זייער אָפּט זייערע ליידנדיקע ברידער איבער דער גאַנצער וועלט. ווען מיר יידן וואלטן געהאט אַן אייגענע מלוכה, אויף וועלכע מיר זאָלן זיך קענען שטיצן אין צייט פון וועלט קריזיסן, וואָלטן אונדזערע אייגענע און נאָענטע פון יענער זייט ים נישט דורכגעגאַנגען דעם ביטערן גיהנום פון אונזער צייט. עמיצער דאַרף דאָך זיין דער פּיאָנער פאַר דער שאַפונג פון דער מלוכה. די חלוצים זיינען דאָס. איך אַלס ייד, פיל דעם חוב און בין גרייט בייצוטראָגן אויך מיין טייל צו דער פארווירקלעכונג פון דעם דאָזיקן אידעאַל.

די וואָס דענקען, אַז אַמעריקע איז דאָס לאַנד פון האָפנונג פאר אלע און במילא אויך פאַר אונז יידן, צו זיי וויל איך זאָגן: "אַזוי לאַנג ווי די סטרוקטור פון דעם אמעריקאנעם עקאָנאָמישן און סאָציאַלן לעבן וועט זיין באַזירט אויף דעם איצטיקן סיסטעם פון פּראָפיט וועלן די עמיגראַציע גזורות נישט ווערן אָפּגעשאַפט און יידן וועלן נישט אריינגעלאָזן ווערן אהערצו.

די יידן אין ארץ ישראל מיט טויזנט יאָר צוריק זיינען געווען אַ פריי און זעלבסטשטענדיק פאָלק פון גרויסער קולטור. דער תנ"ך דערציילט אונז וועגן דער גלאָריע פון אונזער אַמאָל. דאָס קאָן און מוז ווערן אַ ווירקלעכקייט פון היינט. די לאַגע פון די יידן איבער גאָר דער וועלט איז מחויב דערצו. און ווייל איך פיל אַזוי שטאַרק די נויטווענדיקייט פון דעם, דערפאר איז מיין באַשלוס צו פאָרן אין דעם לאנד פון אונזער פארגאַנגענהייט און מיט די אייגענע הענט צו טראָגן אויך מיין קליינעם חלק צו דעם אויפבוי פון אונזער צוקונפט. און דורך פּראָדוקטיווער ארבעט פארוואַנדלען אַ חלום אין אַ ווירקלעכקייט. ציטירנדיק הערצלען: "אויב איר ווילט, איז עס ניט קיין חלום."